STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05888

# YIDISHE GESHIKHTE FAR SHUL UN HOYZ

H. Efrati

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יידישע געשיכטע

## פאר שול און הויז

— פון —

ח. אפרתי

---

צווייטער טייל

## די צייט פון בית שני



הוצאת:
סטאר היברו בוק קאמפאני
58-54 קאנעל סטריט, ניו יארק
תרפ"ח

# אינהאַלט:

## צווייטער טייל


1. די צייט, ווען די גריכן האָבן געוועלטיקט איבער יהודה (332-142) — — — — — — — — — — — — — — 5

די גריכן אָדער העלענען. — די פּרנסות פון די יידן. — ווי אזוי איז דאס לאנד יהודה געוואָרן רעגירט. — די גריכישע השפעה אין ירושלים. — דער סירישער קיניג אנטיוכוס עפּיפאנעס און די העלעניזירונג פון לאנד יהודה. — די גזרה קעגן דער יידישער אמונה און רדיפות אויף יידן.

2. די חשמונאים און דער קאַמף פון די יידן פאַר זייער גלויבן און פרייהייט (167-142) — — — — — — — — 29

מתתיהו החשמונאי. — יהודה המכבי. — די אויפריכטונג פון בית המקדש. — די מלחמה פון די יידן קעגן דער באַפעלקערונג פון גליל און עבר הירדן. — אנטיוכוסעס גזרה ווערט בטל. — דער כהן גדול אלקימוס. — יהודה המכבי'ס טויט. — דער קאַמף פון די ירושלימער גדולים קעגן יהודה המכבים ברידער. — יונתן. — יונתן כהן גדול. — מלכות יהודה ווערט א פרייע מלוכה.

3. די צייט פון דער פרייער מלכות יהודה (142-63) — — — 54

דער יידישער נשיא שמעון החשמונאי (142-135). — דער נשיא יוחנן הורקנוס (135-104). — קיניג אריסתובול I (104-103). — דער לעבנס-שטייגער פון די יידן. — ווי אזוי איז די יידישע מלוכה געוואָרן רעגירט. — דאָס גייסט-לעבע לעבן. — פרושים און צדוקים. — קיניג אלכסנדר ינאי (103-76). — קיניגין שלומית-אלכסנדרה (76-67). — קיניג אריסטובול II (67-63). — די רוימער נעמען איין מלכות יהודה.

4. די צייט, ווען די רוימער האָבן געוועלטיקט איבער מלכות יהודה (63 יאר פאר דער קריסטל. צייט — 66 יאָר נאָך דער קריסטל. צייט) — — — — — — — — — 88

די רוימער. — דער אָנהויב פון דער רוימישער הערשאפט.— קיניג הורדוס (37-4 פאר דער קריסטל. צייט).— די פּרנסות. — ווי אזוי איז געוואָרן רעגירט מלכות יהודה נאָך הורדוסעס טויט. — די מנהגים. — דאס גייסטיגע לעבן און די איסיים.

5. דער אויפשטאַנד פון די יידן קעגן דער אויבערהער־שאפט פון די רוימער (66-73) — — — — — — — — — — 119

קיניג אגריפס II און די ערשטע סימנים פונ׳ם אויפשטאַנד. — דער נצחון פון די קנאים. — דער אויפשטאַנד אין גליל. — יוסף פלאוויוס. — ברודער-קריג אין ירושלים און יוחנן פון גוש חלב. — די באלאגערונג פון ירושלים. — דער בית המקדש ווערט פארברענט, און ירושלים ווערט חרוב.

6. מלכות יהודה נאָך דער מלחמה מיט די רוימער (73-425) 144

די פּרנסות. — ווי אזוי איז מלכות יהודה רעגירט גע־וואָרן. — דאָס גייסטיקע לעבן. — רבי עקיבא. — דער אויפ־שטאַנד פון בר כוכבא (132-135). — פּאַלעסטינע נאָכן אויפשטאַנד פון בר כוכבא. — רבי מאיר. — רבי יהודה הנשיא (170-210). — די צייט פון די לעצטע נשיאים.

7. די יידישע קאָלאָניעס — — — — — — — — — — — — 174

פון וואס מען לעבט. — די אינווייניקסטע פּאַראַנדקעס. — דאָס גייסטיקע לעבן. — פילון פון אלכסנדריא און די פאַר־שפּרייטונג פון דער יידישער אמונה. — דער אויפשטאַנד פון די קאָלאָניעס (115-117).

8. יידן אין בבל (70-500 פון דער קריסטל. צייט) — — — 191

פון וואס מען לעבט. — די אינווייניקסטע פּאַראַנדקעס. — מידות און מנהגים. — דאס גייסטיקע לעבן. — רב הונא. — די חתימה פון תלמוד בבלי.

## 1.

# די צייט ווען די גריכן האָבן געוועלטיקט איבער יהודה.

(332—142 פאר דער קריסטלאכער צייט).

## די גריכן אָדער די העלענען.

גריכנלאנד אָדער העלאַס פאַרנעמט דעם דרום-טייל פון באלקאַנישן האלב-אינזל. דאָס לאַנד איז באַדעקט מיט ניט קיין הויכע בערג. און אין זיינע ברעגעס זיינען איינגעשניטן טיפע בוכטעס. דאָס קלימאַט איז דאָ וואַרים און מילד, אָבער דער באָדן איז שטייניק. אין אַמאָליקן גריכנלאַנד זיינען גע-ווען זעלטן וואו אקער-פעלד, וויינגערטנער און סעדער: פרוכ-פערטיקע ערד איז געווען ווינציק, און אַ צייט איז די הויפּט-פרנסה פון די העלענען געווען האָדעווען בהמות. זיי האָבן געהאַלטן סטאַדעס ציגן און שעפּסן, וואָס מען האָט זיי געקאָנט פיטערן אויף די זייטן בערג.

כל זמן אין העלאַס זיינען געווען ווינציק מענטשן, האָבן די איינוואוינערס געקאָנט זיך מפרנס זיין פון ערד-ארבעט און פון האָדעווען בהמות. נאָר מיט דער צייט האָבן זיך די גריכן שטאַרק פאַרמערט, און עס איז געוואָרן אַלץ שווערער צו לעבן. שוין טויזנט יאָר פאַר דער קריסטלאכער צייט האָט ניט גע-קלעקט קיין ערד פאַר אַלעמען, און אַ סך גריכן האָבן אָנגעהויבן אַרויספאָרן אין שכני׳שע לענדער, בכדי צו זוכן זיך פאַרדינסטן אין דער פרעמד.

אין מזרח-זייט פון גריכנלאנד ליגט דער עגעאישער ים אדער ארכיפעלאג. דארט זיינען צעווארפן א סך אינזלען. אהין פלעגן פארן די גריכן, וואס האבן ניט געהאט פון וואנען צו לעבן ביי זיך אין דער היים. געקומען אויף די אינזלען, פלעגן זיי צוערשט צונעמען ביי די ארטיקע איינוואוינערס אלע טייערע זאכן, וואס יענע האבן פארמאגט, און מיטן אנגעראבעוועטן גוטס פלעגן זיי זיך אומקערן ארויס. נאר מיט דער צייט האבן די גריכן אנגעהויבן זיך צו באזעצן אויף די אינזלען פון ארכיפעלאג, און אין 200—330 יאר ארום זיינען כמעט אלע אינזלען, למשל קרעטא, מאמאס, ראדאס, און אויך די ברעגעס פון קליין-אזיע, געווען באזעצט דורך העלענען.

פון קליין-אזיע האבן די גריכן אנגעהויבן פארן קיין מצרים. דארט האבן זיי זיך אויסגעלערנט פארשיידענע מלאכות און האבן אנגעהויבן אויסארבעטן געווער פון מעטאלן, ליימענע געפעס און פארשיידענע געוואנטן. צוערשט האבן זיי דאס אלץ אויסגעארבעט פארן אייגענעם געברויך, שפעטער אבער — אויך צום פארקויפן. זיי האבן זיך אויסגעלערנט בויען שיפן, וואס זיינען געווארן געטריבן דורך זעגלען און רודערס, און האבן אנגעהויבן פירן זייערע סחורות איבערן מיטעללענדישן ים. אויף שיפן פלעגן זיי פארן ניט נאר אין די מזרח׳דיקע לענדער — קיין מצרים, סיריע, בבל, נאר אויך קיין מערב. פאמעלעך האבן די העלענען אריבערגעשטייגט אין זייער האנדל אפילו די פעניקיער. אין אלע לענדער, וואס ליגן ארום די ברעגעס פון מיטעללענדישן ים, זיינען אויפגעקומען גריכישע קאלאניעס.

פון האנדל זיינען די העלענען שטארק רייך געווארן; דערצו נאך האבן זיי, א דאנק זייערע פיל נסיעות איבער דער וועלט און א דאנק זייערע שטענדיקע אויפטראגן מיט די פעניקיער, בבלים, מצריים און אנדערע געבילדעטע מזרח-פעלקער, זיך אנ-

געשאַפט אַ סך קענטעניש און זיינען געוואָרן אַלץ געבילדע־טער. אין גיכן האָבן די גריכן אָנגעהויבן אַריבערצושטייגן זיי־ערע רביים און האָבן זיך אַלץ מער אויסגעצייכנט אין קונסט און וויסנשאַפט. מיט 500 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט זיינען די העלענען שוין געווען דאָס געבילדעטסטע פאָלק אין יענער צייט. די גריכישע בנינים און זייערע סטאַטועס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדער שענקייט, און די גריכישע שריפטשטעלערס און געלערנטע האָבן געהאַט אַ שם אויף גאָר דער וועלט.

די העלענען זיינען געווען געצנדינער. זיי האָבן געהאַלטן פאַר געטער דעם הימל, די זון, דעם דונער און אַנדערע כוחות פון דער נאַטור. אַלע די דאָזיקע געטער האָבן זיי זיך אויסגע־מאָלט אין דער געשטאַלט פון מענטשן, וואָס זיינען אומגע־וויינלעך שטאַרק און שיין און לעבן אייביק. זיי האָבן גע־גלויבט, אַז זייער העכסטער גאָט, דער דונער־גאָט זעווס מיט זיין משפחה וואוינען אויפן הויכן באַרג אָלימפּ, אין אַ הייליג וועלדל. נעבן דעם דאָזיקן וואַלד איז געווען אויסגעבויט אַ טעמפּל, און עס איז געשטאַנען דאָרט אַן אומגעהייער גרויסע סטאַטוע פון זעווס. דאָרט פלעגט מען איינאָרדענען לכבוד דעם דונער־גאָט זעווס — געלויפן פון פערד און מענטשן, פויסט־געשלעגן, וואַרפן דיסקן (גרויסע רעדער פון מעטאַל) און שפּיזן אין ציל און אַנדערע שפּילן. צו די דאָזיקע שפּילן פלעגן זיך צונויפ־קומען צענדליקער טויזנטער העלענען. די גריכן זיינען בכלל געווען פריילעכע מענטשן, זיי האָבן ליב געהאַט געזעלשאַפט־לעכע שפּילן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. מיט אַ באַזונדער פריילעכקייט פלעגן זיי אָפּריכטן דעם פאָלקס יום־טוב לכבוד דיאָניסיוס, דעם גאָט פון וויין־פלאַנצונג.

זינט דעם 5־טן יאָרהונדערט האָבן די גריכן אַזוי איינגע־שטעלט דעם סדר פון זייערע מלוכות, אַז די איינוואוינער פון

איטלעכן לאַנד פלעגן אַליין אויסקלייבן זייערע אויבערשטע, און פאַרזאַמלונגען פון גאַנצן פאָלק אָדער פון אויסגעקליבענע מענטשן פלעגן באַשטימען איבער אַלע ענינים פון דער מלוכה. זייער פרייע צייט פלעגן די גריכן פאַרברענגען אויף די שטאָט-פלעצער, וואו עס איז שטענדיק געווען פול מענטשן. דאָ פלעגן זיי זיך דערוויסן אַלע נייסן און זיך דורכשמועסן וועגן די גע-שעהענישן אין לאַנד. די העלענען האָבן זייער טייער געהאַלטן די אָרדענונגען פון זייערע מלוכות און זייער שטייגער-לעבן און האָבן שטאַרק ליב געהאַט זייער לאַנד. אין דער זעלביקער צייט האָבן די גריכן באַוויזן אַ סך אויפצוטאָן אין מלחמות מיט זיי-ערע שכנים. די גריכישע זעלנערס זיינען געווען בעסער באַ-וואָפנט און מער געלערנט, איידער די פערסער, מצריים, יידן און אַנדערע. חוץ דעם, האָבן די אָרדענונגען פון דער מלוכה ביי די העלענען גורם געווען דערצו, אַז די גריכישע זעלנערס זיינען געווען אין שלאַכט זיכערער און פעסטער ביי זיך. די גריכן האָבן שטענדיק געוואוסט, צוליב וואָס זיי פירן מלחמה, און זיינען געווען גרייט צו פאַרטיידיקן זייער געבויר-לאַנד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ווען עס פלעגט טרעפן, אַז דער אָנפירער פלעגט פאַלן אין שלאַכט, פלעגן די גריכישע זעלנערס ניט דער-שראָקן און ניט צעטומלט ווערן, נאָר זיי פלעגן זיך ווייטער שלאָגן, ווייל איטלעכער האָט אַליין געוואוסט, וואָס צו טאָן.

אָט די מעלה האָט אויסגעפעלט ביי די זעלנערס פון די מזרח-פעלקער. דאָרט האָט יעדער איינציקער זעלנער פאַר זיך קיינמאָל ניט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן; זיי זיינען נאָר געוואוינט געווען בלינד צו פאָלגן די באַפעלן פון זייערע אָנפירערס. און ווי נאָר זיי פלעגן זיך דערוויסן, אַז דער קריגס-הויפטמאַן איז געפאַלן טויט, פלעגן זיי אַלע זיך תיכף צעלויפן. אומזיסט האָבן די פערסישע מלכים, וואָס האָבן איינגענומען מצרים, פעניקיע, פאַלעסטינע און אַנדערע לענדער פון אַזיע,

געפּרובט אונטערטעניק מאַכן אויך די העלענען; דאָס קליינע גריכנלאַנד האָט לא די וואָס ניט אונטערגעגעבן זיך דעם מוראַדיקן פּערסישן חיל, נאָר עס האָט אַפילו אָפּגעהאַלטן איבער אים גרויסע נצחונות.

ס׳איז קיין חידוש ניט, וואָס די גריכן האָבן אַלץ מער אָנגעהויבן האַלטן פון זיך. זיי האָבן זיך גערימט, אַז די העלענען זיינען קליגער פון אַלע איבעריקע מענטשן, אַז די גריכישע שפּראַך איז די בעסטע פון אַלע שפּראַכן, און האָבן מיט גאוה געקוקט אויף אַלע מזרח-פעלקער, אָנגערופן זיי באַרבאַרן, דאָס הייסט ווילדע.

אין יאָר 332 זיינען די העלענען געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן געקאָנט איינגעמען די גאַנצע פּערסישע מלוכה, מצרים, פעניקיע, בבל, פּאַלעסטינע און אַלע איבעריקע לענדער, וואָס האָבן געהערט צו די פּערסער. אין יענער צייט זיינען שוין אַלע העלענישע מלוכות געווען פאַראייניקט, און בראש פון זיי איז געשטאַנען אַ קיניג, אלכסנדר דער גרויסער פון מאַקעדאָניע אָדער אלכסנדר מוקדון. ער האָט געוואָלט, אַז אין אַלע לענדער, וואָס ער האָט איינגענומען, זאָלן וואוינען גריכן און זיי זאָלן האָבן די ערשטע דעה אין אַלע ענינים: צוליב דעם האָט ער אויסגעבויט אין די מזרח-לענדער אַ סך נייע שטעט. און די העלענען האָבן אין אַ קורצער צייט טאַקע פאַרשפּרייט זיך אומעטום. זיי האָבן זיך באַזעצט ניט נאָר אין די נייע שטעט, נאָר אויך אין די אַלטע שטעט פון געוועזענעם פּערסישן קיניגרייך. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אַזש ביז שושן, בבל און נאָך ווייטער קיין מזרח; באַזונדערס אַ סך גריכן האָבן געוואוינט אין די מערב׳דיקע אַזיאַטישע שטעט, אין דמשק, ירושלים, און נאָך מער אין די שטעט פון ארץ-ישראל, וואָס ליגן ביים ברעג ים און ביי די גרעניצן פון פעניקיע. חוץ גריכישע זעלנערס, האָבן זיך אומעטום באַזעצט גריכישע סוחרים און בעלי-מלאכות.

אלכסנדר מוקדון האט געקיניגט ניט לאנג. אין יאר 323 איז ער געשטארבן. באלד נאך זיין טויט איז זיין קיניגרייך צעטיילט געווארן אויף עטלעכע מלוכות, וואס די גרעסטע פון זיי זיינען געווען דריי: איינע אין אייראפע, מאקעדאניע, די צווייטע אין אזיע, סיריע, און די דריטע אין אפריקע, עגיפטן.

אין אלע די דאזיקע מלוכות זיינען געווארן מלכים גריכן, אלכסנדרס געוועזענע קריגסהויפטלייט. נאר די פארשפרייטונג פון די העלענען איבער אזיע און עגיפטען האט ניט אויפגע־הערט מיט אלכסנדר מוקדונס טויט. די מקורבים און שרים פון די העלענישע מלכים זיינען אויך געווען גריכן, און זיי האבן געוויינטלאך אומעטום געוועלטיקט. אין הונדערט יאר ארום זיינען שוין אין די מזרח־לענדער געווען מער גריכן, איידער אין גריכנלאנד גופא. אין אלע לענדער האבן זיי פארנומען די ערשטע ערטער אין דער מלוכה, און אומעטום האבן זיי זיך געפלייסט איינפלאנצן העלענישע מנהגים און רגילותן און די גריכישע שפראך.

דער גאנצער שטייגער לעבן פון די העלענען איז, פאר־שטייט זיך, געווען פארשיידן פון שטייגער לעבן פון די אר־טיקע איינוואוינערם פון מצרים און אזיע. געקומען אויף די נייע ערטער, האבן די גריכן זיך געפירט פונקט, ווי זיי זיינען געווען צוגעוויינט פון דער היים: געטראגן די זעלביקע קליי־דער, וואס אין דער היים, געבויט זייערע הייזער אויפן היימישן שטייגער, אפגעהיט די זעלביגע ימים־טובים א. אז. וו. נאר אין דער זעלביקער צייט האבן זיי זיך אויך ניט געהאלטן פון דער־ווייטנס פון די ארטיקע איינוואוינערם, זיי האבן פארפירט מיט זיי באקאנטשאפטן, זיך מתחתן געווען מיט זיי, און בכלל גע־פלייסט זיך ווערן וואס מער היימיש אין די נייע ערטער. זיי האבן אפילו איבערגענומען א טייל מנהגים און גלויבונגען פון די ארומיקע מזרח־פעלקער, נאר אויף די רייכע און געבילדעטע

קלאַסן פון די אָרטיקע פעלקער האָבן זיי נאָך מער געווירקט דורך זייערע שטענדיקע אויפטראָגן. צו־ביסלעכווייז האָבן די פעל־קער פון מזרח־אזיע און עגיפטן אָנגעהויבן אָפלערנען זיך ביי די העלענען פאַרשיידענע זאַכן. אין בבל און עגיפטן הייבן זיך אָן באַווייזן אין יענער צייט, אָנשטאָט די געפליגלטע אָקסן און די ספינקסן, סטאַטועס אויפן גריכישן שטייגער, און גריכישע בנינים מיט שלאַנקע זיילן, און קינסטלערישע פאַרצירונגען און שניצונגען פאַרנעמען דעם אָרט פון די אומגעלומפּערטע בבלישע פּאַלאַצען און פון די האַמעטנע מצרישע פּיראַמידעס. אין משך פון דער צייט האָבן אויך די אָרטיקע בעלי־מלאכות זיך אויסגעלערנט אויסאַרבעטן פאַרשידענע חפצים, פּונקט אַזוי ווי די גריכן. די באַפעלקערונג פון די בבלישע, עגיפּטישע און סירישע שטעט געווינט זיך אַלץ מער צו צום העלענישען לעבנס־שטייגער, ווערט אַלץ מער העלעניזירט. אומעטום האָט מען געקאָנט הערן ריידן גריכיש, און די אָרטיקע שפּראַכן ווערן אַלץ מער אָפּגעשטופּט, ווייל אויף זיי ריידן נאָר די אומגעביל־דעטע קלאַסן פון פאָלק. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז בבלישע און עגיפּטישע כהנים האָבן אָנגעהויבן שרייבן אפילו די געשיכטע פון זייער פאָלק ניט אויף דער אייגענער שפּראַך, נאָר אויף גריכיש.

## די פּרנסות פון די יידן.

די יידן האָבן זיך רואיק צוגעקוקט, ווי די גריכן נעמען איין ארץ־ישראל, און האָבן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן זיי. סיי ווי זיינען זיי געווען אונטערטעניק, און דורכדעם וואָס אלכסנדר מוקדון האָט גובר געווען דעם קיניג פון פרס, זיינען יידן איבערגעגאַנגען נאָר פון איין אויבערהאַר צום צווייטן.

פונקט אַזוי ווי די מלכים פון די פּערסער, אַזוי האָט אויך אלכסנדר נישט געשטערט יידן צו האַלטן זייער אמונה און צו פירן זייערע אינעווייניקסטע ענינים, ווי זיי ווילן. און דאָס איז פאַר יידן דעמאָלט געווען גענוג. יידישע זעלנערם האָבן איצט געדינט אין חיל פון אלכסנדר דעם גרויסן, פונקט ווי פריער האָבן די יידן געדינט אין פּערסישן חיל. קיין אייגענעם חיל האָבן די יידן פריער ניט געהאַט, האָבן זיי דאָס אויך איצט ניט פאַרלאַנגט צו האָבן. יידן האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אַלץ איינס, וועמען צו צאָלן צינז, צי דעם פּערסישן קיניג אָדער דעם גריכישן.

בכלל האָט די אויבערהערשאַפט פון די העלענען לכתחילה קיין שום נייס ניט אַריינגעטראָגן אין לעבן פון די יידן. אַלץ איז געבליבן, ווי פריער. די איינוואוינערם פון יהודה האָבן זיך נאָך אַלץ פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, סעדעריי, וויינגערטנעריי, און געהאַנדלט האָבן זיי דער עיקר צווישן זיך. אין מאַרק־טעג פלעגן די יידישע פּויערים ברענגען צו פירן אין די שטעט אַריין צו פאַרקויפן תבואה, גרינסן, בוימל, עופות, בהמות און פלעגן איינקויפן ביי די בעלי־מלאכות רידלען, העק, געפעס און אַנדערע נייטיקע זאַכן.

די פּויערים פלעגן דעמאָלט נאָך טראָגן שוכוואַרג, וואָס זיי פלעגן זיך אַליין מאַכן; קליידער פלעגן זיי זיך נייען פון אייגן־געוועבטע געוואַנטן, און אָפטער פון אַלץ פלעגן זיי קויפן פאַר־שיידענע געצייג אויף צו באַאַרבעטן די פעלדער, וואָס דאָס האָבן זיי אַליין ניט געקענט אויסאַרבעטן. די בעלי־מלאכות האָבן אויך געפירט אַ פשוטן שטייגער לעבן. אַנדערש האָבן געלעבט די גדולים און מיוחסים פון פאָלק און די אויבערשטע כהנים. זיי האָבן געלעבט אין עשירות און וואוילטאָג און האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט די אויסאַרבעטונגען פון די היימישע בעלי־מלאכות. זיי פלעגן קויפן פאַר זיך צום געברויך פאַר־

שײדענע טײערע זאַכן, וואָס סוחרים פלעגן ברענגען צו פירן פון פרעמדע לענדער — פײַנע געוואַנטן, שפּיצן, קאַבריצעס, גאָל-דענע צירונג. די אַלע זאַכן פלעגן ברענגען צו פירן צוערשט גריכישע סוחרים, נאָר ביסלעכווייז האָבן אויך ייִדן גענומען זיי נאָכטאָן, און אַזוי האָט דער האַנדל, אַ דאַנק די גריכן, אָנגעהויבן וואַקסן אין לאַנד יהודה.

אין עגיפּטן און אין גאַנץ מערב-אַזיע זײַנען אויפגעקומען אַ סך האַנדלס-שטעט ; אַהין האָבן אָנגעהויבן אָפּטמאָל פאָרן ייִדישע סוחרים. זיי פלעגן אַרויספירן מיט זיך, אָנגעלאָדן אויף קעמלען און אייזלען, ווײַן, בוימל, באַלזאַם און אַנדערע פּראָ-דוקטן, וואָס זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין לאַנד יהודה. זיי פלעגן דאָס אויפקויפן בײַ די פּויערים פאַר וואָלוול און פאַרקויפן טײַער, און דערפון זײַנען זיי שטאַרק רײַך געוואָרן. דורכן האַנדל זײַנען אויך רײַכער געוואָרן די ייִדישע פּריצים, די בעלי-בתים פון מאַיאָנטקעס, ווײַנגערטנער און סעדער. זיי האָבן איצט געקאָנט פאַרקויפן אַ סך תבואה, ווײַן און בוימל פאַר העכערע פּרייזן, ווײַל זיי האָבן איצט געהאַט קונים ניט נאָר בײַ זיך אין לאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע ווײַטע לענדער ; חוץ דעם, האָבן זיי איצט געקאָנט נעמען בײַ די פּויערים, וואָס האָבן בײַ זיי אַרענדירט ערד, אַ גרעסערע געצאָלט פאַר דער אַרענדע.

בכלל איז דער רײַכטום און וואוילשטאַנד אין לאַנד גע-וואַקסן. דאָס ייִדישע פאָלק האָט זיך גיך פאַרמערט. די באַ-פעלקערונג פון לאַנד יהודה איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, און קיין פרײַע ערד צו פאַרנעמען איז שוין ניט געווען אין לאַנד. שוין אין 3-טן יאָרהונדערט, אין 100 יאָר אַרום, נאָכדעם ווי די גריכן האָבן אײַנגענומען דאָס לאַנד יהודה, זײַנען די חלקים ערד פון די פּויערים געווען אַזוי קליין, אַז זיי האָבן שווער גע-קאָנט זיך מפרנס זײַן. האָבן דעריבער אַ סך פון די פּויערים גע-וואָרפן זייער געוויינלאַכע אַרבעט און גענומען זיך פאַר אַנ-

דערע פּרנסות — פאַר מלאכה און האַנדל. די צאָל פון בעלי־מלאכות און הענדלער איז כסדר געוואַקסן, חוץ שמידן, טעפּערס, בוימייסטערס, בעקערס, פאַרבערס, האָבן זיך באַוויזן טישלערס, שלאָסערס, גראַווערן, גאָלדשמידן, און אייניגע יידישע דערפער זיינען געוואָרן צו שטעט. אמת, אין אַט די נייע שטעט זיינען געבליבן וואוינען, חוץ הענדלערס און בעלי־מלאכות, אויך פּויערים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען, ווי פריער, מיט ערדאַרבעט, אָבער מסחר און אינדוסטריע זיינען כסדר געוואַקסן, און אין לאַנד יהודה האָבן זיך באַוויזן אַ סך רייכע לייט, וואָס האָבן חשק געהאַט צו לעבן אַ גוטן טאָג.

## ווי אַזוי איז דאָס לאַנד יהודה געוואָרן רעגירט.

נאָך אלכסנדר מוקדונס טויט איז דאָס לאַנד יהודה אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ממשלה פון עגיפּטישן קיניגרייך, וואו עס איז געוואָרן אַ קיניג דער גריכישער קריגסהויפּטמאַן פּטאָלאָמעאָס אָדער תלמי. אין די גריכישע כראָניקעס ווערט דערציילט, אַז תלמי איז אַריינגעדרונגען אין ירושלים אום שבת, און אַז די יידן האָבן זיך ניט אַנטקעגנגעשטעלט קעגן אים, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט מחלל שבת זיין. ווי די מעשה איז, האָבן די יידן אויך דאָס מאָל פּונקט אַזוי גרינג שלום געמאַכט מיט דעם נייעם אויבערהאַר, ווי מיט אלכסנדר דעם גרויסן.

זינט יענער צייט איז דאָס לאַנד יהודה געוואָרן אַ טייל פון דער פּראָווינץ, וואָס האָט געהייסן קעלעסיריע אָדער דרום־סיריע, און דאָרט האָט געוואוינט אַ פאַרטרעטער פון עגיפּטישן קיניג, וואָס האָט געגעבן השגחה, אַז יידן זאָלן צאָלן צו דער צייט דעם צינז, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט. אין סיריע האָט פאַרכאַפּט די ממשלה אַן אַנדער קריגס־הויפּטמאַן אלכסנדרס סעלעווקוס. ער און זיינע יורשים, די סעלעווקידן,

האָבן שטאַרק חשק געהאַט צו פאַרנעמען אויך דאָס לאַנד יהודה, און מחמת דעם האָבן זיי געפירט כסדר מלחמות מיט די מלכים פון עגיפּטן, מיט די פּטאָלאָמעערס. יידן האָבן אין די דאָזיקע מלחמות קיין אָנטייל ניט גענומען, ווייל פאַר זיי איז געווען, סוף כל סוף, אַלץ איינס, ווער עס וועט געוועלטיקן איבער זיי. אין יאָר 198, נאָך אַ גאַנצער ריי מלחמות, וואָס האָבן געדויערט העכער 100 יאָר, האָבן די סעלעווקידן צולעצט איינגענומען דאָס לאַנד יהודה. אויף די יידן האָט די דאָזיקע געשעהעניש קיין גרויסן רושם ניט געמאַכט: זיי האָבן געמיינט, אַז אפילו אונטער דער ממשלה פון די סירישע מלכים וועט אַלצדינג בלייבן, ווי פריער.

די גאַנצע פריערדיקע צייט האָט די ממשלה פון די גריכן זיך ווינציק געלאָזט פילן. די עגיפּטישע מלכים האָבן זיך ניט אַריינגעמישט אין אינעווייניקסטן לעבן פון יידן, און אין גרויסן און גאַנצן איז אין לאַנד יהודה געבליבן דער זעלבער רעגירונג-סדר, וואָס אין דער צייט פון די פּערסישע מלכים. פּונקט ווי פריער, האָבן די שטעט פון יהודה, ווי ירושלים, יריחו, נופנא און אַנדערע, געהאַט די דעה איבער די אַרומיקע דערפער. אין איטלאַכער שטאָט האָט זיך געפונען אַ ראַט פון עלטסטע, וואָס האָט געהאַט די השגחה איבער דער אָרדענונג, פאַנאַנדערגע-קליבן פּראָצעסן און געמשפּט די איינוואוינערס פון דער גאַנצער סביבה פאַר גנבות, גזלות, שאָדנס און אַנדערע פאַרברעכנס: דער הויפּט-ראַט האָט זיך געפונען אין ירושלים. אין אים זיינען געזעסן די מיוחס׳דיקע לייט פון דער הויפּט-שטאָט און די עלטס-טע פון די כהנים בראש מיטן כהן גדול.

פּונקט ווי אין דער צייט פון פּערסישער אויבערהערשאַפט, האָט דער כהן גדול געהאַט די גרעסטע דעה אין לאַנד, און זיין ממשלה פלעגט איבערגיין בירושה פון פאָטער צום זון. ניט נאָר די כהנים, נאָר אַלע איינוואוינערס פון לאַנד יהודה זיינען

געוועז מחויב אים צו פאָלגן, און ער האָט געהאַט צו באַשטימען איבער אַלצדינג, וואָס עס ווערט געטאָן אין לאַנד. אינאיינעם מיטן אויבערשטן ראַט פלעגט דער כהן גדול באַשטימען די אָפּ־צאָלונגען, השגחה געבן אויף דער אָרדענונג, און אַלע זיינען גע־ווען מחויב אָפּצוהיטן זיינע באַשטימונגען. דער הויפּט־ראַט פלעגט אויך משפּטן יידן פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס לויט די געזעצען פון דער תורה.

די כהנים גדולים האָבן פאַרמאָגט גרוים עשירות און האָבן געקאָנט לעבן אין וואוילטאָג און תענוגים. זיי פלעגן צונויפ־קלייבן די צינזן, וואָס יידן האָבן באַדאַרפט צאָלן די פרעמדע אויבערהאַרן, און עס איבערשיקן דעם קיניג. אין דער צייט פון תּלמי III (247—220) האָט דער כהן גדול זיך מיט אַמאָל אָפּגע־זאָגט צו צאָלן דעם עגיפּטישן קיניג צינז. מען איז משער, אַז דאָס האָט אים צוגערעדט צו טאָן דער סירישער קיניג, וואָס האָט געוואָלט איינגעמען דאָס לאַנד יהודה און האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען צוצוציהען צו זיך די יידישע שרים און דעם כהן גדול. וועגן אָט דער געשעהעניש דערציילט מען אַזאַ מעשה.

דער כהן גדול חוני האָט ניט געוואָלט צאָלן דעם קיניג קיין צינז. דעם קיניגס פאַרוואַלטער האָט אָנגעהויבן מאָנען ביי אים, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. אַז די יידן זיינען גע־וואָר געוואָרן פון דער מעשה, זיינען זיי שטאַרק צעטראָגן גע־וואָרן: זיי האָבן געוואוסט, אַז סוף כל סוף וועט דער קיניג תלמי אויסלאָזן דעם כעס צו זיי. נאָר דעם כהן גדול'ס פּלימעניק, יוסף בן טוביה'ן, האָט זיך איינגעגעבן אָפּצואָוועגדן די צרה.

יוסף האָט אַזוי געטאָן. צוערשט האָט ער געגעבן אַ גרויסע מתנה דעם פאַרוואַלטער און דורך דעם איינגעשטילט זיין כעס; דערנאָך איז ער אַוועק קיין אַלכסנדריא, דער הויפּט־שטאָט פון עגיפּטן, צום קיניג, בכדי צו פאַרענטפערן די יידן. אונטערוועגס האָט ער זיך געטראָפן מיט די עלטסטע פון קעלעסיריע, וואָס

זיינען געפאָרן קיין אלכסנדריא, בכדי צו נעמען אין חכירה דעם צינז פון דרום־סיריע, דאָס הייסט, זיי האָבן געוואָלט באצאָלן דעם קיניג אַ געוויסע סומע געלט, און דערפאַר זאָלן זיי האָבן דאָס רעכט אויפצומאָנען דעם צינז פון די איינוואוינערס פאַר זיך. די דאָזיקע חוכרים האָבן זיך שטאַרק געגרויסט מיט זייער רייכקייט און האָבן געקוקט אויף יוספן פון אויבן אַראָפּ. נאָר יוספן איז דעמאָלט איינגעפאלן דער געדאַנק צו ווערן אַליין אַ חוכר. דורך חניפה־רייד און מתנות האָט זיך יוספן באַלד איינגעגעבן צו געפינען חן אין די אויגן פון קיניג און פון דער קיניגין. צולעצט האָט ער פאָרגעלייגט צו באצאָלן פאַר דער חכירה אַ סומע, צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי עס האָבן פאָרגעלייגט די סירישע חוכרים, און דער קיניג האָט טאַקע אים איבערגעגעבן די חכירה פון צינז פון דרום־סיריע.

יוספס מצב איז געווען ניט גאָר קיין גרינגער: די איינוואוינערס פון די סירישע שטעט זיינען געווען געוואוינט צו צאָלן צינז זייערע אייגענע עלטסטע, און עס האָט גאָר קיין ספק ניט געקאָנט זיין, אַז דעם נייעם חוכר וועלן זיי באַגעגענען מיט פיינטשאַפט. מחמת דעם האָט יוסף בן טוביה מיטגענומען מיט זיך פון קיניג 200 זעלנערס. און די דאָזיקע זעלנערס זיינען טאַקע יוספן צוניץ געקומען. די סיריער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן צינז דעם פרעמדן חוכר. האָט יוסף אָנגענומען שטרענגע מיטלען. בכדי צו בויגן די ווידערשפּעניקע איינוואוינערס, האָט ער געלאָזט טויטן אייניקע חשובע סיריער און זייער פאַרמעגן האָט ער אָפּגעשיקט צום קיניג תלמי. דער קיניג איז געווען שטאַרק צופרידן דערמיט, און יוסף האָט ביי אים נאָך מער אויסגענומען. אויף די איינוואוינערס פון סיריע האָט ער אָבער אָנגעיאָגט אַזאַ שרעק, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צאָלן דעם צינז אָן שום טענות, און יוסף איז דערפון שטאַרק נתעשר געוואָרן.

## די גריכישע השפעה אין ירושלים.

אין 2טן יאָרהונדערט נאָכדעם ווי די סעלעווקידן־האָבן איינ־גענומען קעלעסיריע, און דאָס לאַנד יהודה איז אַרונטערגע־פאַלן אונטער דער ממשלה פון די סירישע מלכים, האָט אין ירושלים אַלץ מער אָנגעהויבן זיך צו לאָזן מערקן די השפעה פון די גריכן. אין יענער צייט האָט שטאַרק אויפגעלעבט דער האַנדל צווישן ירושלים, יפו, אַנטיוכיא און אַנדערע סירישע שטעט. אין אַלע די דאָזיקע שטעט האָבן געוואוינט אַ סך הע־לענער, און דער האַנדל האָט זיך געפונען כמעט אינגאַנצן אין זייערע הענט. אין יענער צייט האָבן די אָרטיקע סירישע סוחרים זיך געהאַט אָנגענומען מיט דער העלענישער קולטור, און אוי־סערליך, אין זייער שפּראַך און מנהגים האָט מען זיי כמעט ניט געקאָנט אונטערשיידן פון די גריכן. צוליב׳ן מסחר זיינען די ירושלימער סוחרים געווען געצוואונגען זיך אויסלערנען גרי־כיש ריידן. אויף אַזאַ אופן איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער טריט, אַז די גריכישע מנהגים און דער גאַנצער לעבן־שטייגער זייערער זאָלן אָנהייבן ווירקן אויף יידן.

די רייכע גריכן און סיריער זיינען געוואוינט געווען צו לעבן אַ גוטן טאָג. זיי זיינען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט אויס־קלערן אַלץ נייע פאַרגעניגנס און שפּילן. איין געזעלשאַפט־לאַכע פאַרווייליונג נאָך דער אַנדערער פלעגן זיי מאַכן: גימ־נאַסטישע וועט־שפּילן, וועט־געלויפן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אויף זייערע חגאות פלעגט מען שטענדיק הוליען און לוסטיק פאַרברענגען, און קיינער פון זיי האָט דאָס ניט געהאַלטן פאַר אַן עולה; אדרבא, זיך משמח זיין און האָבן הנאה פון דער וועלט האָבן די גריכן געהאַלטן פאַר דער גרעסטער מצוה.

ביי יידן, פאַרקערט, איז מען געוואוינט געווען צו לעבן שטיל און באַשיידן. דער גרעסטער טייל פון פאָלק, די פויערים, האָבן

ליב געהאט א פשוטן לעבן אויף דער פרייער נאטור, ווי די טאַטעס און זיידעס זייערע האָבן געלעבט. זיי האָבן אויך מיט די פרעמדע, מיט די גריכן און סיריער, ווינציק מגע ומשא געהאט. די רייכע סוחרים אָבער, וואָס האָבן זיך נאָענטער באַקענט מיט די פרעמדע און האָבן געהאט די געלעגענהייט צו זען אַ ביסל וועלט, האָבן שטאַרק חשק געקראָגן צום פריילאַכן לעבן פון די גריכן און סיריער. נאָך זיי האָבן זיך געצויגן די ירושלימער שרים און מיוחסים און אויך די עלטסטע פון די כהנים. ניט די גריכישע וויסנשאַפט און ניט די גריכישע קונסט איז זיי געלעגן אין זינען, ניט דאָס איז זיי געפעלן געוואָרן ביי די פרעמדע, נאָר די אויסערליכע מנהגים זייערע און דער גרינגער פאַרשייטער שטייגער פון לעבן. די ערשטע זאַך, וואָס מען האָט אויפגעטאָן, איז געווען אָנהייבן ריידן צווישן זיך גריכיש און איבערמאַכן זייערע יידישע נעמען אויפן גריכישן שטייגער, יאַסאָן פון יהושע, אלקימוס פון אליקים וכדומה. נאָר פון איין זאַך פון דער יידישקייט האָבן אפילו די אָנהענגערס פון די גריכישע מנהגים אָדער העלעניסטן זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן: פון דער יידישער אמונה; דעם גלויבן פון זייערע עלטערן האָבן אויך זיי געטריי אָפּגעהיט און ניט געוואָלט אים איבערבייטן אויף דער גריכישער רעליגיע.

אין ירושלים גופא זיינען געווען אפילו ווינציק גריכן, פונדעסטוועגן איז די השפעה פון די גריכן אויך דאָרט געשווינט געוואַקסן. עס זיינען נאָך ניט אַוועק קיין 25 יאָר, זינט דאָס לאַנד יהודה איז אַרונטער אונטער דער ממשלה פון סירישן קיניגרייך, איז שוין אפילו דער כהן גדול אַליין געווען אַ העלעניסט און האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען יהושע אויפן גריכישן נאָמען יאַסאָן.

באַלד איז אין ירושלים געגרינדעט געוואָרן אַ גימנאַזיע. ביי די גריכן האָט מען גערופן אַזוי ניט קיין שול אויף לערנען

זיך, נאָר אַ פּלאַץ, וואו יונגע לייט פלעגן זיך פאַרנעמען מיט גימנאַסטישע שפּילן. אין די גימנאַסטישע שפּילן פלעגן נעמען אָן אָנטייל אפילו כהנים. עס פלעגט טרעפן, אַז יונגע כהנים פלעגן גלייך פון דער עבודה אין בית-המקדש אַוועק צום שפּיל-פּלאַץ, וואו זיי פלעגן אַראָפּוואַרפן פון זיך די בגדי-כהונה און זיך נעמען פאַר גימנאַסטיק. די גריכן פלעגן מאַכן גימנאַסטיק געוויינטלאַך נאַקעטערהייט; אויך דערין פלעגן די יידישע יונגע לייט זיי נאָכטאָן.

פרומע יידן, וואָס מען האָט זיי דעמאָלט גערופן חסידים, זיינען געווען שטאַרק אין כעס דעריבער, וואָס יידישע יונגע לייט פאַרנעמען זיך מיט גריכישע שפּילן. די חסידים, וואָס האָבן גע-האַלטן טייער די אַלטע יידישע מנהגים, זיינען געווען קעגן אַלע נייע אויפטוען, און די אָנהענגערס פון העלעניזשן לעבנשטייגער זיינען געווען פאַררעכנט ביי זיי פאַר פּושעי-ישראל. אַזוי איז געוואָרן אַ פיינטשאַפט צווישן די חסידים און העלעניסטן, און דאָס פאָלק איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי פאַרטייען. די חסידים האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ גרעסערע צאָל אָנ-הענגערס, איידער זייערע געגנערס. העלעניסטן זיינען געווען, חוץ אפשר געציילטע מענטשן אין אנדערע שטעט, נאָר אין ירושלים. אָבער די איינוואוינערס פון די איבעריקע שטעט פון יהודה, בפרט די פּויערים אין די דערפער, זיינען געבליבן גע-טריי די אַלטע יידישע מנהגים און זיינען געווען אויפן צד פון די חסידים. דערפאַר אָבער האָבן די העלעניסטן געהאַט אויף זייער צד די רייכסטע און חשובסטע מענטשן פון פאָלק און האָבן גע-קאָנט אויסקוקן אויף דער אונטערשטיצונג פון סירישן אוי-בערהאַר.

# דער סירישער קיניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס און די העלעניזירונג פון לאַנד יהודה.

דער כהן גדול יאַסאָן האָט באַקומען די ממשלה (אין יאָר 174) ניט על פּי ירושה, נאָר לויטן ווילן פון קיניג אַנטיוכוס. יאַסאָן האָט זיך אַזוי שטאַרק געיאָגט נאָכן כבוד, אַז ביי אים איז געווען רעכט אָפּצונעמען איבערגעוואָלט די כהונה גדולה ביי זיין לייבלעכן ברודער. די העלעניסטן זיינען געווען אויף זיין צד, און ער האָט צוגעזאָגט אַנטיוכוסן, אַז אויב ער וועט אים מאַכן פאַר אַ כהן גדול, וועט ער צאָלן אים מער צינז, ווי פריער, און חוץ דעם, וועט ער זען פאַרשפּרייטן צווישן יידן גריכישע מנהגים. דעם קיניג איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן. אַנטיוכוס איז ניט געווען ווי די פריערדיקע העלענישע מלכים, וואָס זיי האָט ניט שטאַרק געאַרט, וואָס די אונטערטעניקע פעלקער נעמען ניט אַזוי גיך איבער די גריכישע מנהגים. ער האָט געוואָלט מיט אַמאָל מאַכן פאַר גריכן אַלע זיינע אונטערטאַנען און איז גרייט געווען זיך ניט אָפּשטעלן אפילו פאַר געוואַלטמיטלען. דעריבער האָט ער ניט לאַנג געקלערט, אַראָפּגעזעצט דעם פריערדיקן כהן-גדול און באַשטימט יאַסאָנען אויף זיין אָרט.

דער נייער כהן גדול האָט געהאַלטן זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן דעם קיניג, און האָט זיך שטאַרק געמיט צו פאַרשפּרייטן גריכישע מנהגים צווישן פאָלק. ער איז אַוועק אין דעם פּרט אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגערירט אפילו די יידישע אמונה. איינמאָל האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ היידנישע חגא אין דער פעניקישער שטאָט צור, וואָס דער קיניג אַנטיוכוס איז געווען דערביי. האָט יאַסאָן געשיקט פון זיך פאַרטרעטערס, בכדי צו באַגריסן דעם קיניג. היות ווי ער האָט געוואָלט זיך וואָס מער אונטערחנפענען צו אַנטיוכוסן, האָט ער געהייסן די שלוחים ברענגען אַ קרבן פאַר די היידנישע געטער. נאָר צו באַ-

גיין אזא גרויסע עבירה קעגן דער יידישער אמונה האבן אפילו די העלעניסטן ניט געקאנט פועלן ביי זיך. האבן זיי דאס געלט, וואס דער כהן גדול האט געשיקט, אפגעגעבן דעם קיניג אויף בויען שיפן.

אין א צייט ארום איז אנטיוכוס געקומען קיין ירושלים. האט יאסאן אויסגענוצט די געלעגנהייט, בכדי ארויסצואווייזן דעם קיניג זיין איבערגעבנקייט און האט אים געמאכט א קבלת־פנים מיט גרוים פאראד. א גרויסע מאסע פון פאלק האט באגעגנט דעם קיניג מיט ברענענדיקע פאקלען אין די הענט און מיט פרייד־געשרייען.

יאסאנס חניפה און די אונטערטעניקייט פון די יידן האבן צוגעגעבן אנטיוכסן מער דרייסטקייט: ער האט ביי זיך בא־שלאסן, אז ער מעג אראפזעצן כהנים גדולים, ווען ער וויל, און ארויפזעצן, וועמען ער וויל. דערביי האבן יאסאנען ניט גע־האלפן אלע זיינע גיינג און אויפטוען, און ער האט סוף כל סוף אנגעווארן די כהונה גדולה. אין דריי יאר ארום (אין יאר 171) האט אנטיוכוס ארויפגעזעצט אויף זיין ארט מענעלאאסן, וואס האט צוגעזאגט צו צאלן נאך א גרעסערן צינז און נאך מער צו זארגן וועגן דער העלעניזירונג פון לאנד יהודה.

נאר מענעלאאס האט געהאט צוגעזאגט אזא גרויסע סומע געלט, אז עס איז בשום אופן ניט מעגלאך געווען אויפצוקלייבן אזוי פיל צווישן יידן; דעריבער האט ער אנגעהויבן פארנעמען געלט פון די אוצרות פון בית־המקדש. קיין חידוש ניט, וואס דאס פאלק האט פיינט געקראגן דעם נייעם כהן גדול. אבער אפן ארויסשטעלן זיך קעגן אים האט קיינער זיך ניט געוואגט, ווייל מען האט מורא געהאט פארן קיניגס כעס.

יאסאן האט דערווייל זיך ניט געהאט אפגעזאגט פון דער האפענונג צו באקומען צוריק זיין פריערדיקע מאכט. ער האט געוואוסט, אז די יידן זיינען ניט צופרידן מיטן איצטיקן כהן־

גדול, און דעריבער האָט ער געוואַרט נאָר אויף אַ גינסטיקער צייט, בכדי ער זאָל ווידער קאָנען ווערן כהן־גדול. און באַלד טאַקע איז אַזאַ צייט אָנגעקומען. דער קיניג אַנטיוכוס איז אַוועק מלחמה האַלטן קעגן עגיפּטן, האָט יאַסאָן באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט, בכדי אויסצופירן זיין פּלאַן. אומגעריכטערהייט איז ער געקומען צו פאָרן קיין ירושלים. די באַפעלקערונג האָט אים מקבל פּנים געווען מיט צופרידנקייט און אָנגענומען אים פאַר אַ כהן־גדול. מענעלאַאָס ווידער האָט געמוזט אַנטלויפן.

אַז אַנטיוכוס איז געוואָר געוואָרן, וואָס די יידן און יאַסאָן האָבן אָפּגעטאָן, איז ער אַריין שטאַרק אין כעס. ער האָט געהאַלטן, אַז דערמיט, וואָס די יידן האָבן פאַרטריבן מענעלאַאָסן, האָבן זיי מורד געווען קעגן אים, דעם קיניג. פאַרן עובר זיין דעם קיניגס געבאָט האָט געקומט אַ האַרבע שטראָף. און טאַקע, ווי נאָר אַנטיוכוס איז געקומען צוריק פון עגיפּטן, האָט ער זיך געלאָזט גיין קיין ירושלים און געצוואונגען די יידן ווידער אָננעמען פאַר אַ כהן־גדול דעם פאַרטריבענעם מענעלאַאָסן. אין דער זעלבער צייט האָט אַנטיוכוס צוגענומען פאַר זיך די אוצרות און טייערע חפצים פון בית־המקדש: דעם מזבח, דעם שולחן פאַרן לחם הפּנים, די מנורה און פיל גאָלדענע און זילבערנע כלים. נאָכדעם איז ער אַוועק פון ירושלים.

## די גזרה קעגן דער יידישער אמונה און רדיפות אויף יידן.

די נגישות פון סירישן קיניג האָבן שטאַרק אויפגערייצט די יידן. איצט האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז די צייט, ווען די תלמידים האָבן געוועלטיקט איבער מלכות יהודה, איז געווען אַ צייט פון נחת און גליק, און אַ סך האָבן אָנגעהויבן קלערן

וועגן פאראייניקן זיך מיט עגיפטן. אנטיוכוס איז געוואר גע־וואָרן וועגן דעם, אַז די יידן טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק צו־צושטיין צו דער עגיפּטישער מלוכה, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט באַשלאָסן שטרענג צו באַשטראָפן די יידן. אין גיכן איז אין ירושלים אָנגעקומען אַ צינז־קלייבער מיט אַ מחנה זעלנערס. די יידן האָבן וועגן קיין בייז ניט געקלערט און האָבן זיך ניט געלאָזט שטערן אין זייערע געוויינטלעכע גע־שעפטן. נאָר אומגעוואָרט זיינען די זעלנערס באַפאַלן די פריד־לעכע איינוואוינערס און גענומען אויסהרגענען אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. דערביי האָבן זיי אַלעמען באַרויבט און צעשטערט אַ סך הייזער.

די יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן נאָך דער דאָזיקער שחיטה, האָבן זיך געלאָזט לויפן, וואו אַהין די אויגן טראָגן. איי־ניקע זיינען אַנטלאָפן קיין עגיפּטן, אַנדערע אין די בערג אָדער אין שכנישן מדבר. געבליבן אין ירושלים זיינען נאָר די וואָס זיינען געשטאַנען אויפן צד פון כהן־גדול מענעלאַאָס, וואָס זיי־נען געווען גרייט נאָכצוגעבן אין אַלצדינג דעם קיניג; נאָר אַזעל־כע מענטשן זיינען בכלל געווען ווינציק. די שטאָט איז כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן פון איינוואוינערס, און עס האָבן זיך באַזעצט אין איר גריכן און סירער. איינער פון די שטאָט־טיילן איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן און טו־רעמס און געמאַכט פאַר אַ פעסטונג, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען אַקראַ; אין אָט דער פעסטונג איז אַריינגעזעצט געוואָרן אַ גרויסע אָפּטיילונג פון סירישע זעלנערס, נאָר פאַר אַנטיוכוסן איז געווען ווינציק, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין דער יידישער הויפּטשטאָט. אים האָט זיך נאָך פאַרוואָלט פאַרטיליקן די יידישע אמונה.

אנטיוכוס האָט זיך איינגערעדט, אַז יידן זיינען אומצו־פרידן מיט דער סירישער ממשלה ניט דערפאַר, ווייל ער האָט

אַרויפגעלייגט אויף זיי צו שווערע אָפּצאָלונגען און האָט אָוועקגעזעצט איבער זיי שלעכטע שרים, נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געבליבן ביים גלויבן און מנהגים פון זייערע עלטערן און פירן זיך אַנדערש ווי די איבעריקע איינוואוינערס פון סירישן קיניגרייך. בעת די איבעריקע פעלקער פון דער סירישער מלוכה האָבן זיך שוין געהאַט כמעט צוגעוואוינט צו די גריכישע מנהגים און צום גריכישן געטער-דינסט, זיינען דער גרעסטער רוב יידן נאָך אַלץ געבליבן געטריי זייער אייגענער אמונה. און אַנטיוכוס האָט געמיינט, אַז אַט די געטרייִשאַפט פון די יידן צו זייער אמונה שטערט זיי זיך צונויפצוגיסן מיט די איבעריקע איינוואוינערס פון דער סירישער מלוכה צו איין פאָלק. ערשט ווען די יידן וועלן אָוועקוואַרפן זייער תורה און וועלן ניט אָפּהיטן אירע חוקים, דעמאָלט — האָט אַנטיוכוס געהאָפט — וועלן זיי אָננעמען די רעליגיע און די מנהגים פון די גריכן און דעמאָלט וועלן זיי אים געטריי דינען. און היות ווי יידן האָבן ניט געוואָלט מיטן גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון זייער אמונה, דעריבער האָט אַנטיוכוס באַשלאָסן צו צווינגען זיי דאָס צו טאָן איבער געוואַלט. און טאַקע אין יאָר 168 האָט דער קיניג אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז פון היינט אָן און ווייטער ווערט די יידישע רעליגיע בטל אין דער סירישער מלוכה.

אויף אַלע איינוואוינערס פון יהודה איז געוואָרן אַרויפגעלייגט אַ חוב צו בוקן זיך צום זעוס און צו די איבעריקע גריכישע געטער. אונטער טויט-שטראָף איז געוואָרן פאַרבאָטן די יידן צו היטן שבת, מל צו זיין זייערע קינדער און מקיים צו זיין אַנדערע מצוות. עס זיינען באַשטעלט געוואָרן באַזונדערע באַאַמטע, וואָס האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז דעם קיניגס באַפעל זאָל אָפּגעהיט ווערן. די באַאַמטע האָבן זיך גענומען מיט גרויס אימפעט צו פאַרשפּרייטן די גריכישע אמונה. אין אַלע יידישע שטעט זיינען געוואָרן אָוועקגעשטעלט מזבחות און סטאַ-

טועם פון די געטער. אפילו אין בית־המקדש אין ירושלים איז געוואָרן אויסגעבויט איבערן מזבח אַ מזבח פאַרן זעווס. בעת די חגאות לכבוד דעם וויין־גאָט דיאָניסיאָס פלעגט מען צווינגען די יידן אָנצוטאָן אויף זייערע קעפּ קראַנצן פון האָפּן־צווייגן און ווײַנשטאָק־בלעטער און טאַנצן אין די קאַרעהאָדן.

סירישע באַאַמטע האָבן ארומגעגנישטערט אין גאַנצן לאַנד און האַרט געשטראָפט אַלעמען, ווער עס האָט ניט געפאָלגט דעם קיניגס רצון. יענע, וואָס מען פלעגט זיי כאַפּן ביים לערנען די תורה, פלעגן זיי טויטן און די ספרי־תורות פאַרברענען אָדער מטמא זיין. די מוטערס, וואָס פלעגן לאָזן מל זיין זייערע קינדער, פלעגן זיי טויטן אינאײַנעם מיט זייערע עופעלעך. אפילו די, וואָס פלעגן זיך אָפּזאָגן צו עסן חזיר, זיינען געוואָרן פאַר־משפט צום טויט. נאָר די אַלע עינוים און פיין האָבן די יידן ניט אײַנגעשראָקן. דער גרעסטער רוב פון זיי זיינען געווען גרייט בעסער צו שטאַרבן, איידער צו פעלשן אין זייער אמונה.

וועגן דער אכזריות פון די קיניגליכע באַאַמטע פון יענער צייט ווערן דערציילט אַ סך מעשיות. אָט וואָס עס ווערט דער־ציילט וועגן איינעם אַ זקן, מיטן נאָמען אלעזר. אים האָבן גע־כאַפּט סירישע באַאַמטע און געוואָלט אים צווינגען צו עסן חזיר. זיי האָבן גענומען אַ שטיק חזיר־פלייש און איבערגע־וואָלט אים אריינגעשטאָפּט אין מויל. נאָר דער זקן האָט עס אויסגעשפּיגן און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער בימה, וואו עס איז געשטאַנען דער תליון, בכדי ער זאָל אים טויטן. די באַ־אַמטע, פאַרחידושט איבער דעם פעסטן מוט פון זקן, האָבן אים אָפּגערופן אָן אַ זייט און גענומען אים צוריידן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין עלטער און זיך אונטערגעבן; זיי האָבן אים גע־וואָלט געבן צו עסן כשר פלייש, נאָר ער זאָל מאַכן דעם אָנשטעל אַזוי ווי ער עסט חזיר־פלייש, — אויב ער וועט זיי פאָלגן, וועט ער בלייבן לעבן. נאָר אלעזר האָט זיך ניט געלאָזט איינריידן:



חנה מיט אירע זיבן זין

ער האָט ניט געוואָלט ווייזן די יונגע לייט קיין שלעכטן ביישפּיל און איז געשטאָרבן ווי אַ העלד.

נאָך אַ שטאַרקערן רושם מאַכט די מעשה וועגן טויט פון דער פרומער פרוי חנה מיט אירע זיבן זין. די דאָזיקע בחורים האָבן זיך אָפּגעזאָגט עובר צו זיין אויף די געבאָטן פון דער תורה, און מען האָט זיי דערפאַר געפּייניגט מיט די שרעקליכס־טע עינויים. מען האָט ביי זיי אויסגעשניטן די צינגער, אָפּגע־האַקט הענט און פיס. געבראָט אויף גליהענדיקע קוילן, — נאָר קיין שום עינויים זיינען ניט געווען בכוח צו צעברעכן זייער שטאַנדהאַפטיקייט. איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי געשטאָרבן פאַר דער מוטערס אויגן.

באַזונדערס גרויס איז געווען דער צער פון דער אומגליקלע־כער מוטער, וואָס איז געשטאָרבן די לעצטע. איר האַרץ איז געוואָרן צעריסן אויף שטיקער, קוקנדיק אויף די יסורים פון אירע זין. נאָר זי האָט זיי ניט צוגערעדט, זיי זאָלן נאָכגעבן די שונאים, ניט געפּרואווט זיי אַרויסצוראַטעווען פון די עינויים און פון שרעקלעכן טויט, נאָר אדרבא זי האָט נאָך געזען צו שטאַרקן זייער גייסט, אונטערגעבן זיי גבורה און מוט.

די דאָזיקע אכזריות׳דיקע רדיפות האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די שנאה פון די יידן צו די גריכן און סיריער, און דער קיניג אַנטיוכוס האָט דערגרייכט פּונקט דעם היפוך פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט. כל זמן די סירישע מלכים האָבן ניט אָנגע־בונדן די יידן זייער אמונה, פלעגן די יידישע גדולים און גבירים נאָכטאָן אין אייניקע פּרטים די העלענען, איבערנעמען זייערע מנהגים, איצט אָבער האָבן אפילו דער גרעסטער רוב פון די אַמאָליקע העלעניסטן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם קיניגס באַ־פעל. פאַראיינס מיט די חסידים, די שטענדיקע קעגנערס פון די העלענישע מנהגים, זיינען זיי געווען גרייט אויף די גרעסטע יסורים, אָבי נאָר צו בלייבן געטריי דער יידישער אמונה. און די

שנאה און כעס קעגן קיניג אנטיוכוס איז אלץ געוואקסן. עס איז געווען געגוג די קלענסטע אויסרייד, בכדי עס זאל אויס־ברעכן אן אויפשטאנד.

---

## 2.

# די חשמונאים און דער קאמף פון די יידן פאר זייער גלויבן און פרייהייט

(142—167)

## מתתיהו החשמונאי.

אין יאר 167 איז אין שטעטל מודעין אנגעקומען א סי־רישער באאמטער מיט אן אפטיילונג זעלנערס. דאס אנקומען פון די זעלנערס האט שטארק אויפגערודערט די שטאט. די איינוואוינערס פון מודעין האבן פארשטאנען, אז די זעלנערס זיינען געקומען ניט אומזיסט, און האבן מיט אומרו און שרעק געווארט, וואס דא וועט זיין. זייער שרעק איז טאקע געווען ניט קיין אומזיסטער. באלד איז אויפן שטאט־פלאץ געווארן אויסגעבויט א היידנישער מזבח, און דער באאמטער האט גע־הייסן די יידן ברענגען אויף אים קרבנות.

דער אנגעזעענסטער ייד אין גאנץ מודעין איז געווען דער אלטער כהן מתתיהו פון דער משפחה חשמונאים. צו אים האט זיך קודם כל געווענדט דער אנפירער פון די סירישע זעלנערס און געבעטן אים צורעדן, ער זאל זיך אונטערגעבן דעם קיניגס באפעל און ווייזן א גוטן ביישפיל די איבעריקע יידן. אבער דעם אנפירערס אלע רייד און טענות זיינען געווען ארויסגע־ווארפן: מתתיהו האט זיך פעסט אפגעזאגט פון צו נעמען אן

אַנטייל אין דעם היידנישן געטער־דינסט און צו פעלשן אין גלויבן פון זיינע עלטערן. נאָר ניט אלע איינוואוינערם פון מור־דעין זיינען געווען אזעלכע שטאַנדהאַפטיקע מענטשן. עס האָט זיך געפונען אַ ייד, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין צום מזבח, בכדי צו ברענגען אַ קרבן פאַרן גריכישן גאָט. נאָר ער האָט קוים באַוויזן צוצוטרעטן צום מזבח, האָט שוין מתתיהו גענענט צום בוגד מיט אַ בלויזן שווערד אין דער האַנט און האָט אים גע־טויט. פאַראיינם האָט שוין מתתיהו אין זיין גרימצאָרן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפ׳ן אָנפירער פון די סירישע זעלנערם, און נאָך אים זיינען די איבעריקע איינוואוינערם פון מודעין אָנגע־פאַלן אויף די זעלנערם, אַ טייל פון זיי דערהרגעט און די אי־בעריקע פאַרטריבן פון שטאָט. דעם היידנישן מזבח האָבן זיי צעשטערט.

אָפּגעטאָן די דאָזיקע זאַך, האָט מתתיהו פאַרשטאַנען, אז די סיריער וועלן דאָס אים ניט פאַרשווייגן און וועלן זוכן זיך אָפּ־צורעכענען מיט אים און מיט די איבעריקע יידן. דעריבער איז ער באַלד אַרוים פון שטאָט און האָט זיך באַהאַלטן אין די שכנישע בערג; מיט אים איז אַוועק די גאַנצע משפחה פון די חשמונאים. באַלד האָבן אָנגעהויבן זיך אָנקלייבן אַרום מתתיהון די חסידים, וואָס זיינען אַנטרונען געוואָרן פון ירושלים און פלעגן פריער אין קליינע הייפעלעך אַרומגיין איבערן לאַנד יהודה. איצטער זיינען אָט די אַלע קליינע מחנות זיך צונויפ־געקומען אינאיינעם און האָבן אויסגעקליבן מתתיהון פאַר זייער אָנפירער. זיי אַלע זיינען געווען פעסט אין איין דעה צו פאַר־טיידיקן זייער אמונה ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד.

אונטער דער אָנפירונג פון מתתיהון גופא און פון זיינע זין פלעגן מחנות יידן אַרומגיין איבערן לאַנד יהודה פון איין אָרט צום אַנדערן און פלעגן אומעטום אָן רחמנות אויסהרגענען די



מתיתיהו כהן גדול

בוגדים צווישן ייִדן און צעשטערן הייִדנישע מזבחות. פון צייט צו צייט פלעגן די מורדים זיך באַגעגענען מיט אָפּטיילונגען פון סירישע זעלנערס, און עס פלעגן פאָרקומען צווישן זיי בלוטיקע געשלעגן. די סיריער פלעגן זיך פלייסן אָנצופאַלן אויף די ייִדן אום שבת, ווייל זיי האָבן געהאָפט, אַז די ייִדן וועלן ניט וועלן מחלל שבת זיין און וועלן זיך ניט אַרויסשטעלן קעגן זיי. נאָר דאָס מאָל האָבן די סיריער זיך גענאַרט אין חשבון. היות ווי די סכנה פאַרן פאָלק איז געווען זייער גרויס, האָבן ייִדן באַשטימט, אַז זיי מעגן פירן מלחמה אפילו אום שבת.

## יהודה המכבי.

אין יאָר 166, אין אַ יאָר אַרום נאָכן אָנהויב פון אויפשטאַנד איז מתתיהו החשמונאי געשטאָרבן. נאָר זיין אויפטו איז ניט אונטערגעגאַנגען. בראש פון די קעמפערס פאַר דער אמונה האָט זיך געשטעלט זיין זון יהודה, וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָמען המכבי*). יהודה איז געווען יונג, שטאַרק און מוטיק, ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין דער מלחמה קעגן די שונאים פון זיין פאָלק, אַז ער פלעגט ניט קוקן אויף קיין שום סכנה און מיט זיין העלדישן מוט פלעגט ער אָנצינדן די הערצער פון אַלע זיינע חברים אין קאַמף. אַ סך גבורות האָבן די מורדים אויפגעטאָן. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכן אַנדערן, און אַלץ נייע קעמפערס זיינען כסדר צוגעקומען.

פאַמעלעך האָט דער אויפשטאַנד אַרומגענומען גאַנץ יהודה, און די קליינע אָפּטיילונגען פון די סירישע זעלנערס האָבן

---

*) דער נאָמען מכבי, האַלט מען, שטאַמט פון העברעיִשן וואָרט מקבת, וואָס איז טייטש אַ האַמער. אַ ייִדישע לעגענדע דערקלערט דעם נאָמען מכבי אַלס ראשי תיבות פון „מי כמוך באלים יהוה". שפּעטער פלעגט מען אָנרופן מיטן נאָמען מכבי די גאַנצע משפּחה פון די חשמונאים.

שוין ניט געקאָנט קיין זאַך פועלן קעגן די יידן. מחמת דעם איז דער פאַרוואַלטער פון פאַלעסטינע גופא אַרויסגעטראָטן קעגן די מורדים. אָבער דער סירישער חיל האָט געקראָגן אַ מפלה, און דער פאַרוואַלטער איז געפאַלן אין שלאַכט. יהודה אַליין האָט אים געטויט און צוגענומען פאַר זיך זיין שווערד. אין גיכן האָט יהודה המכבי געמוזט אויספּרובן דעם דאָזיקן שווערד אין אַ נייער שלאַכט, וואָרום קעגן די יידן איז ווידער אַרויסגעטראָטן אַ גרויסער סירישער חיל. אַז די מורדים האָבן דערזען אַזוי פיל סירישע זעלנערס, זיינען זיי געוואָרן אַפּהענטיק, נאָר יהודה האָט זיינע לייט אויפגעמונטערט און אַריינגעגעבן זיי מוט. מיט גבורה האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אין שלאַכט און האָבן צעקלאַפּט די סירייער.

דעם קיניג אַנטיוכוס און זיינע מקורבים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס וועט זיין גרינג צו מאַכן אונטערטעניק די יידן. דערפאַר איז גרויס געווען דעם קיניגס גרימצאָרן, בעת עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער סירישער חיל איז ווידער געשלאָגן געוואָרן. איצטער האָט אַנטיוכוס ביי זיך באַשטימט ניט צו לאָזן אין לאַנד יהודה אַ שטיין אויף אַ שטיין. אין גיכן זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן קעגן יהודה המכבי און זיינע ברידער עטלעכע צענדליק טויזנט זעלנערס, פוסגייער און רייטערס. דאָס מאָל איז אַנטיוכוס אפילו אויף אַ האָר ניט געווען מסופק, אַז ער וועט געווינען, און האָט אָנגעזאָגט זיינע קריגס-הויפּטלייט, זיי זאָלן פאַרטיליקן די יידן ביזן לעצטן. אויך די קריגס-הויפּטלייט גופא, ניקנור און גאָרגיאַס, זיינען געווען אַזוי זיכער אין זייער נצחון, אַז זיי האָבן זיך שוין לכתחילה צונויפגערעדט מיט סוחרים וועגן פאַרקויפן די געפאַנגענע יידן. אַ סך שקלאַפן-הענדלערס, וואָס האָבן געהאָפט צו מאַכן אַ גוטן עסק, זיינען מיטגעגאַנגען מיטן סירישן חיל און האָבן געפירט מיט זיך ניט

נאָר גאָלד מיט זילבער, נאָר אויך אייזערנע קייטן, בכדי שמידן אין זיי די קומענדיקע יידישע שקלאַפן.

און ס'איז טאַקע שווער געווען צו קלערן, אַז אַט די קליינע, נעבעכדיקע הייפעלעך פון די יידישע מורדים זאָלן קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן אַזאַ שטאַרקן חיל. ווינציק זיינען געווען יהודהס קריגסלייט. דערצו זיינען די סירישע זעלנערס געווען בעסער באַוואָפנט און געניט אין דער קריגס-קונסט. קיין חידוש ניט, דאָס פון דער בשורה וועגן דעם, אַז דער סירישער חיל גייט, זיינען די יידן צעטראָגן געוואָרן. דער מצב פון די מורדים איז געווען געפערלעך. אַ קאַמף איז פאַר זיי געשטאַנען אויף טויט און לעבן. נאָר קיינער האָט ניט געקלערט וועגן אונטערגעבן זיך דעם שונא.

היות ווי ירושלים האָט זיך געפונען אין רשות פון די היידן, האָבן די מורדים באַשטימט זיך צונויפקלייבן אין דער שטאָט מצפה, וואָס ליגט ניט ווייט פון דער הייליקער שטאָט. דאָרט האָבן זיי גוזר געווען אַ תענית אויף אַלע יידן און אָפגעריכט אַ תפלה בציבור. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, ווי גרויס און שווער עס איז די צייט, וואָס זיי לעבן איבער, אַלע האָבן געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ מורא'דיקער סכנה עס שטייט דאָס גאַנצע פאָלק. בשעת דער תפלה האָבן די מורדים באַשאָטן זייערע קעפּ מיט אַש און האָבן מיטן גאַנצן כח און מיטן גאַנצן האַרצן מתפלל געווען. די הייסע תפלה האָט זיי אויפגעמונטערט און געשטאַרקט זייערע צעבראָכענע הערצער: זיי זיינען געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן בטחון, אַז גאָט וועט ניט פאַרלאָזן די, וואָס האַלטן מלחמה פאַר אַ גערעכטע זאַך, און האָבן גענומען זיך גרייטן צו דער קומענדיקער שלאַכט. יהודה המכבי האָט איינגעטיילט זיינע לייט אין טויזנטער, הונדערטער און פופציקער און איבער איטלעכער אָפּטיילונג געשטעלט אַן אָנפירער. ער איז געשטאַנען בראש פון גאַנצן יידישן חיל.

עס האָט זיך צוגערוקט נעענטער דער סירישער חיל. דער קריגס־הויפטמאַן גאָרגיאַס האָט אויפגעשלאָגן זיין לאַגער ניט ווייט פון מצפה און מיט עטלעכע אָפּטיילונגען פון זיין חיל האָט ער זיך געלאָזט גיין נעענטער צו די מורדים. געהאָפּט האָט ער צו כאַפּן די חשמונאים אומגעריכטערהייט און אויסהרגענען דער־מאָלט אַלע יידן מיט אַמאָל. נאָר צום גליק האָט יהודה זיך דערוואוסט וועגן דעם און האָט זיך געקליגט איבערן שונא. אי־בער זייטיקע וועגן האָט ער זיך אַרומגעדרייט און איז אָנגע־קומען צום סירישן לאַגער, בעת די סיריער האָבן זיך לחלוטין ניט געריכט אויף דעם. דאָס פּלוצלונדיקע ערשיינען פון די יידן האָט אַזוי שטאַרק פאַרטומלט די סירישע זעלנערס, אַז זיי האָבן כמעט ניט אַנטקעגנגעשטעלט זיך. אַ סך פון זיי זיינען גע־הרגעט געוואָרן און די איבעריקע זיינען זיך צעלאָפן. אַז גאָר־גיאַס איז געקומען צוריק, האָט ער אָנגעטראָפן אין לאַגער יהודהן מיט זיינע קריגס־לייט. נידערשלאָגן דורך דער מפלה, וואָס ער האָט געליטן, איז גאָרגיאַס אַוועק, און ביי די יידן איז געבליבן זיין גאַנץ געפּעק — אַ סך עסנוואַרג, געווער, גאָלד און אַנדערע זאַכן.

## די אויפריכטונג פון בית המקדש.

אַנטיוכוס איז אין יענער צייט געווען פאַרנומען אין אַ מלחמה מיט פּערסיע און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט שיקן קיין נייעם חיל קעגן די חשמונאים. ערשט אין אַ יאָר אַרום איז קיין מלכות־יהודה ווידער אָנגעקומען אַ סירישער חיל. בראש פון חיל איז געשטאַנען ליסיאַס, דער אויבערשטער פאַר־וואַלטער פון דער סירישער מלוכה. אין פלוג האָט אויסגעוויזן, אַז די יידן וועלן ניט קאָנען באַשטיין אַנטקעגן אַזאַ שטאַרקן שונא, אַז זיי וועלן מוזן אָדער אונטערגעבן זיך אָדער אומקומען

אין שלאכט. אָבער פאַר יהודה המכבי און זיינע קריגס-לייט איז אָפּזאָגן זיך פון זייער אמונה געווען ערגער, איידער דער טויט, און דערפאַר האָבן זיי זיך געשלאָגן מיט גרויס גבורה און מסירת-נפש. סוף כל סוף האָבן די יידן גובר געווען דעם מורא-דיקן סירישן חיל, און ליסיאַס האָט געמוזט אָפּטרעטן.

דער נצחון איבער ליסיאסן האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם מוט פון יהודה המכבי, און ער האָט באַשלאָסן איינצונעמען ירושלים. אָנגעקומען קיין ירושלים, האָבן די חשמונאים און זייערע קריגס-לייט דערזען דעם בית-המקדש, ווי ער איז חרוב און פאַרלאָזט, די טויערן פאַרברענט. די צוגאַנגען פאַרוואַקסן מיט גראָז, און דער מזבח אין איהם פאַרשוועכט. דאָס אַליץ האָט די יידן פאַרשאַפט גרויס צער. זיי האָבן צעריסן זייערע קליידער, באַשאָטן די קעפּ מיט אַש, און זיינען געפאַלן אויף דער ערד און אויסגעקלאָגט זייער האַרץ אין הייסע תפלות. נאָר באַלד האָבן זיי זיך געשטאַרקט און גענומען זיך צו דער אַרבעט: אויסצוריייניקן דעם הייליגטום. דער מזבח פון זעווס איז געוואָרן צעשטערט, און אַ נייער מזבח איז געוואָרן אויס-געבויט. אַז מען האָט צוריק איינגעשטעלט אַלצדינג, ווי גע-העריק, איז געוואָרן אָפּגעריכט אַן עבודה בציבור; מען האָט געזאָגט דאַנק-תפלות, געזונגען מזמורים פון תהילים, געשפּילט אויף גיטאַרעס, האַרפעס און צימבלען; דערביי האָט מען מקריב געווען אַ סך קרבנות.

דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די יידן ניט געקאָנט מתפלל זיין אין בית-המקדש. דערפאַר איז איצט זייער פרייד געווען אָן אַ גרעניץ. אין משך פון אַכט טעג האָבן זיי געלאָזט ברענען אין בית-המקדש אַ סך ליכט, און צום אָנדענק אָן דער געשעהעניש איז איינגעשטעלט געוואָרן דער יום-טוב ח נ ו כ ה, וואָס יידן פייערן אים נאָך ביזן היינטיקן טאָג דורך אָנצינדן ליכט. אַ מעשה ווערט דערציילט, אַז אין בית-המקדש האָט מען גע-

פונען דעמאָלט נאָר איין קליין קריגל כשרן בוימל; נאָר אַז מען האָט אים אַריינגעגאָסן אין דער מנורה, איז געשען אַ נס, און דער בוימל האָט געברענט גאַנצע אַכט טאָג.

נאָך זיינען אין דער פעסטונג אַקראַ געזעסן סירישע זעלנערם. מען האָט געקאָנט מורא האָבן, זיי זאָלן ניט אַרויסגיין פון דאָרט און אונטערצינדן דעם בית-המקדש. דעריבער האָבן די יידן אַרומגערינגלט דעם הר-הבית מיט מויערן און טורעמס און אַריינגעזעצט שומרים, זיי זאָלן עס היטן.

## די מלחמה פון די יידן קעגן דער באַפעלקערונג פון גליל און עבר הירדן.

נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר זיינען אַוועק. די סירישע רעגירונג איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע מלחמות און מיט אינעווייניקסטע מהומות, און דערפאַר האָט זי די יידן געלאָזן צו רו. נאָר די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין צרות פון אַן אַנדער זייט, און די חשמונאים זיינען די גאַנצע צייט געווען געצוואונגען צו פאַרטיידיקן מיט געווער אין די הענט דאָס לעבן פון זייערע ברידער.

אין צפון-פאַלעסטינע אָדער גליל, אין עבר-הירדן און אין אַנדערע מדינות, וואָס ליגן בשכנות מיט מלכות-יהודה, האָבן געוואוינט ניט נאָר אַזיאַטישע שבטים, נאָר אויך גריכן און סירער; צווישן זיי צעוואָרפן האָבן אויך געוואוינט יידן. אַלע די דאָזיקע אַזיאַטישע שבטים האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די גריכן און האָבן פיינט געהאַט יידן. די נצחונות פון די חשמונאים איבער די סירער האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די געוויינטלאַכע שנאה, און די היידן האָבן אָנגעהויבן באַפאַלן די יידן, וואָס וואוינען צווישן זיי און הרגען און באַרויבן זיי.

ווי נאָר די מכבים זיינען געוואָר געוואָרן וועגן די רדיפות, זיינען זיי תיכף געקומען צו הילף. יהודהס ברודער שמעון איז אַוועק מיט אַ חיל קיין גליל, און יהודה האָט זיך געלאָזט גיין קיין עבר-הירדן, אין דער געגענט פון גלעד. שמעונען האָט זיך דער נצחון איינגעגעבן ניט גאָר שווער. גיך האָט ער זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די היידן, פאַרכאַפּט אַ סך רויב און האָט מיטגענומען מיט זיך קיין ירושלים אַלע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין גליל, מיט זייערע ווייבער און קינדער.

יהודה אָבער האָט געהאַט צו פירן אַ שווערע מלחמה. די שבטים פון עבר-הירדן האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון אַ סיריער מיטן נאָמען טימאָטיוס און האָבן גענומען אָן רחמנות אויסהרגען יידן. בכדי זיך אַרויסצוראַטעווען פון די רדיפות, האָבן די יידן זיך איינגעשלאָסן אין דער פעסטונג דותן; נאָר די היידן האָבן די פעסטונג באַלאַגערט. זיי האָבן זיך פאַרזאָרגט מיט ברעך-מאַשינעס און לייטערס און האָבן געוואָלט איינגעמען די פעסטונג און אויסהרגען מיט אַמאָל אַלע יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן. נאָר יהודה המכבי איז געקומען צו דער רעכטער צייט און האָט געראַטעוועט די באַלעגערטע פון אַ זיכערן טויט. די היידן זיינען געוואָרן געשלאָגן און זיינען זיך צעלאָפן. און יהודה מיט זיינע קריגסלייט האָבן זיי נאָכגעיאָגט, איינגענומען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און באַשטראָפט די איינוואוינערס.

נאָר די איינוואוינערס פון עבר-הירדן האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי גיך איינשטילן. באַלד האָבן די איינוואוינערס פון גלעד זיך ווידער פאַראייניקט אונטער דער ממשלה פון טימאָטיוס און אינאיינעם מיט געדונגענע אַראַבישע אָפּטיילונגען האָבן זיי זיך געלאָזט אַנטקעגן דעם יידישן חיל. די היידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן ברעג פון אַ טייך און דאָרט געוואַרט אויפן שונא. טימאָטיוס האָט געמיינט, אַז אים וועט זיך איינ-

געבן ניט צו דערלאָזן יהודהן אַריבערגיין דעם טייך, און אין דעם טומל, וואָס וועט ווערן, האָט ער גערעכנט דעמאָלט אָנ־פאַלן אויפן יידישן חיל און אים פאַרטיליקן. נאָר ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין חשבון, יהודה המכבי האָט זיך ניט געלאָזט אָפּ־שרעקן און מיט זיין געוויינטלעכער גבורה איז ער אַרויסגע־טראָטן קעגן שונא. אָן שום קווינקלעניש איז ער מיטן חיל אַריבער דעם טייך; תיכף ווי ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שונא.

דער אומגעריכטער אָנפאַל פון די יידן האָט אַרויפגעיאָגט אַ שרעק אויף גלעד'ער קריגסלייט, און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן, אַוועקוואַרפנדיק זייער געווער. דער גרעסטער רוב פון זיי זיינען אַנטלאָפן אין דער שטאָט קרנים. יהודה האָט זיי נאָכ־געיאָגט, איינגענומען די שטאָט און פאַרברענט דעם היידנישן טעמפל אינאיינעם מיט די אַנטרונענע, וואָס האָבן זיך דאָרט גע־האָט באַהאַלטן. נאָכדעם ווי יהודה האָט זיך אַזוי נוקם געווען אָן די אונטערדריקערס פון די יידן, האָט ער צונויפגעקליבן אַלע יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין עבר־הירדן, און איז אַוועק מיט זיי צוריק אין לאַנד יהודה. אין יענער צייט זיינען סיי אין גליל און סיי אין עבר־הירדן געווען אַזוי ווייניק יידן, אַז זיי אַלע האָבן זיך געקאָנט באַזעצן אין ירושלים און איר סביבה.

## אַנטיוכוסעס גזרה ווערט בטל (אין יאָר 163)

אין יאָר 164 איז געשטאָרבן דער קיניג אַנטיוכוס IV. זיין אָרט האָט איצט פאַרנומען זיין 9 יאָריקער זון אַנטיוכוס V. צווישן דעם קיניגס מקורבים האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ מחלוקת וועגן דעם, ווער פון זיי זאָל זיין דער אַפּוטרופּוס פון יונגן קיניג. פאַרטאָן אין די רייסערייען צווישן זיך האָבן די רעגירערס פון סיריע אַזוי ווי פאַרגעסן אָן מלכות־יהודה, און

די יידן האָבן איצט געקאָנט טאָן, וואָס זיי ווילן. דאָס האָט טאַקע יהודה המכבי אויסגענוצט און גענומען באַלאַגערן די פעסטונג אַקראַ, בכדי צו פאַרטרייבן פון דאָרט די סירישע זעלנערס און פּטור ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון אַזעלכע גע־פערלעכע שכנים.

חוץ סירישע זעלנערס, האָבן זיך נאָך געפונען אין אַקראַ יידן העלעניסטן, פון כהן־גדול מענעלאַאָסעס צד, וואָס האָבן פיינט געהאַט יהודהן פונקט אַזוי ווי די היידן און האָבן זיך כסדר געפליסט אים אָנצוטאָן שאָדן. בעת דער באַלאַגערונג פון דער פעסטונג זיינען אַ טייל פון די העלעניסטן אַנטלאָפן געוואָרן קיין אַנטיוכיא, דער הויפּטשטאָט פון סירישן קיניג, און האָבן דערציילט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין ירושלים. די העלעניסטן האָבן זיך באַקלאָגט, אַז עס קומט זיי אויס צו ליידן פאַר זייער אונטערטעניקייט און געטריישאַפט צום קיניג, און האָבן געבעטן הילף קעגן יהודה המכבי און זיינע ברידער.

די ידיעות, וואָס די אַנטלאָפענע העלעניסטען האָבן גע־בראַכט, האָבן טאַקע געווירקט אויף דער סירישער רעגירונג, און עס איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצוטרעטן קעגן די יידן מיט גרויס מאַכט. אין יאָר 163 איז ווידער אַוועק קיין מלכות־יהודה אַ גרויסער חיל, צווישן דעם אַ סך רייטערס און אויך העל־פאַנטן, וואָס זיינען געווען געלערנט צו מלחמה; אויף די רוקנס פון די העלפאַנטן זיינען געשטאַנען טורעמס, וואו עס זיינען געזעסן בויגן־שיסערס. מיטן סירישן חיל איז געקומען ניט נאָר דער פאַרוואַלטער פון דער מלוכה ליסיאַס, נאָר אויך דער קיניג גופא.

אַז יהודה המכבי איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, אַז עס קומט אָן דעם קיניגס חיל, האָט ער אָפּגעלאָזט די באַלעגערונג פון אַקראַ און איז אַרויס אַנטקעגן די סיריער. די סירישע קריגס־הויפּטלייט האָבן געהייסן זייערע זעלנער אַראָפּציען די ציכלעך

פון די שילדן, בכדי זייער גלאַנץ זאָל פאַרבלענדן די יידן און אָניאָגן אויף זיי אַ שרעק. אָבער די צענדליקער טויזנטער בליש־טשנדיקע שילדן און שווערדן און די מוראדיקע געשטאַלטן פון די צעווילדעוועטע העלפאַנטן האָבן ניט איינגעשראָקן דעם קליי־נעם יידישן חיל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע שלאַכט. אין מיטן טומל האָט יהודהס ברודער אלעזר דערזען פון ווייטנס אַ מוראדיק גרויסן העלפאַנט, וואָס איז געווען רייך באַפּוצט. האָט אלעזר געמיינט, אַז אויף אָט דעם העלפאַנט זיצט דער קיניג גופא, און ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס, בכדי צו טויטן דעם העלפאַנט. ער האָט געהאַקט מיט זיין שווערד אויף רעכטס און אויף לינקס און אָפּגעריייניקט זיך אַ וועג ביז צום העלפאַנט. געקומען צו יענעם אָרט, האָט ער אַריינגעשטאָכן זיין שווערד אין העלפאַנטס בויך. דער העלפאַנט איז טאַקע אויפן אָרט אַנידערגעפאַלן, נאָר מיט זיין שווערקייט האָט ער אלעזרן דערשטיקט.

הגם די יידן האָבן זיך געשלאָגן מיט גרויס גבורה, פונ־דעסטוועגן האָבן די סיריער גובר געווען, און יהודה האָט גע־מוזט אָפּטרעטן קיין ירושלים. דער סירישער חיל איז אַוועק נאָך אים און האָט באַלאַגערט די שטאָט. די סיריער האָבן גע־האַט באַלעגערונגס־מאַשינעס צום וואַרפן שטיינער און ברע־נענדיקע האַלאַוועשקעס. פונדעסטוועגן האָט די באַלעגערונג זיך פאַרצויגן: דער הר־הבית איז געווען גוט באַפעסטיקט, און די יידן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט גרויס גבורה און עקשנות. נאָר אין גיכן האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט אין שטאָט. כדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער, האָבן אַ סך געמוזט אַוועק פון ירושלים. די באַלעגערטע האָבן שוין כמעט געהאַט אָנגעוואָרן די לעצטע האָפענונג. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט אָט וועט מען זיך מוזן אונטערגעבן, און דעמאָלט וועט קומען אַ סוף צו מלכות־יהודה: דער אכזריות׳דיקער שונא וועט קיינעם ניט

שוינען און וועט פאַרטיליקן אַלט און יונג אָן רחמנות און וועט אויספירן סוף כל סוף, וואָס ער האָט געוואָלט, מבטל צו זיין די ייִדישע אמונה. נאָר אומגעריכט איז געקומען הילף און אויסלייזונג.

פון סיריע האָט ליסיאַס געקראָגן שלעכטע בשורות און האָט געמוזט וואָס גיכער אָפּציען אַהין. מחמת דעם האָט ער שטאַרק חשק געהאַט צו מאַכן שלום און איז געווען גרייט צו גיין אויף אַלע מעגלאַכע פשרות. די באַלעגערטע ייִדן ווידער האָבן נאָר געקלערט וועגן דעם, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דער באַלעגערונג; בכן האָבן ביידע צדדים זיך געוואָלט וואָס גיכער צופרידן, און באַלד איז געשלאָסן געוואָרן שלום. די ייִדן זיינען מרוצה געוואָרן צו בלייבן אונטערטעניק דעם סירישן קיניג און אויפצורייסן די באַפעסטיקונגען פון הר-הבית. דערפאַר אָבער האָט ליסיאַס מבטל געווען דעם באַפעל פון קיניג אַנטיוכוס, און ייִדן האָבן געקראָגן דאָס רעכט פריי צו האַלטן זייער אמונה.

אַזוי איז דער הויפּט-ציל פון אויפשטאַנד געוואָרן דערגרייכט. אין משך פון די פינף יאָר איז ניט ווייניק בלוט פאַרגאָסן געוואָרן, נאָר דערפאַר האָבן די ייִדן געפּועלט, וואָס זיי האָבן געוואָלט: זיי זיינען געבליבן ביי זייער אמונה. נאָר דער קאַמף איז נאָך ניט געווען געענדיקט.

## דער כהן גדול אַלקימוס.

ליסיאַס האָט קיין חשק ניט געהאַט צו צווינגען די ייִדן, זיי זאָלן נעמען פאַר אַ כהן גדול מענעלאַאָסן, וואָס האָט זיי געהאַט אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות. ער גופא איז אויך סוף כל סוף געוואָרן אין כעס אויף דעם דאָזיקן כהן-גדול, וואָס האָט אַריינגעצויגן די סירישע מלוכה אין אַזאַ לאַנגער און אומנוציקער

מלחמה מיט די יידן. האָט ער מענעלאַאָסן גענומען מיט זיך און אינגיכן אים פאַרמשפּט אויף טויט.

נאָר מלכות־יהודה האָט לאַנג ניט געקאָנט זיין אָן אַ כהן־גדול. יהודה המכבי האָט גערעכנט, אַז די כהונה־גדולה קומט אים, פאַר די גרויסע מעשים, וואָס ער האָט אויפגעטאָן לטובת דעם פאָלק און דעם גלויבן. אויך דאָס פאָלק איז געווען אויף זיין צד. נאָר קענען יהודהן זיינען געשטאַנען די יידישע גדולים און מיוחסים, וואָס האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן זייער ממשלה. די סירישע רעגירונג ווידער האָט געקוקט אויף די חשמונאים, ווי אויף מורדים און שונאים. דעריבער האָט זי בעסער געוואָלט באַשטימען פאַר אַ כהן גדול אַזאַ מענטשן, וואָס אים האָבן אַרויסגעשטעלט די ירושלימער גדולים. איצטער, נאָכדעם ווי אַנטיוכוס עפּיפאַנעסעס גזרה איז בטל געוואָרן, האָבן די ירושלימער רייכע לייט ווידער געלעבט גוט מיט די סירער און זיינען, ווי פריער, געווען נוטה צום העלעניזם.

אין יאָר 162 איז געוואָרן באַשטימט פאַר אַ כהן־גדול דער העלעניסט אַלקימוס. ער האָט געשטאַמט פון דער משפּחה פון די פריערדיקע כהנים־גדולים, און לויטן יידישן דין האָט ער גע־מעגט פאַרנעמען די דאָזיקע שטעל. פונדעסטוועגן האָט אַלקימוס מורא געהאַט, טאָמער וועלן די חשמונאים אויפרייצן קעגן אים דאָס פאָלק, און דעריבער איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים מיט אַ סירישן חיל. נאָר זיין פּחד איז געווען אומזיסט.

איינגעמידט דורך דעם לאַנגען קאַמף, זיינען די איינוואוי־נערס פון ירושלים געווען גרייט אָנצונעמען דעם נייעם כהן־גדול, אַבי ער זאָל נאָר איינפירן די אַמאָליקע אָרדענונג. אפילו די פריערדיקסטע אָנהענגערס פון פרום־פאַרצייטיקן לעבן, די חסידים, האָבן זיך אונטערגעגעבן אונטער דער ממשלה פון אַלקימוסן. יהודה המכבי מיט זיינע נאָענטסטע חברים האָבן געמוזט אַוועק פון ירושלים. נאָר אַלקימוס האָט אָנגעהויבן פירן

זיין ממשלה צו שטרענג. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען, האָט ער געלאָזט טויטן זעכציק חסידים, וואָס זיינען אַמאָל געשטאַנען אויפן צד פון די חשמונאים. דאָס האָט דעם כהן־גדול שטאַרק געשאַדט.

אין גאַנצן לאַנד האָבן די חשמונאים שטענדיק געהאַט אַ גרעסערע השפעה און מער גוטע פריינד, איידער אין ירושלים. דאָס פאָלק האָט באַטראַכט יהודה המכבי און זיינע ברידער, ווי די אמת׳ע אויסלייזערס פון פאָלק, ווי די באַשיצערס פון דער יידישער אמונה און אַלטן יידישן שטייגער פון לעבן. פאַרקערט, אויף די ירושלימער גדולים און רייכע לייט האָבן די מענטשן פון המון, די פויערים און פאַסטוכער, געקוקט מיט חשד, ווייל זיי זיינען צופיל געווען אויסגעבונדן מיט דער פרעמדער סירי־שער רעגירונג און האָבן זיך אויפגעפירט לויט די העלענישע מנהגים. איצט, אַז דער כהן־גדול האָט דערהרגעט די חסידים, איז דער חשד קעגן אים, אַז ער וויל דאָס פאָלק וואָס מער פאַר־שקלאַפן, נאָך גרעסער געוואָרן. דערפאַר זיינען איצט ווידער אַ סך יידן צוגעשטאַנען צו די חשמונאים און האָבן אָנגעהויבן אָפן אַרויסטרעטן קעגן כהן־גדול אלקימוס.

פאַמעלעך איז די באַוועגונג אויסגעוואַקסן, אַזוי אַז דער כהן־גדול האָט זיך שוין ניט געפילט זיכער אין ירושלים. יהודה המכבים קריגסלייט האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן לאַנד און אויסהרגענען, וואו זיי האָבן נאָר געטראָפן, העלעניסטן, אָנהענ־גערס פון כהן־גדול אלקימוס. דאָס איז געווען אַן אינעווייניקס־טער ברודער קריג, אַ קריג פון יידן צווישן זיך, צווישן די חשמונאים און ירושלימער גדולים, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן צד פון כהן־גדול. די צאָל פון יהודה המכבים אָנהענגער איז גע־וואַקסן וואָס פון טאָג. אלקימוס ווידער האָט געהאַט צו ווינ־ציק אָנהענגערס, אַז ער זאָל קאָנען מיט זיינע אייגענע כוחות פאַרטיק ווערן מיט די ברידער חשמונאים. דער מצב פון כהן־

גדול איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. אין יענער צייט האָט שוין דעם קיניגס חיל געהאַט פאַרלאָזן דאָס לאַנד יהודה, און די איבער־געבליבענע זעלנערס זיינען ניט געווען גענוג, בכדי צו באַשיצן דעם כהן־גדול. דערפאַר איז אלקימוס אַנטלאָפן קיין אַנטיוכיא, בכדי צו בעטן הילף ביים קיניג.

## יהודה המכבי׳ס טויט.

אין פרי־יאָר פון יאָר 161 איז קיין ירושלים אָנגעקומען אַ סירישער חיל אונטער דער אָנפירונג פון ניקנור. די איינוואוי־נערס פון דער הייליקער שטאָט האָבן אים געמאַכט אַ קבלת פנים מיט גרויס פּאַראַד און האָבן אים באַוויזן גרויס כבוד. נאָר ניקנור האָט די יידן ניט געטרויט, און אויף די באַגריסונגען פון די ירושלימער כהנים און עלטסטע האָט ער געענטפערט מיט סטראַשונקעס און חוזק־רייד. די איינוואוינערס פון ירושלים האָבן זיך אָבער געפירט רואיק, און דער סירישער חיל האָט דאָרט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. פאַרקערט, אין אַנדערע ער־טער פון לאַנד יהודה האָט זיך דער אויפשטאַנד אַלץ מער פאַר־שפּרייט. דעריבער איז ניקנור אַוועק פון ירושלים און האָט גע־פירט זיין חיל אַנטקעגן די מורדים. אין גיכן האָט דער סירי־שער קריגס־הויפטמאַן זיך באַגעגענט מיט יהודה המכבי און זיינע קריגסלייט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטע שלאַכט, ניקנור איז געפאַלן טויט, און זיין חיל איז זיך צעלאָפן.

די בשורה וועגן דער מפּלה און טויט פון סירישן קריגס־הויפטמאַן האָט פאַרשאַפט די יידן פיל פרייד. אַלע זיינען געווען שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס ניקנור איז געשטראָפט געוואָרן פאַר זיינע חוזק־רייד, און צום זכר פון דעם נצחון איז איינגע־שטעלט געוואָרן אַ יום־טוב — „יום ניקנור“, דאָס איז טייטש ניקנורס טאָג. נאָר די יידנס פרייד האָט געדויערט ניט לאַנג. אין גיכן איז אין לאַנד יהודה ווידער אָנגעקומען אַ סירישער חיל

אונטער דער אָנפירונג פון באַקכידעסן.

פון די כסדרדיקע מלחמות, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו פירן אין משך פון יאָרן, זיינען די יידן געווען שוין אויסגעמאַטערט און האָבן געגאַרט נאָך רו. זייער ווינציק מענטשן האָבן איצט חשק געהאַט זיך נאָך אַמאָל צו שלאָגן מיט די סיריער, דעריבער איז יהודה המכבים חיל פון טאָג צו טאָג אַלץ קלענער געוואָרן. בעת ער האָט זיך מיט באַקכידעסן באַגעגענט זיינען ביי אים געבליבן סך הכל 3000 קריגסלייט. אַז די קריגסלייט האָבן דערזען דעם מוראדיקן סירישן חיל, האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן. דער גרעסטער רוב פון זיי זיינען זיך תיכף צעלאָפן, און געבליבן זיינען ביי יהודהן ניט מער פון 800 מאַן. ס'האָט גאָר קיין ספק ניט געקאָנט זיין, אַז דאָס הייפל העלדן וועט ניט קאָנעןביישטיין קעגן דעם קיניגס חיל, וואָס זיין צאָל האָט באַטראָפן 20,000 פוסגייערס און 2,000 רייטערס. פונדעסטוועגן האָט יהודה ניט געוואָלט פאָלגן זיינע גוטע פריינד, וואָס האָבן אים געגעבן אַן עצה אָפּצוטרעטן. ער האָט געהאַלטן פאַר מיאוס צו אַנטלויפן פון שלאַכט און איז געפאַלן, ווי אַ העלד. די ברידער האָבן יהודהן מקבר געווען אין מודעין נעבן זיין פאָטערס קבר, און גאַנץ יהודה האָט באַוויינט דעם העלדישן פאָלקס-פירער.

## דער קאַמף פון די ירושלימער גדולים קעגן יהודה המכבים ברידער.

נאָך יהודה המכבים טויט זיינען די אָנהענגערס פון די חשמונאים שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און אלקימוס איז ווידער געקומען צוריק קיין ירושלים. אינאיינעם מיטן כהן-גדול איז אויך אָנגעקומען אַ סירישער חיל. די ירושלימער גדולים זיינען געווען זייער צופרידן דערמיט, וואָס אלקימוס איז געקו-

מען. די עלטסטע פון דער הייליקער שטאָט איז שוין פון לאַנג אָן ניט ניחא געווען די אינעווייניקסטע מלחמה, און זיי האָבן פיינט געהאַט די חשמונאים, וואָס ווילן זיך אַלץ ניט באַרואיקן; די חשמונאים ווידער האָבן זיי דערפאַר אָנגערופן עוכרי־ישראל און העלעניסטן.

אין יענער צייט האָט שוין די סירישע רעגירונג ניט גע־וואָלט מער צווינגען די יידן אָפּצוטרעטן פון זייער אמונה. אויך די ירושלימער גדולים האָבן שוין ניט געוואָלט איבערבייטן די אַלטע יידישע מנהגים. זייער איינציקער באַגער איז געווען, אַז ביי זיי זאָל בלייבן זייער פריערדיקע ממשלה, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרנעמען די בעסטע שטעלעס אין לאַנד און רעגירן איבער יהודה. נאָר די חשמונאים, יהודה המכבים ברידער און זייערע קרובים, האָבן אַליין חשק געהאַט צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די עלטסטע און צו שטיין בראש פון מלכות־יהודה. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר דער ממשלה צווישן די ירושלימער גדולים און צווישן די חשמונאים. בכדי ניט צוצו־לאָזן די חשמונאים צו דער ממשלה, האָבן די עלטסטע פון ירושלים געהאָלפן דעם כהן־גדול אלקימוסן און דעם קיניגס קריגס־הויפּטמאַן באַקכידעסן. די חשמונאים ווידער האָבן זיך געמיט צוצוציען צו זיך דאָס פאָלק און האָבן ניט אָפּגעשטעלט די מלחמה.

בכדי צו מאַכן אַ סוף צו דער אינעווייניקסטער מלחמה און איינצושטעלן אָרדענונג, האָט באַקכידעס געמאַכט עטליכע יידישע שטעט פאַר פעסטונגען און אַריינגעשטעלט דאָרט סי־רישע זעלנערס. נאָר די אויפשטאַנדן קעגן דער סירישער אוי־בערהערשאַפט האָבן ניט אויפגעהערט. דעמאָלט האָט באַק־כידעס באַפוילן צוצונעמען ביי די עלטסטע פון פאַרשיידענע שטעט פון מלכות־יהודה די קינדער און זיי אָפּשיקן קיין אַקראַ פאַר ערבות־לייט, און איטלעכס מאָל, ווען אין אַ שטאָט וועט

ווערן אַן אויפשטאַנד קעגן דער סירישער רעגירונג, זאָל מען טויטן אַט די פּאַרנומענע ערבות-לייט. דורכדעם האָט באַקכי־דעם געהאַפּט איינצושרעקן די יידן.

און אַזוי איז טאַקע געשען. היות ווי די יידן האָבן מורא געהאַט, זייערע קינדער זאָלן ניט ליידן, האָבן זיי זיך אָפּגע־האַלטן פון די אויפשטאַנדן און האָבן שלום געמאַכט מיטן כהן־גדול אַלקימוס. נאָר אַ קליין הייפל פון די חשמונאימס אָנהענ־גערס האָבן זיך פאָרט ניט געוואָלט אונטערגעבן און האָבן אויס־געקליבן פאַר אַן אָנפירער יהודה המכבים ברודער יונתן. זיי זיי־נען אָבער געווען אַזוי ווייניק, אַז יונתן האָט געמוזט מיט זיי אַוועק אין מדבר, בכדי דאָרט אָפּצואוואַרטן, ביז עס וועלן אָנ־קומען בעסערע צייטן, און טאַקע גיכער איידער מען האָט זיך געקאָנט ריכטן זיינען די בעסערע צייטן אָנגעקומען.

## יונתן.

אין יאָר 159 איז געשטאָרבן דער כהן-גדול אַלקימוס. באַלד נאָכדעם איז באַקכידעס אַוועק צוריק קיין סיריע און האָט אי־בערגעלאָזט די ירושלימער גדולים צו רעגירן איבערן לאַנד. נאָר דאָ האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס פאָלק איז געטריי די חשמונאים. דאָס פאָלק האָט זיך איינגעהאַלטן, כל זמן מען האָט מורא געהאַט פאַרן סירישן פאַרוואַלטער. נאָר קוים איז ער אַוועק פון מלכות יהודה, האָט דאָס פאָלק זיך אָפן געשטעלט אויפן צד פון יהודה המכבים ברידער.

דער מצב פון די ירושלימער גדולים איז געוואָרן אַלץ ער־גער, צו יונתנ'ן זיינען צוגעשטאַנען אַלץ נייע קריגסלייט. די השפעה פון די חשמונאים איז אַלץ געוואַקסן, און די מאַכט פון די פריערדיקע עלטסטע איז אַלץ געפאַלן. אַן זעלנערס זיינען זיי ניט געווען בכח צו צווינגען דאָס פאָלק, עס זאָל זיי פאָלגן. זיי האָבן ניט געקאָנט אויסקלייבן קיין נייעם כהן-גדול און האָבן

זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן, ווי אַזוי איינצושטעלן אָרדע־נונג אין לאַנד. דעריבער האָבן זיי ווידער אַמאָל זיך געווענדט נאָך הילף צום סירישן קיניג.

די סירישע רעגירונג האָט געטאָן זייער פאַרלאַנג, און באַקכידעס איז ווידער געקומען קיין מלכות־יהודה. אָבער איצט איז שוין ניט אַזוי גרינג געווען פאַרטיק צו ווערן מיט די חשמונאים. אַזוי ווי דער סירישער קריגס־הויפּטמאַן האָט דאָך פאָרט געהאַט אַ סך חיל, און אין אַן אָפענער שלאַכט האָבן די חשמונאים אים ניט געקאָנט גובר זיין, האָט דערפאַר יונתן אָנגעהויבן איינצומאַטערן דעם שונא דורך שטענדיקע קליינע געשלעגן. קליינע הייפעלעך מורדים פלעגן גיין איבערן לאַנד, און וואו זיי פלעגן נאָר אָנטרעפן סירישע זעלנערס, פלעגן זיי זיי אומהרגען. די אָנפאַלן פלעגן פאָרקומען אומגעריכטערהייט, און איידער די סיריער פלעגן זיך אומקוקן און באַווייזן צוצושיקן גרעסערע אָפּטיילונגען זעלנערס, פלעגן די יידן שוין פאַרשוואונדן ווערן.

באַקכידעסן איז זייער שווער געווען צו פירן אַזאַ מין מלחמה, אין אַ קליינער מאָס, און אין יענער צייט איז שוין דער סירישער רעגירונג געווען אַלץ איינס, ווער וועט זיין כהן־גדול אין ירושלים, ווער וועט גובר זיין, צי די פריערדיקע עלטסטע צי די חשמונאים. דער סירישער קיניג האָט בלויז געוואָלט, אַז מען זאָל אים צו דער צייט צאָלן צינז, און אַז ער זאָל זיך רעכענען פאַרן אויבערהאַר פון לאַנד יהודה. ווי די יידן וועלן דורכקומען צווישן זיך, דאָס איז ניט געווען זיין דאגה. דעריבער האָט באַקכידעס סוף כל סוף זיך אָפּגעזאָגט פון צו פירן מלחמה קעגן די חשמונאים, און אין יאָר 157 איז ער אַוועק פון מלכות־יהודה. מער ניט אין די יידישע פעסטונגען האָט ער איבערגעלאָזט סירישע זעלנערס, און די פאַרנומענע ערבות־לייט האָט ער פאַרהאַלטן ביי זיך.

נאָכדעם ווי באַקכידעס איז אַוועק, איז יונתן געוואָרן נאָך מער תקיף אין לאַנד, נאָר אַריינקומען אין ירושלים האָט אים זיך פאָרט ניט איינגעגעבן, ווייל די עלטסטע פון שטאָט זיינען געווען קעגן אים. ביי זיי איז קיין ספק ניט געווען, אַז יונתן וויל ווערן כהן-גדול, און אַז אויב ער וועט קומען צו דער ממשלה, וועט ער אַרויסשטופן די פריערדיקע עלטסטע סיי פון בית-המקדש און סיי פון אויבערשטן ראַט, און אויף זייערע ערטער וועט ער אַוועקזעצן מענטשן פון זיין משפחה און פון זיינע מקורבים. דערפאַר טאַקע האָבן די ירושלימער גדולים מיט אַלע מיטלען זיך געשטעלט אַנטקעגן די חשמונאים, און אין משך פון גאַנצע פיר יאָר האָט יונתן אומזיסט געמאַטערט זיך אַריינצוקומען אין ירושלים: מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזט אַהין.

נאָר אָן דער הילף פון סירישן חיל האָבן די ירושלימער גדולים ניט געקאָנט בייקומען די חשמונאים. יונתן ווידער איז זיך געגאַנגען צו זיין ציל פּאַמעלעך, אָבער זיכער. געדולדיק האָט ער געוואַרט, ביז זיינע פּלענער וועלן מקוים ווערן — און האָט זיך כל סוף דערוואַרט.

## יונתן כהן-גדול.

אין יאָר 153 האָט זיך אין סיריע באַוויזן אַ יונגער מאַן, מיטן נאָמען אלכסנדר באַלאַס, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַנטיוכוס עפּיפאַנעסעס אַ זון און האָט אַרויסגעשטעלט תביעות אויף דער סירישער קרוין. אים האָט אונטערגעהאַלטן די עגיפּ-טישע רעגירונג, און דער סירישער קיניג, דימיטריוס I, איז גע-ווען אין גרויס סכנה. בכדי צונויפקלייבן וואָס מער חיל, האָט ער געמוזט צונעמען צו זיך זעלנערם פון די יידישע פעסטונגען; גאַרניזאָנען זיינען געבליבן נאָר אין אַקראַ און אין בית-צור.

דימיטריוס האָט אויך מורא געהאַט, טאָמער פאַרבינדן זיך די יידן מיט אלכסנדר באַלאַסן. דעריבער האָט ער זיך געמיט זיי צוצוציען אויף זיין צד און האָט, צוליב דעם, באַפרייט די פאַרנומענע ערבות-לייט. חוץ דעם, האָט דימיטריוס אויפגעגעבן יונתנען צונויפצוקלייבן צווישן יידן זעלנערס, וואָס זאָלן אים העלפן קעגן אלכסנדר באַלאַס, און אַזוי האָט ער געמאַכט יונתנען פאַרן אויבערפאַרוואַלטער איבער מלכות-יהודה. יונתן האָט טאַקע אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט און איז אַריינגעטראָטן אין ירושלים. איצט האָבן שוין די ירושלימער זיך געמוזט אונטערגעבן, ווייל אויף קיין הילף מצד דעם סירישן קיניג האָבן זיי ניט געקאָנט מער האָפן.

באַלד האָט אויך אלכסנדר באַלאַס אָנגעהויבן זוכן צו ווערן גוט-פריינד מיט די חשמונאים. ער האָט באַשטימט יונתנען פאַר אַ כהן-גדול, צוגעשיקט אים אַ פורפורמאַנטל, אַ גאָלדענע קרוין, און אויף אַזאַ אופן אים צוגעבונדן צו זיך. אום סוכות פון יאָר 153 איז יונתן צום ערשטן מאָל געקומען אין בית-המקדש אַריין, אָנגעטאָן אין די בגדי-כהונה. אַזוי האָט ער דערגרייכט, וואָס ער האָט געוואָלט.

אין דריי יאָר אַרום, אין יאָר 150 איז דימיטריוס אומגעקומען אין שלאַכט, און אלכסנדר איז געוואָרן קיניג פון סיריע און האָט חתונה געהאַט מיטן עגיפּטישן קיניגס טאָכטער. — אלכסנדר האָט דעמאָלט אָפּגעדאַנקט יונתנען פאַר די טובות, וואָס ער האָט אים געטאָן. ער האָט אים איינגעלאַדן צו זיך אויף דער חתונה, אַוועקגעזעצט אים נעבן זיך, אָפּגעגעבן אים כבוד, ווי אַ מלך, און באַשטימט אים פאַר אַ סטראַטעג, דאָס הייסט פאַר׳ן הויפּט-פאַרוואַלטער פון לאַנד יהודה.

ס׳זיינען פאַרביי נאָך עטלעכע יאָר. די גאַנצע צייט האָבן אין סיריע ניט אויפגעהערט מהומות, און די ממשלה איז אַריבערגעגאַנגען פון איין קיניג צום אַנדערן. יונתן האָט דאָס אויס-

גענוצט און האָט איינע נאָך דער אַנדערער צוגענומען דריי שומרונישע מדינות און די ים־שטאָט יפו, באַפעסטיקט דעם הר־הבית און גענומען באַפעסטיקן די גרענעצן פון לאַנד. ס׳איז גע־ווען באַשיינפערלעך, אַז ער האָט בדעה זיך אָפּצורייסן אינגאַנצן פון סיריע און צו מאַכן דאָס לאַנד יהודה פאַר אַן אומאָפּהענ־גיקער מלוכה. אין יאָר 143 זיינען דערגאַנגען ידיעות וועגן דעם צו דער סירישער רעגירונג, און דער קריגס־הויפּטמאַן טריפון איז באַלד אָנגעקומען אין פּאַלעסטינע.

יונתן האָט געשווינד צונויפגעקליבן אַ חיל און האָט זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן טריפונען. נאָר דעם סירישן קריגס־הויפּט־מאַן האָט זיך איינגעגעבן אים אָפּצונאַרן. ער האָט צוגענומען יונתנען מיט גרוים כבוד און מיט זיינע חניפה־רייד האָט ער אים אַזוי ווייט באַרואיקט, אַז דער כהן־גדול איז מרוצה גע־וואָרן אָפּצולאָזן אַהיים זיין חיל און מיטצוגיין מיט טריפונען קיין עכו. דאָרט אָבער האָט טריפון אים פאַרהאַלטן, ווי אַ געפאַנ־גענעם.

פונדעסטוועגן האָט טריפון אין מלכות־יהודה גאָרנישט ניט אויפגעטאָן. ער האָט געוואָלט אַריינקומען אין ירושלים, נאָר יונתנס ברודער שמעון האָט אים ניט צוגעלאָזן נאָענט צו דער הייליקער שטאָט. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט טריפון איינ־געזען, אַז פון זיין גאַנצער מי וועט גאָרנישט אַרויסקומען, און האָט באַשלאָסן זיך אומצוקערן צוריק קיין סיריע. נאָר איידער ער איז אַוועק פון לאַנד יהודה, האָט ער אויסגעלאָזן זיין כעס צו יונתנען און געהייסן אים טויטן. שמעון האָט געלאָזט אויפ־זוכן זיין ברודערס גוף און האָט אים מקבר געווען אין מודעין אין דער הייל פון די חשמונאים.

# מלכות יהודה ווערט אַ פרייע מלוכה.

שמעון החשמונאי האָט מיט זיינע מעשים ניט פאַרשעמט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער. ער האָט ווייטער געפירט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד יהודה און האָט מצליח געווען. דער מצב אין סיריע איז געווען גוט פאַר אים. דאָרט האָבן ניט אויפגעהערט די אינווייניקסטע מהומות. די סיריער האָבן אויסגעהרגעט איינע די אַנדערע צו טויזנטער. דאָס לאַנד איז אַלץ מער חרוב געוואָרן, און פון דער פריערדיקער גרויסער מאַכט איז שוין קיין סימן ניט געווען.

זעענדיק די שוואַכקייט פון סירישן קיניג, דימיטריוס I, האָט שמעון אים פאָרגעלייגט צו באַפרייען דאָס לאַנד יהודה פון צו צאָלן אים צינז. דערווייל האָט ער געקליבן חיל און באַפעסטיקט די יידישע שטעט, אויף דעם פאַל, טאָמער זאָגט אים דער קיניג אָפּ. דימיטריוס האָט דאָס געוואוסט און געזען, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפן, האָט ער געמוזט מסכים זיין אויף שמעונס פאַרלאַנג. אויף אַזאַ אופן האָבן דאָס יידישע פאָלק און די חשמונאים ניט אומזיסט פאַרגאָסן בלוט. די אויבערהערשאַפט פון סירישן קיניג איז בטל געוואָרן און מלכות־יהודה איז איצט, סוף כל סוף, ווידער געוואָרן אַ פרייע מלוכה.

נאָר שמעון האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט זיך באַרואיקן. בכדי צו פאַרפעסטיקן די יידישע פרייהייט, האָט ער איינגענומען די שטאָט גזר, וואָס ליגט אויפן וועג קיין יפו, פאַרטריבן פון דאָרט אַלע סיריער, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, און באַזעצט דאָרט יידן. איינעם פון זיינע זין האָט ער אַוועקגעשטעלט פאַר אַ פאַרוואַלטער פון דער איינגענומענער שטאָט.

באַלד נאָכדעם האָט שמעון באַלעגערט די פעסטונג אַקראַ, וואו ס׳זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען סירישע זעלנערם. ער האָט אַרומגערינגלט די פעסטונג פון אַלע זייטן און האָט אַהין ניט

אַריינגעלאָזן קיין עסנוואַרג, און אין יאָר 141 האָבן די אויסגע־מאַטערטע סיריער זיך אונטערגעגעבן. איצטער איז פאַר־שוואונדן דער לעצטער זכר פון דעם פרעמדן יאָך, און אַלע האָבן איינגעזען, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו דער איבערהערשאַפט פון די סיריער. די איינוואוינערס פון ירושלים זיינען אַריין אין אַקראַ מיט געזאַנג און שפּיל און האָבן מיט שמחה געפייערט דעם נצחון.

ס'איז אַוועק מער פון אַ יאָר צייט, די גאַנצע צייט איז שמעון געשטאַנען בראש פון מלכות־יהודה און האָט אַליין רע־גירט איבערן לאַנד. דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען צו שאַצן זיינע גרויסע אויפטוען, און אין יאָר 141 האָט אַ פאָלקס־פאַר־זאַמלונג, וואו עס זיינען אויך געווען די כהנים און עלטסטע פון פאָלק, אים אויסגערופן פאַר אַ כהן־גדול, קריגס־הויפּטמאַן און נשיא. עס איז אויך באַשטימט געוואָרן, אַז זיין ממשלה גייט איבער בירושה צו זיין זון.

# 3.
# די צייט פון דער פרייער מלכות יהודה
(63—142)

## דער ייִדישער נשיא שמעון החשמונאי (135—142)

די סירישע מלכים האָבן אַלץ ניט געקאָנט רואיק צוקוקן, וואָס מלכות יהודה איז אַרויס פון אונטער זייער ממשלה, דערי־בער האָט שמעון שטענדיק געמוזט זיך האַלטן גרייט, בכדי אָפּ־צוטרייבן די שונאים. דער נשיא האָט געהאַט הצלחה אין אַלע זיינע מעשים. דאָס ייִדישע פאָלק האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און ווידער געקאָנט זיך אומקערן צו זיין געוויינטלעכער אַרבעט בשלום.

אין ערשטן ספר „חשמונאים“ ווערט שמעונס צייט באַשריבן מיט אַזעלכע ווערטער: „ער האָט פאַרברייטערט פאָרן פאָלק די גרעניצן און האָט געוועלטיקט איבערן לאַנד. ער האָט געבראַכט (אַהיים) אַ סך געפאַנגענע (יידן) און איז געוואָרן דער מושל פון גזר, בית-צור און פון דער פעסטונג אַקראַ (אין ירושלים). ער האָט פאַרטריבן פון איר (אַקראַ) אַלע טמאדיקס, און עס איז קיינער ניט געווען, וועך עס זאָל קאָנען באַשטיין אַנטקעגן אים. זיי (די יידן) האָבן געקאָנט בשלום באַארבעטן זייער ערד... זקנים זיינען געזעסן אויף די גאַסן און האָבן געשמועסט וועגן דעם גליק פון לאַנד; בחורים האָבן זיך אָנגעטאָן אין שיינע קליידער פון קריגסלייט. די שטעט האָט ער (שמעון) פאַרזאָרגט מיט שפייז און פאַרזיכערט מיט פעסטונגסגעווער, אַזוי אַז דער כבוד פון זיין נאָמען איז געוואָרן פאַרשפרייט ביזן עק פון דער ערד. ער האָט איינגעשטעלט שלום אין לאַנד, און גרויס פרייד איז געווען ביי ישראל. איטלעכער איז געזעסן אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים, און קיינער האָט די רו ניט געשטערט. ס׳איז ניט געווען קיינער, וועך עס זאָל מיט זיי מלחמה האַלטן אין לאַנד... שמעון האָט געהאָלפן אַלע אומגליקליכע פון זיין פאָלק. געטריי איבערגעגעבן צו דער תורה, האָט ער פאַרטיליקט אַלע פושעים און רשעים. ער האָט דעם הייליקטום געמאַכט שיין“...

אין יאָר 137 האָבן שמעונס זין אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון איבער די סיריער, און דער קיניג האָט אויפגעהערט אָנצופאַלן אויף מלכות-יהודה. ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז נאָך אַזוי פיל מלחמות און שווערער מי איז איצט שמעונען באַשערט רואיק אויסצולעבן זיינע יאָרן. אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך אַנדערש. די שלעכטע מדות, וואָס האָבן געהערשט ביי די הויפן פון די אַזיאַטישע מלכים, זיינען אַריינגעדרונגען אויך אין דער משפחה פון די חשמונאים, און שמעון איז אומגעקומען דורך דער האַנט פון

מערדער, וואָס עס האָט אָנגעשיקט אויף אים זיין איידעם תלמי בן חבוב.

תלמי איז געווען דער פאַרוואַלטער פון ירחו. אין זיין רשות איז געווען אַ היפשער חיל, און ער האָט זיך אַריינגענומען אין זינען צו פאַרכאַפּן די מֶמשלה איבער גאַנץ מלכות־יהודה. אום ווינטער פון יאָר 135 איז דער נשיא שמעון אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד און איז פאַרפאָרן צו זיין איידעם. דעמאָלט האָט דער פאַלשער תלמי באַשלאָסן אויסצופירן זיין שלעכטן פּלאַן, ער האָט צוגענומען דעם אַלטן נשיא מיט גרויס פּאַראַד, און בשעת דער סעודה האָט ער געהייסן די דינערס געבן צו טרינקן שמעונען און זיינע צוויי זין, וואָס זיינען געווען מיט אים, אַ סך וויין. ווי נאָר זיי האָבן זיך איינגעשיכורט, זיינען זיי דערהרגעט געוואָרן.

נאָך דעם האָט תלמי געשיקט מערדערס צו שמעונס לעצטן זון, יוחנן הורקנוס, וואָס איז געווען פאַרוואַלטער פון גזר. נאָר יוחנן איז בייצייטנס געוואָר געוואָרן וועגן דעם, וואָס גרייט זיך אויף אים, און איז באַלד אַוועק קיין ירושלים. אַז תלמי איז צו־געטראָטן צו די מויערן פון דער אידישער הויפּט־שטאָט, איז די באַפעלקערונג שוין געווען צוגעגרייט און האָט אים באַגעגנט, ווי אַ שונא. אַז ער האָט איינגעזען, אַז זיין פּלאַן איז געוואָרן צו־נישט, איז ער אַוועק צוריק קיין ירחו, נאָר אויך פון דאָרט האָט ער געמוזט אַנטלויפן קיין עבר־הירדן.

שמעון דעם נשיאס אָרון האָט מען שפּעטער אַריבערגעפירט קיין מודעין און מקבר געווען דאָרט אין דער קברות־שטוב פון די חשמונאים, וואָס שמעון גופא האָט פאַר זיין לעבן געהאַט אויסגעבויט. די דאָזיקע קברות־שטוב איז געווען אַ גרויסאַר־טיקער הויכער בנין, וואָס מען האָט אים געקאָנט זען פון ים־זייט; זי האָט געדינט די ים־לייט אָנשטאָט אַ לייכט־טורעם.

## דער נשיא יוחנן הורקנוס (135—104).

יוחנן הורקנוס האָט רעגירט איבער מלכות-יהודה 31 יאָר און האָט מיט אַלע כחות פאַרטיידיקט דאָס לאַנד קעגן די אָנ-פאַלן פון סירישן קיניג. שוין אין יאָר 135, באַלד נאָכדעם ווי תּלמי איז אַנטלאָפן, זיינען די סירער אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה. דער קיניג פון סיריע האָט אומעטום אונטערוועג חרוב געמאַכט שטעט און דערפער, ביז ער איז אָנגעקומען פאַר די טויערן פון ירושלים. ער האָט די שטאָט אַרומגערינגלט מיט גראָבנס און וואַלן און האָט אַהין ניט אַריינגעלאָזן קיין עסנ-וואַרג. אין ירושלים האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ הונגער. בכדי פּטור צו ווערן פון איבעריקע עסערס, האָט הורקנוס באַ-פוילן אַרויסצושיקן פון שטאָט אַלע איינוואוינערס, וואָס האָבן ניט געקאָנט טראָגן קיין געווער און נעמען אַן אנטייל אין דער מלחמה. די סירער אָבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט דורכצולאָזן די יידן, האָבן די אומגליקלעכע פאַרטריבענע אַרומגעבלאָנקעט נעבן די מויערן פון שטאָט, און אַ סך פון זיי זיינען געשטאָרבן פון הונגער. ערשט צום יום-טוב סוכות האָט הורקנוס, סוף כל סוף, רחמנות געקראָגן אויף די פאַרטריבענע און האָט זיי אַריינגע-לאָזן אין שטאָט.

בכדי צו קאָנען אָפּריכטן רואיק דעם יום-טוב סוכות, האָט דער נשיא זיך געווענדט צום קיניג מיט אַ בקשה צו מאַכן אַ הפסקה אין דער מלחמה אויף זיבן טעג. דאָס מאָל האָט דער סירישער קיניג באַוויזן גרויס כבוד דער יידישער אמונה: לא די וואָס ער האָט נאָכגעגעבן יוחנן הורקנוסעם באַגער, נאָר ער האָט אפילו געשיקט מתּנות פאַרן בית-המקדש — אָקסן מיט פאַרגילדטע הערנער, זילבערנע און גאָלדענע שאָלן מיט שמעקנ-דיקע בשמים.

דעם קיניגס איידלקייט האָט צוגעגעבן הורקנוסן מוט אָנ־צוהויבן פירן מיט אים אַ רייד וועגן שלום. נאָר די תנאים, וואָס די סיריער האָבן פאָרגעלייגט, זיינען געווען זייער שווער; זיי האָבן געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן זיי אויסצאָלן אַ גרויסע סומע געלט, געבן ערבות־לייט, באַצאָלן צינז פאַר יפו און פאַר די איבעריקע איינגענומענע שטעט; די איינוואוינערס פון ירושלים האָבן געדאַרפט אַרויסגעבן זייער געווער, און די באַ־פעסטיקונגען פון שטאָט האָבן געדאַרפט ווערן אויפגעריסן. דער קיניג האָט אויך געפאָדערט, אַז אין אַקראַ זאָל ווידער ווערן אַוועקגעשטעלט אַ סירישער גאַרניזאָן; נאָר אָט די פאָדערונג האָט הורקנוס לחלוטין אָפּגעוואָרפן. די איבעריקע תנאים אָבער האָט דער יידישער נשיא געמוזט אָננעמען.

דאָס לאַנד יהודה איז אין יענער צייט געווען זייער אָפּגע־שוואַכט; די באַפעלקערונג איז געווען בדלות געשטעלט, אויס־געמאַטערט, און ווינציק זיינען געווען מענטשן, וואָס זיינען פעִ־איק געווען צו גיין אין מלחמה. אויב די מלחמה וואָלט נאָך געדויערט, וואָלטן די יידן זיכער געליטן אַ מפלה, און מלכות יהודה וואָלט געקאָנט אָנווערן איר פרייהייט. דעריבער איז הורקנוס מרוצה געוואָרן נאָכצוגעבן, און ער האָט געהאָפט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זיך אים איינגעבן, איבערצובייטן דעם אָפּמאַך. און טאַקע אין 5 יאָר אַרום איז דער קיניג גע־שטאָרבן, און אין סיריע האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקתן און מהומות. דאָס האָט יוחנן הורקנוס אויסגענוצט און אויפגעהערט צו צאָלן צינז.

נאָך דעם האָט שוין יוחנן הורקנוס געפירט מלחמות ניט בכדי צו באַשיצן זיך קעגן אָנפאַלן, נאָר ער איז אַליין אָנגע־פאַלן אויף די שכנישע שטעט און מדינות און האָט זיי צוגענומען פאַר מלכות־יהודה. מחמת דעם איז שוין פאַר איהם ניט געווען

געגנוג דער פאָלקס-חיל, וואָס פלעגט ווערן צונויפגעקליבן אין אַן עת-צרה, נאָר ער האָט איינגעפירט ביי זיך אַ געדונגענעם חיל.

באַזונדערס וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד אדום, וואָס גרענעצט זיך מיט דרום-יהודה. די אדומים פלעגן אָפטמאָל העלפן די יידישע שונאים, ווייל זיי פלעגן דורכלאָזן דעם שונא׳ס חיל דורך זייער לאַנד, וואו עס איז געגאַנגען דער קורצסטער וועג קיין ירושלים. בכדי אויף שטענדיק צוצובינדן אדום צו מלכות-יהודה, און בכדי די אדומים זאָלן אויפהערן צו ברענגען שאָדן די יידן, האָט הורקנוס זיי געצוואונגען אָנצונעמען די יידישע אמונה. די וואָס האָבן דאָס ניט געוואָלט טאָן, האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד אדום.

נאָך פריער, אַן ערך אין יאָר 120, איז הורקנוס אָנגעפאַלן אויף שומרון, וואָס איז געלעגן אין מיטן פאַלעסטינע און האָט אָפגעשיידט יהודה פון גליל, וואו עס האָבן געוואוינט יידן. די שומרונים זיינען געווען נאָענט צו די יידן הן לויט זייער אָפשטאַם, הן לויט זייער גלויבן. פונדעסטוועגן איז צווישן זיי פון לאַנגע יאָרן אַן געווען אַ שנאה; זיי האָבן געהאַט אויסגעבויט אַ טעמפל אויפן באַרג גריזים מיטן מיין, אַז ער זאָל ווערן גרעסער און הייליקער פאַרן בית-המקדש אין ירושלים. דעריבער איז ביי יידן געווען גרויס די שמחה, ווען הורקנוסן האָט זיך איינגעגעבן צו צעשטערן דעם שומרונישן טעמפל. צום אָנדענקען איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ יום-טוב. נאָך דער דאָזיקער מפלה האָבן די שומרונים שוין ניט געקאָנט מער קומען צו זיך; פונדעסטוועגן האָט הורקנוס אין יאָר 111 נאָך אַמאָל געמוזט פירן מיט זיי מלחמה. די שומרונים האָבן זיך געווענדט נאָך הילף צו די סיריער, נאָר דער סירישער חיל איז געוואָרן געשלאָגן. נאָך אַ באַלעגערונג, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנץ יאָר, האָבן די יידן איינגענומען די שטאָט שומרון און חרוב געמאַכט זי ביזן גרונט.

# קיניג אַריסטובול I (104—103).

יוחנן הורקנוסעס זון, יהודה אַריסטובול, האָט דערגרייכט צו זיין ממשלה דורך געוואַלט-מיטלען. עס ווערט דערציילט, אַז הורקנוס האָט געלאָזט אַ צוואה, אַז נאָך זיין טויט זאָל רעגירן איבערן לאַנד זיין אלמנה, און זיין עלטסטער זון אַריסטובול זאָל זיין נאָר אַ כהן-גדול. נאָר אַריסטובול, וואָס האָט אַליין גע־גלוסט צו געוועלטיקן, האָט ניט מקיים געווען דעם פאָטערס צוואה. זיין מוטער מיט דריי ברידער האָט ער אַריינגעזעצט אין תפיסה און האָט אָנגעהויבן אַליין צו רעגירן איבער מלכות־יהודה.

אין יענער צייט איז שוין מלכות-יהודה געווען אַ סך גרע־סער, ווי פריער, דעריבער האָט אַריסטובול זיך שוין ניט באַ־נוגנט מיטן טיטל נשיא. פונקט ווי אַלע איבעריקע פרייע מושלים, האָט ער געוואָלט זיך אָנרופן קיניג. דער קיניג אַריסטובול האָט געפירט פונקט אַזעלכע גליקלעכע מלחמות, ווי דער נשיא יוחנן הורקנוס. ער האָט איינגענומען דעם צפון־טייל פון גליל, וואָס ליגט ביים באַרג לבנון. די איינוואוינערס פון דער איינגענומענער מדינה האָט ער געצוואונגען איבער געוואָלט זיך מגייר צו זיין.

אַריסטובול האָט געקיניגט סך הכל איין יאָר צייט. גע־שטאָרבן איז ער אין גרויסע יסורים. ניט נאָר די ווייטאָגן פון זיין קרענק האָבן אים געפייניקט, נאָר אויך די חרטה, וואָס אי־בער זיין שולד איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס בלוט פון זיין ברודער אַנטיגונוס, וואָס ער האָט אים שטאַרק ליב געהאַט.

די מעשה איז געווען אַזוי. דער קיניג האָט אַנטיגונוסן געטרויט אין אַלצדינג. אינאיינעם זיינען זיי געגאַנגען אויף מלחמה און האָבן זיך געטיילט אין דער רעגירונג. נאָר די

הויפּסלייט האָבן אויסגעקלערט בלבולים אויף אַנטיגונוסן: זיי האָבן מיט אַלע מיטלען איינגערעדט אַריסטובולן, אַז זיין ברודער וויל ווערן אַליין אַ קיניג. סוף כל סוף האָבן זיי אויסגעפירט זייערס, און ביים קיניג אין האַרצן האָט זיך פאַרגנבעט אַ חשד קעגן זיין ברודער.

איין מאָל אום סוכות איז אַנטיגונוס געקומען קיין ירושלים נאָך אַ נצחון, און דאָס פאָלק האָט אים מקבל פּנים געווען מיט גרוים פרייד. איידער ער איז געגאַנגען אין קיניגלעכן הויף אַריין, איז ער אַוועק אין בית-המקדש, נאָך אַנגעטאָן אין די מלחמה-קליידער און באַגלייט פון זיינע זעלנערס, בכדי דאָרט מתפּלל צו זיין אויף זיין ברודערס געזונטהייט. דערווייל האָבן די הויפּס-לייט איינגערוימט דעם קיניג אין אויער, אַז אַנטיגונוס וויל זיך אַריינרייסן אין פּאַלאַץ מיט באַוואָפנטע זעלנערס, בכדי אים צו טויטן. דער קיניג אָבער האָט פריער געוואָלט אויספּרובן, צי איז די מסירה פון די הויפּסלייט אמת, און דעריבער האָט ער געלאָזט אָנזאָגן זיין ברודער, אַז ער זאָל קומען צו אים אין פּאַלאַץ אַריין אָן געווער. דערביי האָט דער קיניג ביי זיך באַשלאָסן, אַז טאָמער וועט דער ברודער ניט פאָלגן, איז דאָס אַ סימן, אַז די הויפּס-לייט זיינען גערעכט, און זיינע וואַך-לייט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז אויב עמיצער וועט קומען אין פּאַלאַץ אַריין באַוואָפנט, זאָלן זיי אים הרגענען. די הויפּסלייט האָבן דאָס געוואוסט, און דעריבער האָבן זיי אונטערגעקויפט דעם קיניגס שליח, ער זאָל איבערדרייען דעם קיניגס רייד און אָנזאָגן אַנטיגונוסן, אַז דער קיניג וויל אים זען אָנגעטאָן אין שווערד און פּאַנצער. אַנטיגונוס האָט וועגן קיין בייז ניט געקלערט און איז אַוועק אַ באַוואָפנטער צום פּאַלאַץ. אָבער ווי נאָר ער איז געקומען צום אָרט, וואָס האָט געהייסן סטראַטאָנס טורעם, האָבן דעם קיניגס לייב-וועכטערס אים דערהרגעט.

# דער לעבנס-שטייגער פון די יידן.

נאָכדעם ווי די ברידער חשמונאים האָבן אינגאַנצן פאַר־טריבן די סיריער פון לאַנד יהודה, האָבן די יידישע פויערים זיך ווידער גענומען צום אַקער-אייזן און רידל. חוץ ווייץ, גערשטן, אַרבעס, לינזן, באָב, האָבן זיי אָנגעהויבן זייען רייז, וואָס דער־פון פלעגן זיי באַקן אַ מין ברויט. אין די גערטנער פון פּאַלעס־טינע זיינען געוואַקסן אוגערקעס, מעלאָנען און קאַווענעס, און אין די פרוכט-סעדער — באַרן, פערשקעס, ציטראָנען, אַפּעלסי־נען, מאַנדלען. נאָר מער פון אַלץ האָבן געהאַט אַ שם די וויינ־גערטנער און אויך די וועלדלעך פון איילבערט-ביימער און טייטל ביימער. אויך אין יענער צייט זיינען ערד-אַרבעט, גערטנעריי און וויינגערטנעריי געווען די הויפּט-פּרנסות פון יידן. נאָר וואָס פון יאָר האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט אין ארץ-ישראל האַנדל און מלאכה.

די פּאַלעסטינישע וויינען, וואָס האָבן פון שטענדיק אָן זיך אויסגעצייכנט דורך זייער פיינעם טעם און געשמאַקן ריח, זיי־נען ביסלעכווייז געוואָרן אַ האַנדלס-אַרטיקל. אין לאַנד זיינען אויפגעקומען אַ סך וויינלאַגערס, פון וואַנען די יידישע סוחרים פלעגן פונאַנדערשיקן אין פאַרשיידענע שטעט הונדערטער פע־סער און קריג וויין. נאָכמער האָט זיך פאַרשפּרייט דער האַנדל מיט בוימל.

אין יענער צייט האָט מען באַנוצט בוימל ניט נאָר צום עסן, נאָר אויך צום באַלייכטן; דעריבער האָבן זיך געפונען אויף אים אַ סך קונים. די יידן פלעגן אויסאַרבעטן אייל פון איילבערטן, נים, מאָן און אויך רויזן-אייל און באַלזאַם. דאָס אַלץ פלעגן די סוחרים אַרויספירן אין די פּאַלעסטינישע שטעט, קיין סיריע, עגיפּטן, גריכנלאַנד. נעבן יריחו זיינען גרויסע שטרעקעס דורכ־

אויס געווען באַדעקט מיט באַלזאַם-קוסטעס און רויזן-שטעקער. באַלזאַם און רויזן-אייל האָט מען באַנוצט, ווי אַ הייל-מיטל און צום שמירן זיך, און מען האָט דערפאַר זייער טייער געצאָלט.

פון טייטל-בוימער פלעגן יידן פלעכטן קערב, ראָגאָזשעס, שטריק, און דער זאַפט פון די טייטלען האָט געדינט אַנשטאָט האָניג. קיין צוקער איז אין ארץ-ישראל דעמאָלט נאָך ניט גע-ווען, און אַנשטאָט אים פלעגט מען נוצן האָניג. חוץ דעם טייטל-האָניג, פלעגט מען דאָרט נאָך מאַכן האָניג פון וויינ-טרויבן, וואָס מען פלעגט אַרויספירן אפילו אין פרעמדע לענ-דער. אין מלכות-יהודה פלעגט מען אויסאַרבעטן וואָלענע און ליינענע געוואַנטן, געווער, גאָלדענע צירונג און כלים, נאָר אַלע די אויסאַרבעטונגען זיינען געווען ניט גענוג קונציק געמאַכט, און דערפאַר פלעגן זיי ווערן פאַרקויפט נאָר אין לאַנד גופא. אפילו די יידישע פריצים און רייכע סוחרים פלעגן בעסער קויפן אויסלענדישע געוואַנטן מיט גאָלדענע און פורפורנע ראַנדן, גרי-כישע כלים און צירונג.

די סחורות פלעגט מען אַריבערפירן אויף קעמלען, אייזלען און וועגעלעך, באַשפּאַנט מיט מוילאייזלען. פערד פלעגט מען ברענגען צו פירן פון אַראַביע און עגיפּטן, נאָר זיי האָבן גע-קאָסט צו טייער אויף צו פירן משאות, דערפאַר פלעגט מען זיי קויפן דער עיקר פאַרן חיל. פון פאַלעסטינע פלעגן זיך ציהען קאַראַוואַנעס קעמלען און אייזלען קיין אַראַביע, סיריע, עגיפּטן און אַנדערע לענדער. אונטערוועגס פלעגן די סוחרים פאַר-קויפן אַ טייל פון זייערע סחורות און פאַראיינס איינקויפן די אָרטיקע פּראָדוקטן.

יידישע סוחרים פלעגן פירן זייערע סחורות ניט נאָר איבער דער יבשה, נאָר אויך איבערן ים. דער ים-האַנדל האָט זיך באַ-זונדערס פאַרשפּרייט, זינט עס איז איינגענומען געוואָרן די שטאָט יפו. זינט יענער צייט האָבן יידן געקאָנט פריי אַריינ-

קומען אין דער דאָזיקער ים־שטאָט און פון דאָרט פאָרן אויף שיפן קיין עגיפטן און גריכנלאַנד. אין גיכן איז אין יפו גע־וואָרן אַ גרויסער האַנדלס־האַפן, פון וואַנען עס פלעגן ווערן אַרויסגעפירט סחורות אין פאַרשיידענע לענדער.

אין מלכות־יהודה גופא פלעגט מען פאַרקויפן סחורות מער פון אַלץ אויף מערק און ירידין. נאָר אויך שטענדיקע קראָמען זיינען דאָרט געווען. באַזונדערס טייערע זאַכן, אַשטייגער, פערל, איידעל־שטיינער, זיידענע שפיצן, פלעגט מען פונאַנדער־טראָגן איבער די הייזער. די הענדלערס פלעגן קומען אין שטוב אַריין צו רייכע לייט און זיי אָנבאָטן פאַרשיידענע טייערע זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן אריינגעפירט אין לאַנד.

מער פון אַלץ זיינען געווען קראָמען און לאַגערס אין ירושלים, וואָרום זי איז געווען די גרעסטע און רייכסטע שטאָט אין לאַנד יהודה; חוץ דעם, פלעגן אין די שלש רגלים זיך אָנ־קלייבן אַהין טויזנטער עולי־רגל. צו שפייזן די איינוואוינערס פון דער הויפט־שטאָט זיינען נייטיק געווען הונדערטער בהמות, גאַנצע בערג תבואה, פרוכטן, גרינסן. ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס פון אַלע עקן פון דער מלוכה פלעגט מען אָנפירן אַהער פאַרשיידענע פראָדוקטן; דאָ פלעגן אויך ווערן פאַרקויפט אין גרויסע מאָסן אויסלענדישע סחורות. די קיניגלעכע משפחה, די שרים און עלטסטע כהנים פלעגן גיין קויפן בבלישע קאָבריצעס, גריכישע כלים, אינדישע געוואַנטן און אַנדערע לוקסוס־זאַכן, און די רייכע יידישע סוחרים פלעגן נאָכטאָן די הויפסלייט און פוצן זייערע ווייבער און טעכטער אין טייערע געוואַנטן און אָנ־הענגען אויף זיי בריליאַנטענע צירונג און פערלען.

## ווי אזוי איז די יידישע מלוכה געוואָרן רעגירט.

נאָכדעם ווי שמעון חשמונאי איז געקומען צו זיין ממשלה, האָט ער אוועקגעזעצט זיינע קרובים און גוטע פריינד אויף די העכסטע רעגירונגס-שטעלעס. נאָר אינגאַנצן אַרויסשטופּן די פריערדיקע תקיפים האָבן די חשמונאים זיך ניט איינגעשטעלט, און אין אויבערשטן ראַט אָדער סנהדרין זיינען געבליבן זיצן אינאיינעם מיט די נייע מיטגלידער אויך די עלטסטע און כהנים, וואָס זיינען פריער געזעסן אין סנהדרין. פּונקט ווי אַנדערע מושלים, האָבן די חשמונאים אָנגעהויבן גיסן מטבעות און גע־האַלטן ביי זיך אַ געדונגענעם חיל. נאָר זיי זיינען געווען אַזוי פיל אַריינגעטאָן אין פירן מלחמות, אַז אין די אינעווייניקסטע פאַראַנדקעס האָבן זיי זיך ניט געמישט, און אַלץ איז געבליבן ווי פריער.

אין איטלעכער שטאָט האָט זיך געפונען אַ ראַט פון עלטס־טע, וואָס פלעגט צוויי מאָל אין וואָך, אַלע מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג, פונאַנדערקלייבן פּראָצעסן און משפטן די איינוואוי־נערס פון דער געגענט. אמת, אין די יידישע פּראָווינצן האָבן געוואוינט דעם קיניגס פאַרוואַלטערס, און בראש פון סנהדרין איז געשטאַנען דער קיניג אַליין, וואָס איז אויך געווען כהן־גדול. נאָר דער קיניג האָט זייער אַ פולע צייט פאַרבראַכט אויף מלחמה, און אויך די פאַרוואַלטערס זיינען געווען פאַרנומען מיט קריגס-זאַכן. געבן השגחה אויף דער אָרדענונג און רעכט האָבן געמוזט די עלטסטע און דער סנהדרין.

ביים סנהדרין אָדער הויפּט-ראַט זיינען געווען געשטעלט באַזונדערע באַאַמטע, וואָס האָבן אויפגעפּאַסט, אַז די געזעצן זאָלן אָפּגעהיט ווערן, פלעגן לאָדן צום דין און אויספירן פאַרשיי־דענע שליחותן.

דער סנהדרין פלעגט זיצן אין אַ זאַל, וואָס האָט זיך גערופֿנען ביים בית המקדש און וואָס מען פלעגט אים אָנרופֿן לשכת הגזית. ער איז באַשטאַנען פון 71 מיטגלידער; נאָר געוויינטלעך פלעגן ניט אַלע מיטגלידער קומען אויף אַלע זיצונגען. די פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער, אָדער דער גרויסער סנהדרין (סנהדרין הגדולה), פלעגט פאַרקומען זייער זעלטן; געוויינטלעך פלעגט זיצן דער קליינער סנהדרין (סנהדרין הקטנה), וואָס איז באַשטאַנען פון 23 מיטגלידער. משפטן אַ מענטשן פלעגט דער סנהדרין אָדער בית-דין אָפֿן, פאַרן גאַנצן עולם. די מיטגלידער פון סנהדרין פלעגן זיך אויסזעצן אין אַ האַלבן עיגול (כחצי גורן עגולה), בכדי זיי זאָלן קאָנען זעהן איינער דעם אַנדערן. פוןביידע זייטן זיינען געשטאַנען שרייבערס (סופרי הדיינים), וואָס פלעגן פאַרשרייבן די רייד פון די דיינים. דאָ פלעגט אויך שטיין דער באַשולדיקטער.

דער סנהדרין פלעגט זיין שטאַרק אָפּגעהיט ביים פסקענען און זאָרגן דערפאַר, אַז דער פסק דין זאָל זיין אַ גערעכטער, אַז אומשולדיקע מענטשן זאָלן ניטליידן אומזיסט. עס האָט זיך געהאַט איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז פריער זאָלן זיך אַרויסזאָגן יענע, וואָס האַלטן, אַז דער באַשולדיקטער איז חייב, און דערנאָך ערשט יענע, וואָס האַלטן, אַז ער איז ניט שולדיק. דאָס איז געווען איינגעפירט צוליב דעם, בכדי דער לעצטער איינדרוק זאָל זיין לטובת דעם באַשולדיקטן.

נאָכדעם ווי אַלע רעדעס זיינען געווען געענדיקט, פלעגט מען אָפּשטימען. בכדי צו באַפרייען פון שטראָף, איז געווען גענוג אַ רוב פון איין שטים, בכדי צו פאַרמשפטן האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ רוב פון צוויי שטימען. אַשטייגער, ווען אויף דער זיצונג זיינען געווען 23 דיינים, און פון זיי האָבן 12 געפסקנט, אַז דער באַשולדיקטער איז פריי, איז ער געבליבן פריי פון שטראָף. ווען אָבער 12 האָבן געפסקנט, אַז ער איז שולדיק,

פלעגט מען צורופן נאָך צוויי דיינים, און נאָר ווען ביידע נייע דיינים זיינען אויך באַשטאַנען אויף פאַרמשפּטן, פלעגט דער סנהדרין אַרויסטראָגן אַ פּסק אויף פאַרמשפּטן.

## דאָס גייסטליכע לעבן.

פונקט ווי אין אַמאָליקע ציטן, האָבן יידן היילינג אָפּגעהיט די חוקים פון דער תורה. עס זיינען אָפּגעהיט געוואָרן ניט נאָר יענע דינים פון דער תורה, וואָס זיינען שייך צו אמונה-זאַכן און צו מידות, נאָר אויך יענע חוקים און כללים, וואָס באַשטימען דאָס משפחה-לעבן, די האַנדלס-אויפטראָגן און משפטים. פרומע יידן האָבן געהאַלטן אין זינען די געבאָטן פון דער תורה סיי ביי דער אַרבעט און סיי ביים עסן, סיי אינדערוואָכן און סיי אום יום-טוב און האָבן זיך שטענדיק געפירט לויט זיי. נאָר ניט אַלצדינג, וואָס קאָן זיך טרעפן אין לעבן, האָט זיך געפונען פאַרשריבן אין דער תורה; אין אַזעלכע זאַכן, וואו אין דער תורה איז ניט געוועזן קיין דין, האָט מען זיך געפירט לויט די אָנגענומענע מנהגים, וואָס האָבן זיך בּיסלעכווייז איינגעשטעלט, אויב נאָר זיי האָבן געשטימט מיט די חוקים פון דער תורה.

געלערנטע לייט — סופרים האָט מען זיי גערופן — פלעגן מיט התמדה שטודירן תורת-משה און די אַלטע מנהגים פון פאָלק. נאָר אויך אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעגעבן אינגאַנצן מיט לערנען, האָבן געוואוסט גוט די תורה און האָבן שטענדיק געקלערט וועגן אמונה-זאַכן. דערפאַר פלעגט מען אין יענער צייט שרייבן על פּי רוב רעליגיעזע ספרים. נאָר אויך ביכער מיט אַן אַנדער אינהאַלט זיינען אין יענער צייט געשריבן געוואָרן. די מלחמה פאַרן גלויבן און פאַר דער פרייהייט האָט איבערגעלאָזן אַ טיפן רושם אין דער נשמה פון יידן. דערפאַר האָבן זיך באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט באַשרייבן אָט

די אלע געשעהעענישן, וואס א סך האבן זיי געזען מיט זייערע אויגן. אין דער צייט פון די ערשטע מלכים פון הויז חשמונאים איז אנגעשריבן געווארן דער ערשטער ספר „מכבים" אדער „חשמונאים", וואו עס זיינען באשריבן די גבורות פון מתתיהו חשמונאי און זיינע זין.

יידן פלעגן נאך אלץ שרייבן אויף מגילות פון פאפירוס. אין גאנץ מלכות־יהודה פלעגן זיין נאר צו עטלאכע קאפיעס פון איט־לעכן ספר, און ס'פלעגט טרעפן, אז אין משך פון דער צייט פלעגן יענע ביכער, וואס מען האט זיי ניט געהאלטן פאר הייליק, פארלוירן גיין. אזוי איז אויך פארלוירן געגאנגען דער ספר „חשמונאים". נאר צום גליק, איז ער פריער געווארן איבערגע־זעצט אויף גריכיש. און די גריכישע איבערזעצונג איז געבליבן ביזן היינטיקן טאג. אן אנדער ספר אבער, די כראניק פונם נשיא יוחנן הורקנוס, איז אינגאנצן ניט געבליבן; אז אזא בוך איז געווען אנגעשריבן, ווייסן מיר נאר דערפון, וואס עס ווערט דערמאנט אין ספר „חשמונאים".

חוץ היסטארישע ביכער, זיינען אין דער צייט פון די חשמונאים אנגעשריבן געווארן מעשה־ביכער, וואו עס ווערן דערציילט פארשיידענע מעשיות פון דער צייט פון קאמף פארן גלויבן. זייער שיין איז אנגעשריבן די מעשה „יהודית", וואס איז אויך נאר געבליבן אין גריכיש. דער מחבר פון דער מעשה איז ניט אויסן געווען צו דערציילן א זאך, וואס האט טאקע ממש פאסירט; זיין צוועק איז געווען נאר צו לערנען פרומקייט און גוטע מדות: ער מיט זיך צו באווייזן, אז גאטספארכטיקייט לייזט אוים דאס פאלק פון צרות, און אז אין א צייט פון סכנה קומט גאט שטענדיק צו הילף.

אט איז בקיצור דער אינהאלט פון ספר „יהודית". דער אשורישער קריגס־הויפטמאן האלאפערנעס באלעגערט די יידי־שע שטאט בתול און פארנעמט אלע ברונעמס. אין משך פון

34 טעג טרינקן די באַלעגערטע וואַסער פון אַן אויסגעקאַלכטער גרוב. נאָר סוף כל סוף לאָזט זיך דאָס וואַסער אויס, און אין שטאָט הייבן אָן פאַלן פאַרשמאַכטע מענטשן אין די גאַסן. אויס־געמאַטערט פון דאָרשט, הויבן די איינוואוינערס אָן מאָנען, מען זאָל די שטאָט אונטערגעבן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז עס איז געקומען דער סוף, און אין בתול איז דער טרויער געווען גרויס. אין שטאָט האָט געוואוינט אַ פרומע אַלמנה מיטן נאָמען יהודית. זי האָט זיך איינגעשטעלט צו ראַטעווען די שטאָט.

יהודית רופט צו זיך די עלטסטע פון שטאָט, דערציילט זיי וועגן איר באַשלוס און בעט ביי זיי אַרויסצולאָזן זי ביינאַכט פון שטאָט. „גיי בשלום — זאָגן צו איר די עלטסטע — און זאָל גאָט דיר העלפן, דו זאָלסט נעמען נקמה פון אונזערע שונאים“. אַז די עלטסטע זיינען אַוועק, איז יהודית געפאַלן אויף איר פּנים, האָט באַשאָטן דעם קאָפּ מיט אַש און האָט אַזוי מתפּלל געווען: „גאָט פון מיין פאָטער, האַר פון הימל און ערד, הער צו מיין געבעט; זאָל דיין גאַנץ פאָלק זיך דערוויסן, אַז דו ביסט דער מקור פון מאַכט, אַז דו אַליין באַשיצט דאָס הויז ישראל“.

נאָך דער תּפילה האָט יהודית זיך אַרומגעוואַשן, אויסגע־שמירט זיך מיט שמעקנדיקע איילן, אָנגעטאָן יום־טובדיקע קליי־דער, אַ שלייער אויפן קאָפּ, סאַנדאַלן, אוירינגלעך, רינגען, בראַנזלעטן און קייטעלעך אויף די פּיס. דערנאָך האָט זי גע־געבן איר דינסט אַ קרוג בוימל, אַ לאָגל וויין און אַ זאַק מיט גערשטן און מיט ווייצן־ברויט און איז אַוועק אינאיינעם מיט איר צום לאַגער פון די פיינט.

אַז די אַשורישע זעלנערס, וואָס שטייען אויף דער וואַך, האָבן אָפּגעשטעלט די פרויען, האָט יהודית געענטפערט: „איך בין אַ טאָכטער פון יידן, נאָר איך בין פון זיי אַנטלאָפן, ווייל זיי

זיינען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. פּירט מיך צו האָלאָפערנעסן. איך מוז אים דערציילן דעם אמת".

האָלאָפערנעס האָט דעמאָלט גערוט אויף זיין געלעגער הינטער אַ פּורפּורנעם פאָרהאַנג, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט גאָלד און איידל-שטיינער. ער איז באַלד אַרוים צו יהודיתן; פאַר אים האָבן באַדינערס געטראָגן ליכט אין זילבערנע לייכטערס. יהודית איז פאַר אים געפאַלן אויף די קני, און דער קריגס-הויפּטמאַן איז נתפּעל געוואָרן פון איר שיינקייט: „זאָג, צוליב וואָס ביסטו געקומען צו אונז?" האָט האָלאָפערנעס אַ פרעג געטאָן.

האָט יהודית געענטפערט: „דער שווערד קאָן גובר זיין מיין פאָלק נאָר דעמאָלט, ווען עס זינדיקט, און איצט ברענט גאָטס צאָרן אויף דעם. אויסגעגאַנגען זיינען שפּייז און וואַסער אין שטאָט, און די איינוואוינערס פון בתול קלערן אויסצונוצן דעם מעשר — תבואה, בוימל, וויין, — וואָס זיי מוזן עס אָפּשיקן צו די כהנים אין ירושלים. ווי נאָר זיי וועלן אויספירן זייער פּלאַן, וועלן זיי איבערגעגעבן ווערן אין דיינע הענט. דערפאַר טאָקע בין איך אַנטלאָפן פון שטאָט. ביינאַכט וועל איך אַרויסגיין צום באַרג-שפּאַלט מתפּלל זיין; גאָט וועט מיר געבן צו וויסן, ווען די איינוואוינערס פון בתול וועלן זיך פאַרזינדיקן, און איך וועל דאָס געבן צו וויסן דיר".

יהודיתעס רייד זיינען האָלאָפערנעסן שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט געהייסן זיינע לייב-וועכטערס אָפּפירן די יידישע פרוי אין זיין געצעלט, דאָרט זיינען געווען אָוועקגעשטעלט אין זילבערנע כלים טייערע שפּייזן און געטראַנקען. האָט דער קריגס-הויפּטמאַן געהייסן ברענגען פאַר יהודיתן אַ קישן, בכדי זי זאָל אויך עסן מיט אַלעמען אינאיינעם. נאָר די פרומע יהודית האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די געשמאַקע מאכלים און האָט געבעטן צו געבן איר פון יענער שפּייז, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך.



יהודית און האליפערנעס

ביז האַלבע נאַכט איז יהודית געשלאָפן אין געצעלט, וואָס מען האָט איר אָפּגעגעבן. דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען און איז מיט האָלאָפערנעסעס ערלויבעניש אַוועק מיט איר דינסט צום באַרג־שפּאַלט מתפּלל זיין. אַזוי זיינען אַוועק דריי טעג. אויפן פערטן טאָג האָט דער קריגס־הויפּטמאַן געמאַכט אַ סעודה און געשיקט רופן יהודיתן. אַז זי איז געקומען האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט; ער האָט אַ סך געטרונקען, און די סעודה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. צולעצט זיינען אַלע געסט אַוועק, און געבליבן זיינען נאָר יהודית מיט האָלאָפערנעסן. דער קריגס־הויפּטמאַן איז געווען אַזוי שיכור, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף זיין געלעגער. דעמאָלט האָט יהודית אַרויסגעצויגן זיין שווערד און אים אַראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

אַראָפּגעלאָזן דעם פאָרהאַנג, איז יהודית אַרוים פון געצעלט, איבערגעגעבן דער דינסט, וואָס האָט געוואַרט אויף איר, האָלאָפערנעסעס קאָפּ, און ביידע זיינען זיי אַוועק פון אַשורישן לאַגער. די וואַך־זעלנערס האָבן זיי דורכגעלאָזט אָן שטערונג, ווייל אַלע נאַכט פלעגן זיי גיין מתפּלל זיין צום באַרג־שפּאַלט. די וואַך־זעלנערס האָבן גאָר ניט חושד געווען, אַז דאָס מאָל גייט יהודית ניט צום באַרג־שפּאַלט, נאָר צו זיך אַהיים.

אַז אין אַשורישן חיל איז מען געוואויר געוואָרן פון האָלאָ־פערנעסעס טויט, איז געוואָרן צווישן די זעלנערס אַ גרויסע פאַרטומלעניש, און זיי זיינען זיך צעלאָפן. אַזוי איז די יידישע שטאָט אויסגעלייזט געוואָרן פון אומגליק.

# פרושים און צדוקים.

אין משך פון דער צייט זיינען אויסגעוואקסן ביי יידן פאר־שיידענע כיתות און פארטייען, וואס איטלעכע פון זיי האט געהאט אן אנדער מיינונג וועגן דעם, ווי אזוי די יידישע מלוכה זאל רעגירט ווערן, וואסערע געזעצן עס זאלן ווערן ארויסגע־געבן און ווי אזוי איטלעכער ייד דארף זיך אויפפירן. די גרעס־טע כיתות זיינען געווען צוויי: די פרושים און די צדוקים. די פרושים זיינען געשטאנען, פונקט ווי די אמא־ליקע חסידים, פארן אלטן, פרום־פארצייטיקן לעבנשטייגער. זיי זיינען ניט נתפעל געווארן פון די נצחונות פון די יידישע מלכים, פון דער פארגרעסערונג פון דער יידישער מלוכה; זייער איינ־ציקע דאגה איז געווען אפצוהיטן די ריינקייט פון דער יידישער אמונה. די פרושים האבן אויפגעפאסט, אז דאס פאלק זאל ניט אננעמען קיין פרעמדע מנהגים, און אז עס זאל זיך פירן אין אלץ לויט די חוקים פון דער תורה. זיי זיינען אויסן געווען אפצוזונדערן די יידן פון די געצנדינערס, דערפאר טאקע האט מען זיי א נאמען געגעבן פרושים, דאס איז טייטש אפגעזונ־דערטע, אפגעשיידטע.

צווישן די פרושים זיינען געווען א סך סופרים, וואס האבן גוט געוואוסט די תורה און אנדערע הייליקע ספרים און אויך אלע אלטע יידישע מנהגים. אלע די דאזיקע געלערנטע האבן געפאדערט, אז עס זאלן שטרענג אפגעהיט ווערן די חוקים פון דער תורה און אלע אלטע מנהגים. די פרושים זיינען ניט שטארק צופרידן געווען מיט די חשמונאים, וואס האבן צו־פיל מלחמות געפירט און ניט גענוג געזארגט פאר דער יידישער אמונה. אט די אומצופרידנקייט האט זיך געלאזט מערקן שוין ביים צווייטן נשיא, ביי יוחנן הורקנוס.

איין מאָל איז געווען אַ מאָלצייט ביים נשיא, און אויך פּרושים זיינען געווען איינגעלאַדן. האָט הורקנוס אַ פרעג געטאָן ביי זיי, צי האָט ער ווען עס איז עובר געווען אויף די חוקים פון דער תורה. אַלע האָבן גענומען לויבן דעם נשיא. נאָר איינער פון די געסט, דער פּרושי אלעזר בן דנאי, האָט געענטפערט: „אויב דו ווילסט זיין טאַקע פרום, גיב איבער די כהונה גדולה אַן אַנדערן". דער נשיא האָט דעריבער שטאַרק פאַראיבל גע־האַט און געפאָדערט, אַז די פּרושים זאָלן אַליין באַשטימען, וואָס פאַר אַ שטראָף עס קומט אלעזרן דערפאַר, וואָס ער האָט אים באַליידיקט. די פּרושים האָבן אים פאַר׳משפט ניט צו טויט-שטראָף, נאָר צו מלקות און תפיסה. הורקנוס האָט גע־האַלטן, אַז דער פסק איז אַ צו מילדער, און איז נאָך מער אין כעס געוואָרן. ביי אים איז געבליבן, אַז אַלע פּרושים זיינען איינשטימיק מיט אלעזרן, און דערפאַר האָט ער זיי דערוויי־טערט פון זיך און אָפּגעזאָגט זיי פון אַלע רעגירונגס-שטעלעס.

זינט יענער צייט האָבן פאַרנומען דעם הויפּט-אָרט אין דער מלוכה די צדוקים, און אזוי איז אויך געווען אין דער צייט פון קיניג אַריסתובול I, בראש פון אָט דער כיתה זיינען געשטאַנען די אוראייניקלאַך פון כהן-גדול צדוק, דערפאַר טאַקע האָט מען אַלע זייערע אָנהענגערס אָנגערופן צדוקים. צווישן די צדוקים זיינען געווען אַ סך געבילדעטע לייט. זיי האָבן פאַרנומען די העכסטע שטעלעס אין דער מלוכה. זיי זיינען געווען קריגס־הויפּטלייט, קאָמענדאַנטן פון פעסטונגען, מיטגלידער פון סנהדרין און כהנים.

אַ סך צדוקים האָבן געהערט צו די אַמאָליקע ירושלימער מיוחסים, און זייערע עלטער-זיידעס זיינען געווען פייערדיקע העלעניסטן. די צדוקים אָבער זיינען געווען קעגן דער העלע־ניזירונג פון יידן, קעגן דעם, אַז די יידן זאָלן איבערנעמען די גריכישע שפּראַך און די גריכישע מנהגים. זיי האָבן טייער גע־

האַלטן די תורה און זיך געפירט שטענדיק לויט אירע חוקים. נאָר וויבאַלד אַז זיי האָבן פאַרנומען מיליטערישע שטעלעס און גע־נומען אַן אָנטייל אין דער רעגירונג פון דער יידישער מלוכה, איז זיי אָפטמאָל אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט די רעגירערס פון שכנ׳ישע פעלקער. זיי פלעגן אָפטמאָל האָבן אויפטראָגן מיט די געצנדינערס, שליסן מיט זיי בונדען און האָבן ניט געקאָנט זיך אָפזונדערן פון די היידנישע פעלקער. און ס׳ווייזט אויס ,אַז די צדוקים האָבן דאָס אפילו ניט געהאַלטן פאַר נויטיק: זיי זיינען געווען גרייט צו לערנען ביי די שכנים, אַבי דערפון זאָל אַרויס־קומען אַ טובה פאַר דער מלוכה.

הגם צווישן די צדוקים זיינען געווען אַ סך כהנים, פונדעסט־וועגן פלעגן זיי אָפטמאָל מער קלערן וועגן וועלטלאַכע זאַכן, איידער וועגן דער אמונה. זיי פלעגן אַמאָל שפעטן פון די פרושים, וואָס זיינען צופיל פרום. אַשטייגער, די פרושים האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז טובל זיין די כלים פון בית־המקדש, בכדי זיי צו כשרן. האָבן די צדוקים גע׳חוזקט: „באַלד וועלן די פרושים טובל זיין די זון־ראָד“ (ראו פרושים טובלים גלגל חמה).

דערפאַר האָבן די פרושים פיינט געהאַט די צדוקים. אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס און פון אריסתובול I האָבן די פרושים פאָרט נאָך ווי עס איז איינגעלעבט זיך מיט די חשמונאים און מיט די צדוקים, וואָס האָבן רעגירט איבערן לאַנד. דערפאַר אָבער אין דער צייט פון אַריסתובולס ברודער, דעם קיניג אלכסנדר ינאי, זיינען די פרושים אויפגעשטאַנען קעגן די פאַ־ראַנדקעס, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט אין מלכות־יהודה, און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אינווייניקסטער ברודער־קריג.

# קיניג אלכסנדר ינאי (103—76).

קיניג אַריסתּובול האָט קיין קינדער ניט געהאַט. האָט די קיניגין שלומית אלכסנדרה באַפרייט פון תפיסה דעם קיניגס ברידער און חתונה געהאַט מיטן עלטערן פון זיי, יוחנן אָדער ינאי. ער איז דאָס איצט געוואָרן קיניג פון יהודה. פונקט ווי זיין פאָטער און זיין ברודער, האָט ינאי מוסיף געווען צו זיין נאָמען דעם גריכישן נאָמען אלכסדר.

אלכסנדר ינאי האָט זיך ווינציק אונטערשיידט פון אַנדערע אַזיאַטישע מושלים — זיינע געדאַנקען זיינען געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין קריגס-פּלענער, און כמעט די גאַנצע צייט פון זיין קיניגן האָט ער פאַרבראַכט אין מלחמות. ער האָט געהאַט אַ גוט געלערנטן און באַוואָפנטן חיל און פלעגט אָנפאַלן כסדר אויף די שכנים פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום און אָפּט־מאָל אָפּהאַלטן גרויסע נצחונות. נאָר צוליב די מלחמות זיינען די אינטערעסן פון דער רעליגיע אַלץ מער אָפּגערוקט געוואָרן אָן אַ זייט. אמת, אלכסנדר ינאי פלעגט, פונקט ווי די פרי־ערדיקע חשמונאים, צווינגען די איינוואוינערם פון די איינגע־נומענע שטעט זיך מגייר צו זיין; נאָר ער גופא איז אויך ניט ווייט געווען פון העלעניזם. אַ סימן האָבן מיר, וואָס אויף די מטבעות, וואָס ער האָט געגאָסן, האָט ער דער ערשטער אָנגע־הויבן שרייבן זיין נאָמען ניט נאָר אויף העברעאיש, נאָר אויך אויף גריכיש.

דאָס יידישע פאָלק איז ניט געווען צופרידן מיט די שטענ־דיקע מלחמות. אויסהאַלטן דעם שטענדיקן חיל האָט זייער טייער געקאָסט, די הוצאות פון לאַנד זיינען אַלץ געוואַקסן, עס זיינען אויך גרעסער געוואָרן די אָפּצאָלונגען. חוץ דעם, פלעגן אין די שלאַכטן נעמען אַן אָנטייל ניט נאָר געדונגענע פרעמדע

זעלנערס, נאָר ייִדן אויך, און אַ סך פון זיי זיינען דער׳הרגעט גע־וואָרן.

דערצו איז צוגעקומען נאָך וואָס. ניט געקוקט אויף די שטענדיקע מלחמות, וואָס ער האָט געפירט, איז אלכסנדר ינאי נאָך אַלץ געבליבן כהן־גדול. אין די גרויסע ימים טובים פלעגט ער קומען אין בית־המקדש אַריין און טאָן דאָרט די עבודה. אַז עס פלעגט שטיין ביים מזבח אַזאַ כהן־גדול, וואָס זיין אמת׳ער אָרט איז גאָר דאָס שלאַכטפעלד, האָט דאָס פאָלק געפילט אַ באַ־ליידיקונג פון זיין גלויבן. אַ סך האָבן איינגעפונען, אַז אלכסנדר ינאי, וואָס פאַרגיסט אַזוי פיל מענטשלאַך בלוט, פאַסט ניט פאַר אַ כהן־גדול, און עס שטייט ניט אָן, ער זאָל שטיין ביים מזבח און אָפּריכטן די עבודה. באַזונדערס שטאַרק זיינען אַרויסגע־טראָטן קעגן אים די פרושים, און זיי האָבן געבראַכט אַזוי וויט, אַז אין 8טן יאָר פון אלכסנדרס קיניגן איז אין ירושלים אויס־געבראָכן קעגן אים אַן אויפשטאַנד.

געשען איז דאָס אַזוי, אום סוכות פון יאָר 95 איז אלכסנדר ינאי געקומען אין בית־המקדש אַריין, בכדי דאָרט צו ברענגען אַ קרבן. ווי נאָר ער איז צוגעגאַנגען צום מזבח, האָט דאָס פאָלק, וואָס האָט געהאַלטן אין די הענט לולבים מיט אתרוגים, אָנגע־הויבן וואַרפן אויף אים אתרוגים און שרייען, ער זאָל אַוועק־גיין פון מזבח. איז דער קיניג שטאַרק אין כעס געוואָרן, האָט געשיקט זיינע געדונגענע זעלנערס, וואָס האָבן דאָרט גופא אין בית־המקדש אויסגעקוילעט 6000 ייִדן. בכדי צו זיין פאַרהיט אויף ווייטער קעגן אַזעלכע באַליידיקונגען מצד דעם „המון“, האָט אלכסנדר געהייסן אַרומצאַמען אין בית־המקדש אַ גרויסן פלאַץ אַרום מזבח, וואָס אַהין האָט מען אַריינגעלאָזט נאָר כהנים.

באַלד נאָכדעם איז דער קיניג אַוועק אויף מלחמה. דאָס מאָל האָט אלכסנדר ניט געהאַט קיין הצלחה: זיין חיל איז געוואָרן

צעקלאפּט, און ער גופא האָט זיך אַרויסגעריסן קוים מיטן לעבן. איז ער געשווינד אַוועק קיין ירושלים, נאָר דאָרט האָט ער גע־האַט אַ שלעכטן קבלת פּנים. ווידער אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברודער־קריג, וואָס האָט זיך געצויגן 6 יאָר, פון יאָר 94 ביז 88.

אויף אלכסנדרס צד זיינען געשטאַנען די צדוקים, נאָר קעגן אים זיינען געווען די פּרושים און כמעט דאָס גאַנצע פאָלק מיט זיי. באַלד איז אלכסנדר ינאי'ס מצב געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז ער איז געווען געצוואונגען בעטן ביי די פּרושים שלום. נאָר די פּרושים זיינען געווען איינגעשפּאַרט און האָבן ניט געוואָלט מאַכן קיין שלום. זיי האָבן גע'טענעט, אַז באַרואיקן וועלן זיי זיך נאָר, ווען דער קיניג וועט שטאַרבן.

די פּרושים האָט אויסגעוויזן, אַז אלכסנדרס ינאי'ס רעגירונג ברענגט אַזוי פיל שאָדן דעם יידישן פאָלק, אַז זיי האָבן אפילו גע'פּועלט ביי זיך צו בעטן הילף ביי די סיריער קעגן אייגענעם קיניג. ניט ווייט פון שכם איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואו יידן בחברותא מיט זייערע אַמאָליקע שונאים האָבן זיך גע־שלאָגן מיט יידן. דער קיניג איז געוואָרן באַזיגט און איז גע־ווען געצוואונגען צו אַנטלויפן צווישן די בערג. נאָר דאָ האָבן אַ סך יידן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז די שנאה צו אלכסנדר ינאי האָט זיי פאַרפירט צו ווייט, אַז אויב די סיריער וועלן אָפּהאַלטן ווייטער נצחונות, קאָן זיין אַ סכנה, אַז זיי זאָלן פאַרכאַפּן די אויבערהערשאַפט איבער מלכות־יהודה. בכדי איינצוהיטן די פרייהייט פון מלכות־יהודה, זיינען אַ סך יידן אַריבער אויפן קיניגס צד.

אין גיכן איז דער סירישער חיל אַוועק פון לאַנד יהודה. די אינווייניקסטע מלחמה האָט אָבער נאָך געדויערט. נאָר אלכסנדר האָט אָנגעהויבן גובר זיין, און די אָנפירערס פון דער מרידה האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אין דער שטאָט בתול. דער

קיניג האָט די שטאָט איינגענומען, פאַרנומען 800 פון די חשוב׳ס־טע פרושים און אָפּגעשיקט זיי קיין ירושלים. דאָרט האָט מען פאַר זייערע אויגן געטויט זייערע ווייבער און קינדער, דערנאָך האָט מען זיי גופא אויפגעהאָנגען אויף קרייצן אין מיטן דעם שטאָט־פּלאַץ.

די דאָזיקע רציחה האָט אָנגעיאָגט אַזאַ מורא אויפן פאָלק, אַז אַ סך זיינען בשתיקה אַנטלאָפן פון מלכות־יהודה און זיינען געבליבן אין דער פרעמד ביזן קיניגס טויט. אלכסנדר ינאי האָט געקיניגט נאָך 12 יאָר; נאָר קיינער האָט זיך ניט איינגעשטעלט אויפצושטיין קעגן אים. פאַר דער אכזריות וואָס דער קיניג האָט אַרויסגעוויזן ביים איינשטעלן די מרידה, האָט מען אים געגעבן דעם צונאָמען טראַפּקידעס, דאָס איז טייטש תליון.

## קיניגין שלומית־אלכסנדרה (67—76).

אלכסנדר ינאי האָט געהאַט צוויי זין, הורקנוס און אַריסתובול. לויט דעם מנהג, וואָס איז געווען איינגעשטעלט, האָט באַדאַרפט אים ירשענען דער עלטסטער זון. נאָר פאַרן טויט האָט דער קיניג אָפּגעזאָגט אין דער צוואה זיין קיניגלעכע קרוין דער מלכה.

אלכסנדר איז געשטאָרבן בעת דער באַלאַגערונג פון אַ פעסטונג אין עבר־הירדן. די קיניגין איז דאָרט אויך געווען. ווי נאָר דער קיניג איז געשטאָרבן האָט זי איבערגענומען די רעגירונג און האָט באַלד אַרויסגעוויזן פיל מוט. זי האָט דעם חיל ניט אויסגעזאָגט, אַז דער קיניג איז געשטאָרבן, און האָט ווייטער געפירט די באַלאַגערונג, ביז זי האָט איינגענומען די פעסטונג. דערנאָך איז שלומית אַוועק קיין ירושלים, און דאָרט האָט מען דעם קיניגס גוף מקבר געווען מיטן געהעריקן פּאַראַד.

נאָכדעם ווי די קיניגין האָט מקבר געווען דעם מאַן, האָט זי באַשטימט איר עלטסטן זון הורקנוסן פאַר אַ כהן-גדול. אַזוי איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס די פרושים האָבן געוואָלט, אַז די כהונה גדולה זאָל ווערן אָפּגעטיילט פון דער מלוכה. דאָס איז געוואָרן ממילא פון זיך, ווייל אַ פרוי האָט ניט געקאָנט זיין קיין כהן-גדול. שלומית אלכסנדרה האָט זיך בכלל ניט געקריגט מיט די פרושים, אַזוי ווי איר מאַן. פאַרקערט, נאָך בעת איר מאַן האָט געלעבט, איז זי געווען מיט זיי גוטפריינד און פלעגט זיי באַשיצן. איצטער, אַז זי האָט בחוש געזען, וואָס פאַר אַ צרות אלכסנדר האָט געהאַט, ווייל ער האָט געפירט מחלוקתן מיט די פרושים, האָט זי באַשלאָסן צו לעבן מיט זיי בשלום. באַלד זיינען די פרושים שוין ווידער געזעסן אין סנהדרין און האָבן פאַרנומען די העכסטע רעגירונגס-שטעלעס, און די צדוקים האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אַרויסגעשטופּט.

נאָכדעם ווי די פרושים האָבן אַריינגענומען די ממשלה אין זייערע הענט, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אָפּרעכענען מיט די צדוקים פאַר די פריערדיקע עוולות. אייניקע מקורבים פון אלכסנדר ינאי זיינען אפילו געוואָרן פאַר'משפט צום טויט. דער מצב פון די צדוקים איז אַלץ געוואָרן ערגער. לאָ די וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרן די השפעה, נאָר זיי האָבן נאָך געמוזט כסדר ציטערן פאַר זייער לעבן. דעריבער זיינען איין מאָל די חשובסטע צווישן די צדוקים אינאיינעם מיטן יינגסטן בן-מלך אַריסתּובולן געקומען אין פּאַלאַץ אַריין צו דער קיניגן שלומית. אַריסתּובול האָט זיך באַקלאָגט אויף די מעשים פון די פרושים. די צדוקים ווידער האָבן דערמאָנט דער קיניגין, ווי ווייט געטריי זיי זיינען געווען דעם פאַרשטאָרבענעם קיניג, און האָבן מיט טרערן זי געבעטן צו באַשיצן זיי קעגן די רדיפות פון די פרושים. גערירט פון די בקשות פון די צדוקים, האָט די קיניגין סוף כל

סוף אוועקגעגעבן אין זייער רשות צו היטן די יידישע פעס-טונגען.

נאָר פאַרט זיינען די פרושים געבליבן די בעל-דעות אין דער מלוכה און האָבן פאַרנומען די בעסטע רעגירונגס-שטעלעס. מחמת דעם איז די צייט פון שלומית-אלכסנדרה געווען אַ רו-איקע. ס׳זיינען דעמאָלט נים געווען נים קיין מהומות, נים קיין בלוט-פאַרגיסונגען, און דאָס יידישע פאָלק האָט געקאָנט בשלום זיך פאַרנעמען מיט זיין אַרבעט.

נאָך אלכסנדר ינאַי׳ס שטורמישער רעגירונג האָט די צייט פון שלומית-אלכסנדרה אויסגעוויזן באַזונדערס רואיק און גליק-לאַך. באַזונדערס שטאַרק האָבן די פרושים געלויבט די קיניגין. עס ווערט דערציילט, אַז מחמת דער קיניגינס פרומקייט פלעגן אין איר צייט גיין רעגנס פרייטאָג צו-נאַכט, ווען אויף די פעל-דער איז קיין אַרבעט נים געווען, און אַז די ווייצן-קערנער זיי-נען געווען די גרויס ווי ניס, און די גערשטן-קערנער — ווי אייל-בערטן.

נאָר נים אַלע יידן זיינען געווען צופרידן מיט די פאַראַנד-קעס, וואָס די פרושים האָבן איינגעשטעלט. די קיניגין האָט קוים באַוויזן צוצומאַכן די אויגן, און אין מלכות-יהודה האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברודער-קריג.

## קיניג אַריסטובול II (67—63).

נאָכן טויט פון דער קיניגין שלומית אלכסנדרה, איז געוואָרן געקרוינט פאַר אַ קיניג איר עלטסטער זון, הורקנוס II. נאָר ער האָט געקיניגט סך הכל דריי חדשים. הורקנוס האָט זיך נים אויסגעצייכנט נים מיט קיין קלוגשאַפט, נים מיט קיין גבורה׳-שאַפט; זיין יינגערער ברודער אָבער איז געווען פונקט אַזאַ רירעוודיקער און קריגערישער מענטש, ווי זיין פאָטער. ער

האָט שוין לאַנג גע׳חלומט וועגן דעם, ווי אַזוי צו קומען צו דער קיניגלעכער ממשלה. נאָך בעת זיין מוטער האָט געלעבט, האָט ער געקלערט עובר צו זיין אויפן אלטן מנהג און פארכאַפן די קרוין, אַנשטאָט זיין ברודער. צוביסלעכווייז האָט ער זיך גע־גרייט אויסצופירן אָט דעם פּלאַן.

די צדוקים זיינען שטענדיק געווען גוטע פריינט מיט אריסתובולן; אין שווערע צייטן פלעגן זיי שטענדיק אַנקומען צו זיין הילף. דעריבער האָט אריסתובול געקאָנט רעכענען, אַז זיי וועלן אים אויך קומען צו הילף אין זיין אויפטו. זיין חשבון איז טאַקע געווען ריכטיק. די צדוקים האָבן די גאַנצע צייט פאַרנומען הויכע שטעלעס ביים חיל. כמעט אַלע קאָמענדאַנטן פון די יידישע פעסטונגען זיינען געווען צדוקים, און זיי אַלע זיי־נען תיכף אַריבער אויף אַריסתובולס צד. פון די גאַרניזאָנען האָט אריסתובול צונויפגעקליבן אַ גאַנץ היפשן חיל און האָט זיך מיט אים געלאָזט גיין קיין ירושלים.

קיניג הורקנוס איז אַרויס אַנטקעגן זיין ברודער, און ביי יריחו איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַריסתובולס נצחון. הורקנוס איז אַנטלאָפן געוואָרן קיין ירושלים. אַריסתובול איז אַוועק נאָך אים און האָט אים גע־צוואונגען אָפּצוטרעטן אים דעם קיניגלעכן טראָן. אין בית־המקדש האָבן זיך ביידע ברידער באַגעגנט און געמאַכט שלום צווישן זיך. זיי האָבן געגעבן איינער דעם אַנדערן די האַנט, זיך אַרומגענומען און געשוואָרן צו פאַרגעסן די פריערדיקע פיינדשאַפט. אַזוי איז אריסתובול געוואָרן קיניג און הורקנוס כהן־גדול.

הורקנוס גופא איז טאַקע געווען צופרידן מיט זיין מצב און איז געווען גרייט מיט אַן אמת מקיים צו זיין די שבועה. נאָר ניט צופרידן זיינען געווען דערמיט די פרושים, וואָס האָבן געהאַט די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט, בעת הורקנוס איז געווען קי־

ניג, און איצט האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן. נאָך מער ניט צו־פרידן איז געווען הורקנוסעס גוטער פריינד אַנטיפּטר, וואָס אים האָט דער געוועזענער קיניג געטרויט מער פון אַלעמען.

אַנטיפּטר האָט געשטאַמט פון די אדומים, וואָס יוחנן הורקנוס האָט זיי אונטערטעניק געמאַכט און געצוואונגען זיך מגייר צו זיין. אַנטיפּטרס פאָטער האָט זיך דעמאָלט מגייר גע־ווען און איז געוואָרן פאַרוואַלטער איבערן לאַנד אדום. בעת הורקנוס האָט געקיניגט, האָט אַנטיפּטר געהאַט די גרעסטע דעה אין מלכות יהודה, ווייל דער קיניג האָט אין אַלצדינג אים גע־פאָלגט. איצט, אַז אריסתובול איז געוואָרן קיניג, האָט ער אָנ־געוואָרן די גאַנצע דעה. דאָס האָט אַנטיפּטרן שטאַרק פאַר־דראָסן, און ער האָט אָנגעהויבן צוריידן הורקנוסן אַז ער זאָל זען קומען צו זיין רעכט און ווידער פאַרנעמען דעם קיניגלעכן טראָן. בכדי בעסער צו ווירקן אויפן געוועזענעם קיניג, האָט ער גענומען אים איינשרעקן, אַז אריסתובול טראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים אינגאַנצן, אַז ער וועט זיך ניט באַרואיקן, ביז ער וועט אים סוף כל סוף הרגענען. אַ צייט לאַנג האָט הורקנוס זיך ניט געלאָזט איינריידן; נאָר סוף כל סוף האָט ער פאָרט געפאָלגט אַנטיפּטרן, און צווישן די ברידער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מלחמה.

## די רוימער נעמען איין מלכות יהודה.

אין יענער צייט האָבן זיך געפונען אין סיריע רוימישע חילות. די רוימער האָבן שוין געהאַט דעמאָלט איינגענומען גריכנלאַנד און האָבן געהאַלטן אין איינגעמען איין אַזיאַטישע מלוכה נאָך דער אַנדערער. פריער אָדער שפּעטער האָבן זיי געמוזט דערגיין אויך צו מלכות יהודה. נאָר דער ברודער־קריג, וואָס האָט איצט אויסגעבראָכן, האָט פאַרגיכערט דעם סוף פון

דער יידישער מלוכה. אויסגעמאַטערט פון צוויי־יאָריקן קריג, זיינען ביידע ברידער, הורקנוס און אַריסתּובול, אין יאָר 63 געקומען צום רוימישן קריגס־הויפּטמאַן פּומפּיוסן און האָבן אים געבעטן, ער זאָל משפּטן צווישן זיי און פּסקענען, ווער עס זאָל זיין קיניג. בכדי איינצונעמען פּומפּיוסן פאַר זיך, האָט אַריסתּובול אים געשיקט אַ מתּנה אַ קונציג געאַרבעטן וויינשטאָק, געמאַכט פון גין־גאָלד. אָבער פּומפּיוס האָט געקלערט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז בעסער פאַר דער רוימישער מלוכה, און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה צווישן די ברידער וועט אים נאָר גרינגער מאַכן איינצונעמען דאָס לאַנד יהודה. דעריבער האָט ער אויסגעהערט אַריסתּובולס און הורקנוסעס טענות און האָט זיי קיין באַשטימטע תּשובה ניט געגעבן. ער האָט זיי נאָר געהייסן וואַרטן, ביז ער וועט קומען צוריק פון מלחמה, און דעמאָלט וועט ער פּסקענען, ווער פון זיי איז גערעכט.

אַז אַריסתּובול האָט אויסגעהערט פּומפּיוסעס ענטפער, איז אים באַלד קלאָר געוואָרן זיין שלעכטער מיין. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט וואָס צו וואַרטן אויף די רוימערס הילף, און אַז פּומפּיוס האָט בדעה אויסצונוצן די מחלוקת צווישן די ברידער, בכדי אונטערטעניק צו מאַכן דאָס לאַנד יהודה אונטער דער רוימישער ממשלה. היות ווי אַריסתּובול האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן, איז ער באַלד בשתיקה אַוועק פון לאַגער אַהיים, בכדי זיך צוצוגרייטן צו מלחמה. נאָר פּומפּיוס האָט זיך געלאָזט גיין נאָך אים און האָט געפאָדערט, אַז אַריסתּובול זאָל אים איבערגעבן אַלע יידישע פעסטונגען.

שווער איז דעם קיניג געווען צו באַפרידיקן פּומפּיוסעס פאָדערונג. נאָר ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. דער רוימישער קריגס־הויפּטמאַן האָט געהאַט אַ שטאַרקן חיל, וואָס וואָלט גרינג געקאָנט איינעמען די קליינע יידישע מלוכה. דעריבער האָט אַריסתּובול געמוזט נאָכגעבן. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך

ניט אָנגעוואָרן די האָפענונג, אַז ער וועט קאָנען זיך אַרויס־ראַטעווען. ער איז אַוועק קיין ירושלים און גענומען קלייבן אַ חיל. נאָר פּומפּיוס האָט פאַרשטאַנען זיין מיין און איז תיכף אַוועק נאָך אים קיין ירושלים.

אַז דער קיניג איז געוואָר געוואָרן, אַז דער רוימישער חיל דערנענטערט זיך, איז ער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. ער איז געקומען צו פּומפּיוסן און אים צוגעזאָגט אָפּצוגעבן ירושלים, אויב די רוימער וועלן אָפּשטעלן די מלחמה קעגן מלכות־יהודה. פּומפּיוס איז דערויף מרוצה געוואָרן, האָט ער פאַרהאַלטן ביי זיך דעם קיניג און זיינעם אַ קריגס־הויפּטמאַן האָט ער געהייסן פאַרנעמען די יידישע הויפּט־שטאָט. נאָר די איינוואוינער פון ירושלים האָבן פאַרשלאָסן די טויערן און האָבן ניט געוואָלט אַריינלאָזן די רוימער. מחמת דעם האָט פּומפּיוס געהייסן אַריינ־זעצן אַריסטובולן אין תפיסה און אַליין איז ער אַוועק קיין ירושלים.

צווישן דער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט איז קיין אחדות ניט געווען. דער גרעסטער רוב פון פאָלק האָט ניט גע־האָט אין זיך דעם מוט זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן די רוימער. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן איבערצוגעבן די שטאָט מיטן גוטן ווילן און האָבן געעפנט די טויערן און אַריינגעלאָזן די רוימער. מער ניט אַ קליינער הייפל פון אַריסטובולס אָנהענגער האָבן זיך איינגעשטעלט צו פירן דעם קאַמף ביזן סוף. זיי זיינען אַרויף אויפן הר־הבית און האָבן זיך געגרייט דאָרט צו פאַרטיידיקן זיך.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז דעם הר־הבית איז גאָר ניט מעג־לאָך איינצונעמען. פון צוויי זייטן לאָזט זיך דער באַרג אַראָפּ גלייך ווי אַ וואַנט, פון דער דריטער זייט געפינט זיך אַ טיפער טאָל; די פערטע זייט איז געווען גוט באַפעסטיקט מיט גראָבע מויערן און הויכע טורעמס. נאָר דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן: צו גרויס איז געווען דער כח פון שונא.

בכדי צו צעשטערן די באַפעסטיקונגען, האָט פּומפּיוס גע־הייסן אָנשיטן אַ הויכן וואַל פון ערד. ניט גרינג איז דאָס די רוימער אָנגעקומען. די באַלעגערטע האָבן זיי פאַרשאָטן מיט אַ האָגל פון פיילן. מער ניט אום שבת זיינען די רוימישע זעלנער געווען זיכער קעגן אָנפאַלן און האָבן רואיק געקאָנט טאָן זייער אַרבעט. דעמאָלט האָבן די יידן געמעגט נאָר זיך באַשיצן קעגן שונא, אָבער אַליין אָנפאַלן האָבן זיי ניט געטאָרט. די פרומקייט פון די באַלעגערטע איז געווען גלייך צו זייער גבורה. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער באַלעגערונג איז די עבודה אין בית־המקדש ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, און די כהנים פלעגן אַלע טאָג מקריב זיין די איינגעשטעלטע קרבנות.

די רוימער האָבן מיט איינגעשפּאַרטקייט געפירט ווייטער זייער אַרבעט. ווי נאָר דער וואַל האָט דערגרייכט ביז דער גע־העריקער הייך, האָבן זיי אויף אים אָוועקגעשטעלט באַלעגע־רונגס־מאַשינען און גענומען שיסן אויף דער פעסטונג מיט גרוי־סע שטיינער. נאָך אַ באַלאַגערונג פון דריי חדשים האָט זיך זיי איינגעגעבן דורכצוברעכן אַ וואַנט אין איינעם פון די טור־רעמס און אַריינצודרינגען אין פעסטונג. עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אַ הריגה אָן רחמנות. בכדי ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די רוימישע זעלנער, פלעגן די יידן אַראָפּשפּרינגען פון די מויערן אָדער אַריינוואַרפן זיך אין פייער פון די אונטער־געצונדענע בנינים.

אַז די רוימער האָבן זיך אַריינגעריסן אין בית־המקדש, איז דאָרט אָפּגעריכט געוואָרן די עבודה. די זעלנער האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויסקוילען אַלעמען, וועמען, זיי האָבן נאָר גע־טראָפן. נאָר די כהנים זיינען געבליבן שטיין אויף זייערע ער־טער און האָבן ווייטער געטאָן די עבודה, ביז זיי זיינען געפאַלן דורכן שווערד פון שונא. אויפן הר־הבית זיינען דעמאָלט אומ־געקומען טויזנטער יידן.

צווישן די הידן זיינען געווען פארשפרייט אומגעלומפערטע קלאנגען וועגן קדשי קדשים פון בית־המקדש, וואס אהין האבן געמעגט אריינגיין נאר כהנים־גדולים. פומפיוס איז געווען טשיקאווע צו זען, וואס דארט טוט זיך, און ער איז אינאיינעם מיט זיינע באגלייטער אריין אין היילקטום. די יידן האבן דאס אנגענומען פאר א גרויסער באליידיקונג. דאך די אוצרות פון בית־המקדש האט פומפיוס ניט אנגערירט, ער האט געלאזט שטיין אויף אן ארט אלע כלים און געהייסן אפרייניקן דעם בית־המקדש און ווייטער טאן דארט די עבודה, ווי געווען.

דער פועל־יוצא פון דעם רוימישן נצחון איז געווען, אז די יידן האבן אנגעווארן אלע מדינות, וואס די חשמונאים האבן געהאט איינגענומען, און געמוזט צאלן צינז די רוימער. אין צוויי יאר ארום (61), אז פומפיוס איז געקומען צוריק קיין רוים, האט ער אפגעריכט דארט א טריאומף, און נאך זיין רייטוואגן האט מען געפירט די געפאנגענע אזיאטישע מלכים; צווישן זיי איז אויך געגאנגען דער קיניג אריסתובול, געשמידט אין קייטן, און מיט אים — זיינער א זון און צוויי טעכטער; א צווייטער זון זיינער, אלכסנדר, האט באוויזן צו אנטלויפן אונטערוועגנס.

4.

# די צייט ווען די רוימער האָבן געוועלטיקט איבער מלכות־יהודה

**(63 יאָר פאר דער קריסטל. צייט. — 66 יאָר נאָך דער קריסטל. צייט).**

## די רוימער.

אַ צייט לאַנג איז די רוימישע מלוכה באַשטאַנען נאָר פון דער שטאָט רוים מיט די אַרומיקע ישובים. דאָרט האָט געוואוינט אַ פאָלק, וואָס מען האָט זיי גערופן לאַטינער, נאָר שפּעטער, אַז די שטאָט רוים איז געוואָרן די ערשטע שטאָט אין יענעם געגנט, זיינען זיי אַלע אָנגערופן געוואָרן רוימער.

די שטאָט רוים ליגט אויפן אַפּענינישן האַלב־אינזל. דאָס קלימאַט איז דאָרט שטענדיק וואַרעם, די ערד גיט אַרויס גוטע גערעטענישן, און די הויפּט־אַרבעט פון די איינוואוינער איז געווען צוערשט נאָר ערד־אַרבעט.

כל זמן די רוימער האָבן געקאָנט ציען זייער חיונה פון דער ערד, האָבן זיי זיך רואיק געאַרבעט און האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו פאַרגרעסערן זייער לאַנד. נאָר אין משך פון דער צייט האָבן זיי זיך פאַרמערט, און זיי איז געוואָרן ענג אין די היימישע ערטער. האָבן זיי אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף די שכנישע איטאַלישע שבטים. גובר זיין די שכנים איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. די איטאַלער פלעגן זיך פאַרטיידיקן קעגן די שונאים מיט געווער אין די הענט. נאָר די רוימער פלעגן כסדר פון דאָס ניי אויף זיי אָנפאַלן. ווי נאָר די אַרבעטן אויף די פעלדער פלעגן זיך ענדיקן, פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן און זיך אַוועקלאָזן אויף מלחמה. אַז די אַראָפּגענומענע תבואה פלעגט זיך

אויסלאָזן, פלעגן זיי זיך ווידער אומקערן צו זייערע פעלדער און באַארבעטן זיי.

וואָס פון יאָר זיינען די רוימער געוואָרן אַלץ מער געניט אין פירן קריג. אַלץ אָפטער האָבן זיי אָפּגעהאַלטן נצחונות איבער זייערע שכנים און אָפּגענומען זייערע לענדער. אין די איינגענומענע געגנטן פלעגן זיי די פעטסטע חלקים ערד צונעמען פאַר זיך, און נאָר די מאָגערע ערד פלעגן זיי איבערלאָזן ביי די פריערדיקע בעלי־בתים. אַזוי האָבן די רוימישע פויערים אין גיכן געהאַט גענוג ערד. נאָר דערוויל האָבן די רוימער זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו פירן מלחמות, און אַזאַ לעבן איז זיי געפעלן געוואָרן. זייער חיל איז געוואָרן אַלץ בעסער, און זיי האָבן אונטערטעניק געמאַכט איין איטאַלישן שבט נאָכן אַנדערן. אין משך פון הונדערט יאָר האָבן די רוימער איינגענומען גאַנץ מיטעל־איטאַליע און דרום־איטאַליע, נאָר דאָס אַלץ איז פאַר זיי שוין געווען ווייניק.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו נעמען זעלנער אויך פון צווישן דער באַפעלקערונג פון די איינגענומענע מדינות. מחמת דעם האָט זיך ביי זיי אָנגעקליבן אַלץ אַ גרעסערער חיל, און זיי פלעגן שוין זיך לאָזן אויף מלחמה אויך אין אַנדערע לענדער. די רוימישע לעגיאָנען האָבן איינגענומען אַ סך שטעט און לענדער, און רוים איז אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער מלוכה, וואָס איר גלייכן איז נאָך ניט געווען.

אין דער גאַנצער רוימישער מלוכה האָבן געקאָנט זאָגן אַ דעה נאָר די געבוירענע רוימער. קיינער פון די אונטערדריקטע פעלקער איז צו דער רעגירונג ניט צוגעלאָזט געוואָרן. נאָר די רוימישע בירגער, וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געוואוינט אין רוים, האָבן געמעגט נעמען אַן אָנטייל אין די פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און קלייבן באַאַמטע און שופטים. די ערשטע צייט פלעגן זיי אויך די קריגס־הויפטלייט אויסקלייבן

נאָר אויף איין יאָר. שפּעטער אָבער, ווען די רוימער האָבן אָנגעהויבן פירן מלחמות אין ווייטע לענדער, און די מלחמות פלעגן זיך פאַרציען אויף לאַנג, פלעגן די קריגס-הויפּטלייט פאַרבלייבן אויף זייערע שטעלעס צו עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד.

אַז דער קריגס-הויפּטמאַן פלעגט אָפּהאַלטן גרויסע נצחונות און ווערן באַליבט ביים חיל, פלעגט דער חיל אים דעמאָלט אָנרופן אימפּעראַטאָר; דעמאָלט פלעגט ער האָבן אַזאַ גרויסע מאַכט, אַז ער האָט געקאָנט טאָן וואָס אים איז וואוילגעפעלן, אפילו קעגן רצון פון רוימישן פאָלק און פון דער רעגירונג. אַז דער קריגס-הויפּטמאַן פלעגט קומען צוריק קיין רוים נאָך אַ גרויסן נצחון, פלעגט מען אים מאַכן אַ פייערלעכן קבלת-פּנים— אָדער, אויפן לשון פון די רוימער, אַ טריאומף. אַרומגערינגלט מיט זעלנער, פלעגט דער קריגס-הויפּטמאַן דעמאָלט אַריינפאָרן אין שטאָט אויף אַ פאַרפּוצטן רייטוואָגן, אָנגעטאָן אין אַ פּור-פּור-מאַנטל מיט אַ גאָלדענעם זוים און מיט אַ קראַנץ פון אייל-בערט-בלעטער אויפן קאָפּ. פאַר אים פלעגט מען טראָגן דעם קריגס-רויב — גאָלד, זילבער, איידל-שטיינער, טייערע חפצים, סטאַטועס, בילדער, געווער; נאָך זיין וואָגן פלעגן נאָכגיין די געפאַנגענע מלכים און שרים.

אין יענער צייט, בעת מלכות-יהודה איז געוואָרן איינגע-נומען, זיינען שוין די רוימער געווען דאָס מעכטיקסטע פאָלק אויף דער ערד. קליין-אזיע, גריכנלאַנד, עגיפּטן, שפּאַניע און נאָך פיל אַנדערע לענדער האָבן זיך געפונען אונטער זייער אוי-בערהערשאַפט. קיין חידוש ניט, וואָס די רוימער זיינען ביי זיך שטאָלץ געוואָרן און דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז זיי דאַרפן איינעמען די גאַנצע וועלט. אַ דאַנק די שטענדיקע נצחונות האָבן זיך די רוימער שטאַרק אומגעביטן. ניט נאָר די רוימישע גדולים, נאָר אפילו די פּויערים זיינען שוין ניט געווען צופרידן מיט אַ באַשיידענעם לעבן פון אַרבעטער, ווי זייערע על-

טער-ציידעם האָבן געפירט. דורך די כסדרדיקע מלחמות זיי- נען די פויערים אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער בעל-הבתישקייט און צוגעוואוינט געוואָרן צו לעבן פון קריגס-רויב. ווען קיין מלחמה איז ניט געווען, האָבן זיי דעמאָלט געוואָלט זיך אויס- רוען און אויסברענגען דאָס גרינג פאַרדינטע געלט.

אַלע אונטערטעניקע פעלקער האָבן געצאָלט צינז, און די רוימער גופא האָבן ניט נויטיק געהאַט קיין סך צו אַרבעטן; אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט, האָבן זיי געקאָנט קויפן ביי אַנדערע פעלקער. פון אַלע איינגענומענע לענדער פלעגן זיך אָנקלייבן אין רוים רייכטימער אָן אַ שיעור. דער גרעסטער טייל פון די אומגעהויער גרויסע הכנסות פון דער רוימישער מלוכה פלעגט אָנקומען צו די רוימישע שרים. חוץ דעם, האָבן די רוימישע שרים פאַרמאָגט גרויסע מאַיאָנטקעס, וואו עס האָבן געאַרבעט טויזנטער קנעכט, צווישן זיי סיריער, גריכן און אַנדערע.

מיט זייערע קנעכט זיינען זיך די רוימער באַגאַנגען פונקט ווי מיט בהמות, וואָס גייען צו דער אַרבעט. קנעכט האָבן גע- וויינטלאַך ניט געטאָרט חתונה האָבן. זיי האָבן געוואוינט איב- איינעם אין קאַזאַרמעס און צו דער אַרבעט פלעגן זיי גיין אָפּט- מאָל געשמידט אין קייטן, און אָן אויפזעער פלעגט זיי אונטער- טרייבן מיט אַ בייטש.

די רייכע רוימער זיינען געווען גרויסע אויסברייינגער. זיי האָבן געלעבט אין אַזאַ לוקסוס, וואָס קיינער האָט ביז אַהער אַזעלכעס ניט געזען. געוואוינט האָבן זיי אין גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן, אויסגעצירט מיט סטאַטועס, בילדער, וואַסער-בעקנס און פאָנטאַנען. ביים עסן פלעגן זיי זיצן אָנגעלענט אויף ווייכע דיוואַנעס מיט טייערע בראָנזענע שניצערייען, און די געריכטן פלעגט מען דערלאַנגען אויף זילבערנע כלים מיט אויסגעקריצטע פיגורן. די מאָלצייטן, וואָס די רוימישע שרים פלעגן מאַכן,

האָבן געקאָסט גרויסע געלטן. עסנוואַרג און ווײַנען פלעגט מען ברענגען צו פירן פאַר זיי פון ווײַטע לענדער און צאָלן פאַר זיי אומגעהייערע מקחים. פאַר אַ קעסטעלע מאַרדעלן, וואָס מען פלעגט ברענגען צו פירן פון די ברעגעס פון שוואַרצן ים, פלעגט מען צאָלן 95 רובל.

רוים איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער וועלט, און איר אויסנווייניקסטע געשטאַלט האָט זיך ביסלעכווייז אומגעביטן. אַנשטאָט קליינע צעוואָרפענע הייזלעך, זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן הויכע, פילגאָרנדיקע הייזער, פּאַלאַצן, טעמפּלען, צירקן. די רוימישע פּלעצער זײַנען געווען אויסגעפּוצט מיט סטאַטועס, און שטענדיק זײַנען זיי פול געווען מיט מענטשן. אויף די פּלעצער פלעגן זיך צונויפקלייבן אַלע, וואָס האָבן געוואָלט הערן נײַעס אָדער אַרומריידן פאַרשיידענע ענינים, וואָס זײַנען שייך צו דער מלוכה. רוים האָט דעמאָלט געהאַט אַן ערך אַ מיליאָן אײַנוואוינער. פון אַלע פּראָווינצן, דאָס הייסט פון די אײַנגענומענע לענדער, פלעגן קומען צו פאָרן קיין רוים אַ סך מענטשן. סוחרים, שרים, שריפטשטעלער, קינסטלער. אַזוי אַז דאָרט האָבן שטענדיק געוואוינט אַ סך סיריער, גריכן, יידן און אַנדערע.

פּונקט ווי די גריכן, אַזוי זײַנען אויך די רוימער געווען געצנדינער. זיי זײַנען אָבער אויך געווען ווייניקער געבילדעט, איידער די העלענען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זייער ממשלה. ביי די גריכן האָבן זיי אַ סך זאַכן אָפּגעלערנט און איבערגענומען ביי זיי דעם אַלף-בית. די רוימער זײַנען געווען קונציקע קריגסלייט און אויך גוטע אינזשענערן: זיי האָבן געבויט גוטע וועגן און בריקן. אָבער אין קונסט און וויסנשאַפטן זײַנען זיי געווען די תלמידים פון די גריכן; די רוימישע שריפטשטעלער און קינסטלער האָבן אין אַלצדינג נאָכגעמאַכט די העלענען.

באזונדערס שטארק איז געווען די השפעה פון די העלענען אין רוים, נאכדעם ווי גריכנלאנד איז געווארן איינגע־נומען, דעמאלט זיינען א סך געפאנגענע גריכן אפגע־פירט געווארן קיין רוים. רוימישע גבירים פלעגן אי־בערגעבן זייערע קינדער אויף האדעווען זיי צו זייערע געבילדעטע קנעכט פון די גריכן; אנדערע ווידער פלעגן שיקן זייערע קינדער קיין גריכנלאנד זיך צו לערנען דארט; אין א סך רוימישע הייזער האט מען אנגעהויבן ריידן גריכיש. נאר צו אזא מין שיינקייט און קונסט, ווי די גריכן, האבן די רוימער קיינ־מאל ניט דערגרייכט.

פון כסדר פירן מלחמות זיינען די רוימער געווארן אכזריות־דיק און גראב. דאס האט זיך אפגערופן ניט נאר אויף זייער באגיין זיך מיט די קנעכט, נאר אויך אויף זייערע פארוויילונגען. די טעאטער־שפילן און אנדערע פארשטעלונגען, וואס די רוימער האבן איבערגענומען ביי די גריכן, זיינען זיי ווינציק געווען צום הארצן. זיי זיינען מער פון אלץ געפעלן געווען די געשלעגן פון די גלאדיאטארן. די גלאדיאטארן זיינען געווען אזעלכע קנעכט, וואס האבן זיך געלערנט שלאגן מיטן שווערד אין בא־זונדערע שולן. מען פלעגט זיי ארויסלאזן צו עטלעכע הונדערט מאן אויף א צירק־פלאץ, און דארט האבן זיי געמוזט זיך שלאגן מיט שווערדן, ביז זיי פלעגן כמעט אלע פאלן טויט. שפעטער פלעגט די רוימישע רעגירונג ארויסלאזן אויף די צירק־פלעצער לייבן, טיגערס, העלפאנדן און אנדערע ווילדע חיות. מען פלעגט זיי פריער האלטן אין שטייגן און לאזן זיי אויסהונגערן זיך, דער־נאך פלעגט מען זיי ארויסלאזן אויפן פלאץ און ארויפלאזן זיי אויף די שקלאפן. די רוימער פלעגן זיך אויפקלייבן צו טויזנ־טער קוקן אויף דעם, ווי די ווילדע חיותווארפן זיך אויף די אומגליקלעכע שקלאפן, וואס מען האט זיי איבערגעגעבן צו

פּאַרצוקן. אויף די צירק-פּלעצער אין רוים זיינען אומגעקומען אויך ניט ווינציק געפאַנגענע יידן.

## דער אָנהויב פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט.

נאָכדעם ווי פּומפּיוס האָט איינגענומען מלכות-יהודה, האָט ער איבערגעלאָזן דעם אינווייניקסטן סדר פון דער מלוכה, ווי געווען. הורקנוסן האָט ער באַשטימט פאַר אַ כהן-גדול. דאָס איז פאַרן שטילן, רואיקן הורקנוסן געווען גאַנץ גענוג. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך מאַכט און איז גאַנץ צופרידן געווען מיט דער כהונה-גדולה. קעגן דער אויבערהערשאפט פון די רוימער האָט ער קיין שום טענות ניט געהאַט, אדרבא, ער האָט אפילו זיי באַטראַכט, ווי זיינע באַשיצער, וואָרום זיי האָבן אים באַפרייט פון זיין ברודער אריסתובולס תביעות.

דאָס יידישע פאָלק אָבער האָט שטאַרק פיינט געהאַט די רוימער און איז איטלעכע רגע געווען גרייט מורד צו זיין קעגן זיי. דאָס דאָזיקע געפיל פון פאָלק איז טאַקע צונוץ געקומען אַריסתובולס זון אַלכסנדרן. באַלד ווי ער איז אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט, איז ער געקומען קיין מלכות-יהודה. האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן קלייבן אַרום אים פיל יידן, און אין גיכן האָט ער געהאַט אַ חיל פון 10 טויזנט פוס-גייער און 1500 רייטער. נאָר קעגן רוימישן חיל האָט אלכסנדר פאַרט ניט געקאָנט זיך לאַנג האַלטן, אין גיכן האָט ער געמוזט זיך אונטערגעבן. דאָס האָט אָבער די חשמונאים ניט אָפּגעשראָקן. אין אַ יאָר אַרום (אין יאָר 56) איז אַריסתובול II מיט זיין זון אַנטיגנוס אַנטלאָפן פון רוים קיין מלכות-יהודה, און דער אויפשטאַנד האָט זיך ווי-דער אָנגעהויבן. נאָר אויך דאָס מאָל האָט דער רוימישער חיל גובר געווען, און אריסתובול איז גענומען געוואָרן געפאַנגען און אָפּגעפירט קיין רוים.

אין פלוג האָט געקאָנט אויסזוויזן, אַז די יידן האָבן סוף כל סוף געמוזט איינזען, אַז קעגן דער מעכטיקער רוימישער מלוכה וועלן זיי גאָרנישט ניט קאָנען אויפטאָן. אין דער אמתן אָבער איז ניט אַזוי געווען: די חשמונאים און דאָס פאָלק האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון דער רוימישער איבערהערשאַפט. אין יאָר 55 האָט דער פּרינץ אַלכּסנדר ווי־דער געפּרובט אויפהויבן דאָס פאָלק, און אַ סך זיינען צו אים צוגעשטאַנען. אבער אויך דער פּרוב האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

די גאַנצע צייט האָט רעגירט איבער מלכות־יהודה הורקנוסעם גוטער פריינד אַנטיפּטר. אַנטיפּטר האָט געזען מיט אַלע מיטלען זיך אונטערהנפנען צו דער רוימישער רעגירונג און אויסנוצן איטלעכע געלעגנהייט, בכדי אַרויסצווייזן זיין איבער־געבנקייט. ער פלעגט מיט זיין חיל קומען צו הילף די רוימער, ער פלעגט זיי אויך געבן געלט. און זיין טרחה איז ניט געווען אומזיסט. די רוימישע רעגירונג האָט אים געצאָלט פון פולער האַנט. זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ בעל־הבית איבערן גאַנצן לאַנד יהודה, און ער האָט דאָרט געוועלטיקט, ווי ער האָט גע־וואָלט. זיינע זין האָט ער באַשטימט פאַר פאַרוואַלטער, איי־נעם פון ירושלים, דעם אַנדערן פון גליל.

יידן האָבן פיינט געהאַט אַנטיפּטרן און זיינע זין, וואָס האָבן זיי בדלות־געשטעלט דורך אָפּצאָלונגען און האָבן מער געדאַגעט וועגן די אינטערעסן פון די רוימער, איידער וועגן דער טובה פון אייגענעם פאָלק. מער ניט איין הורקנוסן האָט ניט געאַרט, וואָס אַנטיפּטרס מאַכט ווערט אַלץ גרעסער. אגב, האָט אַנטיפּטר שטענדיק געמאַכט דעם אָנשטעל, אַזוי ווי ער גופא וואָלט גאָר קיין דעה ניט האָבן, און ער טוט נאָר דעם רצון פון כהן־גדול. ניט נאָר אין בית־המקדש און אין סנהדרין, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע פאַלן פלעגט ער אָפּטרעטן דעם ערשטן פּלאַץ הורקנוסן,

און ער אליין פלעגט זיך אפרוקן אן א זייט. אין דער אמתן אבער האט הורקנוס קיין זאך ניט געטאן, אויסער דאס וואס אנטיפּטר האט אים געהייסן.

דערפאר אבער האט אנטיפּטרס זון הורדוס זיך געפירט דרייסטער פאר זיין פאטער. ער האט שוין ביי קיינעם קיין עצה ניט געפרעגט און אין גליל געוועלטיקט, ווי אים איז וואוילגעפעלן. איין מאל האט ער געכאפּט אן אנפירער פון יידישע מורדים און געלאזט אים טויטן. דאס איז אפגעטאן געווארן קעגן דעם יידישן דין. ווארום על פּי דין האט מען געמעגט טויטן א מענטשן נאר דעמאלט, ווען דער בית-דין האט אים פארמשפּט צום טויט. דעריבער זיינען די עלטסטע פון פאלק שטארק ניט צופרידן געווען מיט הורדוסעס אייגנוויליגקייט, און די מיטגלידער פון סנהדרין האבן געפאדערט ביי הורקנוסן, ער זאל לאדן הורדוסן צום משפּט. הורקנוס האט שטארק ניט געוואלט איינרייסן מיט הורדוסן, נאר ער האט געמוזט נאכגעבן דער פאדערונג פון סנהדרין.

איז הורדוס געקומען קיין ירושלים און האט זיך געשטעלט פארן סנהדרין, בכדי זיך צו פאַרענטפערן פאר זיין פארברעך. נאר געקומען איז ער פאר די דיינים ניט ווי א באשולדיקטער, מיט אן אראפּגעלאזענעם קאפּ און אנגעטאן אין טרויער-קליידער, נאר איינגעהילט אין א פּורפּור-מאנטל, אנגעגורט מיט זיין שווערד און ארומגערינגלט מיט זעלנער.

די דאזיקע העזהדיקע אויפפירונג הורדוסעס האט צוערשט א ביסל פארטומלט די דיינים, נאר סוף כל סוף האבן זיי אים פארמשפּט צום טויט, ווייל ער האט געהרגט א מענטשן. נאר הורדוס איז ניט געבליבן ווארטן, ביז דער בית-דין וועט ארויסטראגן דעם פּסק, און איז אנטלאפן פון ירושלים. אין גיכן האט דער רוימישער פארוואלטער איבער סיריע באשטימט אים פאר א קריגס-הויפּטמאן אין דרום-סיריע. דעמאלט האט הורדוס גע-

וואָלט גיין מיט אַ חיל קיין ירושלים, בכדי זיך אָפּצורעכענען מיט די מיטגלידער פון סנהדרין פאַר זייער פּסק־דין אַנטקעגן אים. קוים מיט צרות האָט זיך אַנטיפּטרן איינגעגעבן איבערצובעטן זיין זון, ער זאָל ניט אָנמאַכן קיין בלוטפאַרגיסונג אין ירושלים.

פּונקט ווי פריער, האָט די רוימישע רעגירונג זיך ניט אַריינגעמישט אין די אינווייניקסטע ענינים פון מלכות־יהודה, נאָר זי פלעגט נעמען ביי יידן גרויסע אָפּצאָלונגען, און ווען זיי פלעגן ניט וועלן צאָלן, פלעגן טויזנטער יידן פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן. דאָס פאָלק האָט געקרעכצט אונטערן יאָך פון די אָפּצאָלונגען, נאָר אַנטיפּטר און הורדוס, לא די וואָס זיי פלעגן אָן שום טענה פאָלגן אַלץ, וואָס די רוימער האָבן געהייסן, נאָר זיי פלעגן זיך מיען צו טאָן פאַר זיי נאָך מער, ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט. פאַר דער שנאה פון פאָלק האָבן זיי קיין מורא ניט געהאַט: זיי האָבן זיך פאַרלאָזן אויפן רוימישן חיל, וואָס וועט זיי באַשיצן. נאָר אַנטיפּטר האָט פאָרט ניט אויסגעלעבט זיינע יאָרן. אין יאָר 43 איז אַנטיפּטר דערהרגעט געוואָרן דורך דער האַנט פון מורדים, נאָכדעם ווי ער האָט געוועלטיקט 20 יאָר. און נאָך אין דריי יאָר אַרום האָט פאַר יידן ווידער אַ שיין געטאָן די האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פון דער רוימישער אויבערהערשאַפט.

פּונקט ווי די יידן, אַזוי האָבן אויך די איבעריקע אַזיאַטישע פעלקער שטאַרק געליטן פון די רוימער, וואָס האָבן פון זיי געריסן אָן אַ שיעור געלט, אַלע האָבן זיי געוואָלט פּטור ווערן פון דער פרעמדער אויבערהערשאַפט. דעריבער זיינען אַלע צוגעשטאַנען צום קריגערישן פאָלק פון די פּאַרטער, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד פון די אַמאָליקע פּערסער, בעת זיי זיינען אַרוים מלחמה האַלטן קעגן די רוימער. די פּאַרטער האָט זיך

איינגעגעבן אריינצודרינגען אין סיריע. דאס האט אויך אויס־געניצט אריסטובולס זון אנטיגנוס. ער האט צוגעזאגט די פאר־טער א סך געלט, אויב זיי וועלן אים העלפן פארטרייבן די רוי־מער. צוזאמען מיט א פארטישן חיל איז ער געקומען קיין מלכות־יהודה. דארט זיינען צו אים צוגעשטאנען טויזנטער יידן, וואס האבן געוואלט זיך באפרייען פון דער רוימישער קנעכטשאפט. אין גיכן איז אנטיגנוס אנגעקומען קיין ירושלים און געווארן געקרוינט פאר א קיניג, הורדוס האט געמוזט אנט־לויפן, און הורקנוסן האבן די פארטער אפגעפירט אין געפאנ־גענשאפט קיין בבל.

הורדוס, וואס האט געהאפט צו פארכאפן די ממשלה איבער די יידן, איז פון אנטיגנוסעס נצחון ניט אראפגעפאלן ביי זיך. ער איז אוועק קיין רוים, בכדי צו בעטן הילף קעגן די פארטער. די רוימישע רעגירונג איז גערן געווען אים צו קומען צו הילף. ניט איינמאל האט הורדוס געטאן טובות די רוימער, און זיי זיי־נען געווען זיכער, אז ער וועט זיי געטריי דינען. פארקערט, אנטיגנוסן האבן זיי געהאלטן פאר א מורד און פאר א שונא פון די רוימער. דעריבער האט די רוימישע רעגירונג געגעבן הורדוסן א חיל, בכדי ער זאל קאנען פארטרייבן אנטיגנוסן, און האט אים באשטימט פאר א קיניג איבער מלכות־יהודה.

דריי יאר האט נאך געקיניגט אנטיגנוס. די גאנצע צייט האט הורדוס געפירט קעגן אים מלחמה. אנטיגנוסן האבן גע־שטיצט די פארטער, און הורדוסן האבן געהאלפן די רוימער. איינציקווייז האט הורדוס איינגענומען אלע יידישע שטעט, און אין יאר 37 האט ער, צולעצט באלאגערט ירושלים. נאך א בא־לעגערונג פון צוויי חדשים האט אנטיגנוס געמוזט זיך אונטער־געבן. דער רומישער קריגס־הויפטמאן האט אים אפגעפירט קיין אנטיוכיא און דארט אים געלאזט טויטן.

# קיניג הורדוס.

(37—4 פאַר דער קריסטל. צייט).

הורדוס איז געווען אַ גבר און אַ גרויסער קריגס-העלד. ער איז געווען אַ פלינקער רייטער און אַ געשיקטער בויגן-שיסער און שפּיזן-וואַרפער און האָט געהאַט אַ שם פון אַ גוטן יעגער און געניטן קריגס-מאַן. קלוג, ענערגיש און דורכגעטריבן, האָט דער קיניג פאָרט ניט געפונען קיין חן אין די אויגן פון פאָלק. נאָך אין יאָר 42 האָט הורדוס חתונה געהאַט מיט הורקנוסעס אייניקל מרים, בכדי זיך אויף אַזאַ אופן משדך צו זיין מיט דער קיניגלעכער משפחה. אָבער דאָס פאָלק האָט אים פאָרט ניט געוואָלט אָנערקענען פאַר אַ געזעצלעכן קיניג און האָט אָפן אַרויסגעוויזן געטריישאַפט און ליבשאַפט צו די קינדער פון די חשמונאים.

קיין חידוש ניט, וואָס הורדוס האָט באַטראַכט די חשמונאים ווי שונאים, און האָט זיי שטענדיק חושד געווען, אַז זיי קלערן בייז קעגן אים און ווילן אים אַראָפּזעצן פון טראָן. בכדי צו פאַר-זיכערן זיין ממשלה, איז הורדוס געווען גרייט אויף אַלצדינג, אפילו אויף פאַרברעכנס, און ער האָט זיך גענומען פאַרטיליקן די משפחה פון די חשמונאים און זייערע אָנהענגער. קודם כל האָט ער געלאָזט טויטן 45 חשובע יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אנטיגנוסעס צד. שפּעטער איז אומגעקומען אויך דער קיניגין מרים'ס ברודער אַריסטובול.

די מעשה איז אַזוי געווען. הורדוס האָט געמוזט באַשטימען דעם 17-יאָריקן אַריסטובולן פאַר אַ כהן-גדול. דער יונגער כהן-גדול איז געווען זייער אַ שיינער און אַז ער איז געקומען צום ערשטן מאָל אין בית-המקדש אריין, האָט דאָס פאָלק אים מיט פרייד באַגריסט. דעם קיניג האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, אַזוי

ווי דערמיט וואָלט מען אים שטאַרק באַליידיקט, און ער האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון זיין יונגן שוואָגער. באַלד האָט זיך אים געפונען אַ גינסטיקע געלעגנהייט אויף אויסצופירן דעם פאַרברעכערישן פּלאַן.

איינמאָל האָט דעם כהן-גדולס מוטער, הורדוסעס שוויגער, געמאַכט אַ מאָלצייט און איינגעלאַדן דעם קיניג מיט זיינע הויפּ-לייט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און די געזעלשאַפט איז אוועק זיך באָדן אין טייך. דער כהן-גדול מיט אַנדערע יונגע לייט האָבן שווימענדיק געמאַכט פאַרשיידענע קונצן, מיטאַמאָל האָבן עטלעכע פון הורדוסעס אונטערגעשטעלטע אַ כאַפּ געטאָן ארים-תּובולן און גענומען אים אונטערטוקן אונטערן וואַסער, אַזוי ווי אויף קאַטאָוועס. נאָר געהאַלטן האָבן זיי אים אַזוי לאַנג, ביז ער איז דערשטיקט געוואָרן. פאַר דער וועלט האָט עס געהייסן, אַז עס האָט געטראָפן אַן אומגליק. הורדוס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער באַקלאָגט שטאַרק דעם שוואָגערס טויט. נאָר צווישן פאָלק איז קיינער ניט מסופק געווען דערין, אַז דאָס איז ניט קיין אומגליקלעכער צופאַל. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז הורדוסעס האַנט שטעקט דערין.

אַזוי זיינען איינער נאָכן אַנדערן אומגעקומען אַלע חשמונאים. הורדוס האָט אפילו ניט פאַרשוינט דעם 60-יאָריקן הורקנוסן און זיין אייגענע פרוי מרים. די שטאָלצע קיניגן פלעגט זיך גרוים האַלטן אַנטקעגן הורדוסעס משפחה. דעם קיניגס שוועסטער האָט זי דערפאַר פיינט געקראָגן און האָט אָנגערעדט אויף איר רכילות, אַז זי וויל טויטן דעם קיניג. הורדוס האָט זיך לאַנג געקווינקלט צו באַשטראָפן זיין פרוי, נאָר סוף כל סוף האָט זיין רשעות גובר געווען, און ער האָט געהייסן זי טויטן. נאָך דער מעשה האָט ער אפילו שטאַרק חרטה גע-האַט און אַ לאַנגע צייט ניט געוואָלט זיך טרייסטן. נאָר שפּע-

טער האָט ער זיך באַרואיקט און ווידער גענומען זיך פאַר די מלוכה-ענינים.

די רוימישע רעגירונג האָט שטאַרק געהאַלטן פון הורדוסן. איינציקווייז האָט זי אים צוריק אָפּגעגעבן אַלע יענע שטעט און פּראָווינצן, וואָס פּומפּיוס האָט אָפּגעריסן פון מלכות-יהודה. הורדוס ווידער איז אויך ניט געבליבן הינטערשטעליק בנוגע צו זיינע באַשיצער. ער האָט זיך מיט אַלע מיטלען אונטער־געהנפּעט צו דער רוימישער רעגירונג, פלעגט טאָן די רוימישע גדולים פאַרשיידענע טובות און שענקען זיי טייערע מתנות. אַלע די הוצאות, וואָס דער קיניג האָט געמאַכט, בכדי זיך איינצו־קויפן ביי די רוימער, זיינען, פאַרשטייט זיך, געפאַלן אויפן פאָלק. יידן זיינען בדלות געוואָרן און האָבן געקרעכצט אונטער דער משא פון די אָפּצאָלונגען. נאָר אָך און וויי איז געווען צו די יע־ניקע, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאָלגן דעם קיניג. די רוימישע רעגירונג האָט הורדוסן געלאָזן אַ פרייע האַנט, און ער האָט געטאָן מיט זיינע אונטערטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט. און ער האָט פון קיין רחמנות ניט געוואוסט. די וואָס האָבן געפּרובט ווידערשפּעניקן, זיינען געטויט געוואָרן. הורדוס פלעגט אפילו ניט שוינען די מיטגלידער פון סנהדרין, וואָס זיינען אים ניט ניחא געווען; כהנים-גדולים פלעגט ער באַשטימען און אַראָפּ־זעצן, לויט ווי זיין האַרץ האָט געגלוסט.

אין דער מלוכה גופא האָט הורדוס געפלייסט זיך איינצו־שטעלן אַ סדר און אויסצובעסערן דאָס לעבן. ער האָט אויסגע־בויט נייע שטעט, באַפעסטיקט די אַלטע, און ירושלים האָט ער אויסגעפוצט גאָר אַ פראַכט. ער האָט אויסגעבויט דאָרט פאַר זיך אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ מיט שיינע סעדער, וואַסער-בעקנס, קאַ־נאַלן. אַליין האָט ער געלעבט אין גרויס לוקסוס און געמיט זיך נאָכצומאַכן די רוימישע שרים אין זיין שטייגער לעבן. זיינע זין האָט ער געשיקט האָדעווען זיך קיין רוים, און ביי אים אין הויף

האָבן געלעבט גריכישע און סירישע געלערנטע. נאָר דעם קיניגס גאַנצע מי זיך אויסצוגלייכן מיט די געבילדעטע גריכן און רוימער איז געווען אומזיסט: ער איז געבליבן אַ גראָבער מענטש און אַן עם־הארץ.

הורדוס האָט זיך אויך געמיט צו פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק גריכישע און רוימישע מנהגים. צוליב דעם האָט ער געבויט טעאַטערס, און צירקן, בכדי דאָס פאָלק זאָל זיך צוגעוואוינען צו די גריכישע שפּילן. אויף די צירק־פּלעצער נעבן ירושלים האָט מען ניט נאָר געמאַכט גימנאַסטיק, נאָר אויך גע־שלעגן פון גלאַדיאַטאָרן און ראַנגלערייען מיט ווילדע חיות זיינען דאָרט פאָרגעקומען. איבערן דאָזיקן אכזריותדיקן מנהג פון די רוימער זיינען פרומע ייִדן באַזונדערס שטאַרק געווען אויפגע־בראַכט.

הורדוס האָט לחלוטין ניט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן קוקן אויף אים, ווי אויף אַ געצנדינער. ער פלעגט זיך אָפטמאָל איינשטעלן פאַר ייִדן ביי דער רוימישער רעגירונג. ער האָט פון דאָס ניי איבערגעבויט דעם בית־המקדש אין ירושלים און אויסגעפּוצט אים מיט גאָלד און מירמלשטיין. בכדי ניט צו רייצן דאָס פאָלק, פלעגט ער קיין סטאַטועס ניט שטעלן און אויף זיינע מטבעות ניט לאָזן אויסקריצן קיין פיגורן פון מענטשן און בעלי־חיים. אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געהאָלפן צו מאַכן דעם קיניג באַליבט ביים פאָלק. ייִדן האָבן הורדוסן פיינט געהאַט, ווייל ער איז גע־שטעלט פון דער רוימישער רעגירונג, און ווייל ער אונטערדריקט דאָס פאָלק.

אַלע ווייל פלעגן ווערן פאַרשווערונגען קעגן קיניג. נאָר ער האָט אומעטום געהאַט זיינע שפּיאָנען, וואָס פלעגן אים מסרן וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך צווישן פאָלק. מען האָט דערציילט אפילו, אַז הורדוס אַליין פלעגט זיך אַמאָל איבער־טאָן און גיין האָרכן צווישן המון, וואָס מען רעדט וועגן אים

און זיין רעגירונג. ער האָט פאַרבאָטן אַלע פאַרזאַמלונגען, און פאַר איטלעכן אומפאַרזיכטיקן וואָרט האָט מען געקאָנט טייער באַצאָלן.

מיט איטלעכן יאָר איז הורדוס געוואָרן אַלץ מער אויפ־געררייצט קעגן די ארומיקע. און זיינע קרובים האָבן נאָך כסדר אונטערגעהאַלטן אין אים דאָס געפיל פון חשד קעגן אַלעמען. הורדוס האָט געהאַט צען ווייבער און אַ סך זין און טעכטער. די גאַנצע גרויסע משפחה פון קיניג האָט געוואוינט אין פּאַ־לאַץ און דאָרטן פלעגן שטענדיק הערשן מחלוקתן און רכילות. איטלעכער האָט געוואָלט געפינען חן אין קיניגס אויגן, און אַלע פלעגן טרייבן רכילות קעגן אַנאַנד, אַלע פלעגן מסרן איי־נער אויפן אַנדערן; און הורדוס פלעגט ניט לאַנג קלערן און טויטן אַלעמען, אויף וועמען עס פלעגט נאָר פאַלן אַ חשד. אַזוי האָט ער געלאָזט טויטן אויך זיינע זין, אלכסנדר און אריס־תובל, וואָס ער האָט געהאַט פון דער פאַרשטאָרבענער מרים.

אלכסנדר און אריסתובול האָבן זיך געהאָדעוועט אין רוים און האָבן דאָרט פאַרבראַכט פינף יאָר. אַז זיי זיינען געקומען צו פאָרן אהיים, איז אלכסנדר געווען אַלט 18 יאָר און אַרים־תובול 17 יאָר. באַלד נאָך זייער קומען האָט הורדוס זיי חתונה געמאַכט. היות ווי דאָס פאָלק האָט די דאָזיקע צוויי זין הור־דוסעס באַטראַכט, ווי אייניקלעך פון די חשמונאים, דעריבער האָט ער זיי ליב געהאַט און אויסגעצייכנט פון דער גאַנצער קיניגלעכער משפחה. נאָר זיי האָבן געירשנט ניט נאָר זייער מוטערס שיינקייט, נאָר אויך איר שטאָלצן כאַראַקטער, און האָבן זיך אויך גרוים געהאַלטן אַנטקעגן זייער פאָטערס משפחה. דעם קיניגס שוועסטער, וואָס האָט אומגעבראַכט מרימען, האָט אויך פיינט געקראָגן אירע זין. און זי האָט אָנגעהויבן איינ־ריידן הורדוסן, אַז אלכסנדר און ארויסתובול האָבן אים פיינט, אַז זיי קאָנען זיך ניט דערוואַרטן אויף זיין טויט. באַלד האָט

הורדוס געוואָרפן אן אומחן אויף זיינע זין, און סוף כל סוף האָט די מיאוסע רכילותניצע אויסגעפירט אירם: ביידע זיינען זיי געוואָרן געטויט. קורץ פאר זיין טויט האָט הורדוס געלאָזט טויטן אויך זיין עלטסטן זון, וואָס אים האָט ער פריער געהאַט באַשטימט פאַר א יורש פון זיין קרוין.

וועגן הורדוסעס טויט ווערט דערציילט אַזאַ מעשה. היות ווי הורדוס האָט געוואוסט, אז דאָס פאָלק האָט אים פיינט און וועט זיך שטאַרק פרייען מיט זיין טויט, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אזוי, אַז דער טאָג פון זיין טויט זאָל זיין פאַרן פאָלק ניט קיין טאָג פון שמחה, נאָר אַ טאָג פון וויינען און קלאָגן. ער האָט געהייסן צונויפרופן אַ סך אָנגעזעענע יידן אין צירק פון יריחו און זיי איינשליסן דאָרט. און זיינע זעלנער האָט ער באַפוילן, אַז ווי נאָר עס וועט אָנקומען צו זיי די ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן, זאָלן זיי תיכף אויסקוילען אַלע איינגעשלאָסענע יידן. נאָר דער דאָזיקער טייוולאָנישער פּלאַן איז ניט אויסגעפירט געוואָרן, און די שמחה פון פאָלק איז מיט קיין זאַך ניט געשטערט געוואָרן.

## די פרנסות.

דער גרעסטער רוב פון די איינוואוינער פון מלכות-יהודה האָבן זיך נאָך אַלץ פאַרנומען מיט ערד-אַרבעט, סעדעריי און וויינגערטנעריי; נאָר דער האַנדל האָט זיך אַלץ מער פאַר-שפרייט, און די צאָל הענדלער און סוחרים איז זייער גרויס גע-וואָרן. חוץ יפו, איז איצט געוואָרן אַ גרויסע האַנדלס-שטאָט די שטאָט קיסריא, אויך אויפן ברעג פון מיטעללענדישן ים. הורדוס האָט דאָרט אויסגעבויט אַ האַפן, און אַהין פלעגן אָנקומען שיפן פון גריכנלאַנד, רוים און אפילו פון שפּאַניע, אַ טייל סחורות פלעגן געשיקט ווערן פון דאָרט קיין סיריע, אַראַביע, בבל, און אַ

טייל פלעגן אָפּקויפן יידישע סוחרים. יידישע סוחרים פלעגן אויך אַליין פאָרן נאָך סחורות אין פרעמדע לענדער און אַרויס־פירן אַהין פּאַלעסטינישע פּראָדוקטן. די גרעסטע האנדלס־שטאָט איז אויך אין דער צייט געווען ירושלים.

די הויפּטשטאָט פון יהודה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אַלטן מויער, וואָס האָט געהאַט אין זיך 60 טורעמס; די שענס־טע צירונג אירע אָבער זיינען געווען דריי פּירקאַנטיקע טורעמס פון מירמלשטיין, וואָס קיניג הורדוס האָט זיי אויסגעבויט. היג־טער אָט דעם מויער האָט זיך געצויגן נאָך אַ מויער מיט 14 טורעמס. נאָר די באַפעלקערונג פון ירושלים איז אַלץ גרעסער געוואָרן, און די ניי צוגעקומענע האָבן זיך געמוזט באַזעצן אויף יענער זייט פון די שטאָטישע מויערן. שפּעטער האָט מען אויך אָט די פאַרשטעט אַרומגערינגלט מיט אַ מויער. אַזוי איז ירושלים געווען באַשיצט דורך דריי מויערן.

אויפן באַרג מוריה איז געשטאַנען דער בית־המקדש. ער איז געווען געדעקט מיט מירמלשטיין און פאַרגילדט, און מיט זיין בלענדנדיקער ווייסקייט האָט ער געפינקלט אויף דער זון, אַזוי אַז אַלע, וואָס האָבן אים געזען, זיינען געווען נשתומם איבער זיין שיינקייט. „ווער עס האָט הורדוסעס בית־המקדש ניט געזען — פלעגן יידן זאָגן — האָט אויף זיין לעבן קיין שיינעם בנין ניט געזען". דער דאַך פון בית־המקדש איז געווען באַצירט מיט גאָלדענע שפּיזן. מיטן בית־המקדש האָט געגרענעצט דער שלאָס אַנטאָניאַ, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַן אומגע־הויער גרויסן פירזייטיקן טורעם מיט קליינע טורעמס אין די ווינקלען. מחמת די פיל גרויסע בנינים, וואָס אַרום אים, און מחמת דעם מויער און די טורעמס, האָט דער בית־המקדש אויס־געוויזן ווי אַ גרויסע באַפעסטיקטע שטאָט. ניט ווייט פון בית־המקדש איז געשטאַנען הורדוסעס פּאַלאַץ, געבויט פון מירמל־שטיין.

נאָך פיל אַנדערע גרויסאַרטיקע בנינים מיט פּלערליי פאַרצירונגען זיינען געווען אין ירושלים, נאָר דער גרעסטער רוב פון די הייזער האָבן אויסגעזען ווי שטיינערנע קאַסטנס. די דעכער זיינען געווען פלאַכע און די איינוואוינער פלעגן דאָרט פאַרברענגען די הייסע זומער-נעכט. אַ דאַנק דעם וואַרעמען קלימאַט, פלעגן די איינוואוינער פון ירושלים בכלל פאַרברענגען אַ סך צייט אויף דער פרייער לופט. די בעלי-מלאכות פלעגן אַרבעטן געוויינטלאַך ביי זיך אויפ'ן הויף אָדער אין ביידלעך פון ברעטער, וואָס זיי האָבן געשטעלט אויף די גאַסן אָדער פּלעצער; דאָרט גופא פלעגן זיי פאַרקויפן זייערע אויסאַרבעטונגען.

די הייזער פון ירושלים זיינען געשטאַנען געבויט אויף זייטן פון בערגלעך. דערפאַר זיינען די גאַסן געגאַנגען באַרגאַרויף און באַרג-אַראָפּ און זיינען געווען אַזוי שמאָל, אַז צוויי אַנגעלאָדענע אייזלען האָבן קוים געקאָנט זיך אויסמיידן. נענטער צו די טויערן פון שטאָט זיינען די גאַסן געווען ברייטער. דאָ האָבן זיך געפונען די מאַרקפּלעצער. די קראָמען זיינען געווען געבויט דער עיקר אויף די ברייטע גאַסן, און בייטאָג פלעגן די קרעמער אויסלייגן זייערע סחורות אויף פּאָליצעס אויפן גאַס פאַר די קראָמען.

אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָר האָבן אין ירושלים געוואוינט אַן ערך 80 אָדער 100 טויזנט מענטשן. נאָר אויף די גרויסע ימים-טובים פלעגן אָנקומען אַהין עולי-רגל פון גאַנץ פּאַלעסטינע, און אויך פון בבל, אלכסנדריא של מצרים, רוים, סיריע, גריכנלאַנד. עולי-רגל פלעגן אָפטמאָל זיין אַ מיליאָן און מער. פאַר זיי אַלעמען האָט קיין אָרט אין די שטיבער ניט געקלעקט, דעריבער פלעגן אַפולע זיך אָפּשטעלן אין ביידלעך און געצעלטן אויף די גאַסן און פּלעצער, און אפילו אויסער דער שטאָט. צווישן די עולי-רגל זיינען געווען אויך סוחרים, וואָס פלעגן פאַראיינס שוין אָפּטאָן זייערע האַנדלס-געשעפטן. זיי פלעגן אַמאָל בלייבן

זיצן אין ירושלים אַ לענגערע צייט, פאַרקויפן דאָרט די מיט־געבראַכטע סחורות און איינקויפן פּאַלעסטינישע פּראָדוקטן. צווישן די אַנגעפּאַרענע סוחרים זיינען געווען ניט נאָר יידן, נאָר אויך היידן.

חוץ די קראָמען, זיינען אין ירושלים געווען נאָך אַ סך מערק; אויף איין מאַרק האָט מען פאַרקויפט גרינסן און פּירות, אויף אַן אַנדערן פאַרטיקע קליידער, אויף אַ דריטן — שמיד־אַרבעטן און אַזוי ווייטער. אַ באַזונדער מאַרק־פּלאַץ איז געווען אויף פאַרקויפן בהמות. אויף דעם בהמות־מאַרק פלעגן די עולי־רגל קויפן שאָף־ציגן, ציגן־בעק און קעלבער צוליב קרבנות, און אין די יום־טוב־טעג איז דאָרט געווען שטאַרק באַלעבט.

די יידישע געלערנטע האָבן געפאָדערט, אַז יידן זאָלן האַנד־לען ערלעך, גלייך מיט אייגענע און פרעמדע. די הענדלער האָבן געמוזט האַלטן גוטע סחורות און האָבן אַ ריכטיקע וואָג און מאָס, זיי האָבן ניט געטאָרט יאָגן זיך נאָך אַ צו־גרויסן ריוח. בנוגע צו אַלע זאַכן אין קויפן און פאַרקויפן האָט געגאָלטן אַ גלייכער געזעץ פאַר יידן און היידן. נאָר קיין פערד, אָקסן, אייזלען און מויל־אייזלען האָבן יידן ניט געטאָרט פאַרקויפן צו געצנדינער, בכדי די בהמות זאָלן ניט דאַרפן אַרבעטן אום שבת; מען האָט אויך ניט געטאָרט פאַרקויפן די היידן קיין געווער, בכדי מען זאָל עס ניט געברויכן קעגן יידן.

עס זיינען געווען געשטעלט באַזונדערע אויפזעער איבער די יידישע מערק און קראָמען. זיי האָבן אויפגעפּאַסט, אַז די וואָגן און מאָסן זאָלן זיין ריכטיק און ריין; זיי פלעגן אויך פאַר־זוכן דעם וויין און אַנדערע פּראָדוקטן, בכדי צו זען, צי זיי זיי־נען גוט. ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז דער אויפזעער פלעגט צווינגען די הענדלער אַראָפּצולאָזן די פּרייזן, און אויב רייד אַליין פלעגן ניט העלפן, פלעגט ער מאַכן געברויך פון זיין שטעקן.

# ווי אַזוי איז געוואָרן רעגירט מלכות-יהודה נאָך הרדוסעס טויט.

נאָך הורדוסעס טויט איז די גאַנצע גדולה פון זיין קיניגן באַלד אַראָפּ, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַלע זיינע אויפטועןְ האָבן קיין שום ממשות ניט געהאַט. לויט הורדוסעס לעצטער צוואה, האָט געדאַרפט ירשענען די מלוכה זיין זון אַר-כעלאַוס; נאָר די רוימישע רעגירונג האָט אים ניט געוואָלט באַ-שטעטיקן פאַר אַ קיניג און האָט אים געגעבן נאָר דעם טיטל עטנאַרך אָדער נשיא. אַרכעלאַוס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו אונטערדריקן דאָס פאָלק און געברויכן זיין מאַכט צום שלעכטן. האָבן יידן זיך באַקלאָגט אויף אים פאַר דער רוימישער רעגי-רונג, און זי האָט אים פאַרטריבן פון לאַנד יהודה.

נאָכדעם ווי אַרכעלאַוס איז פאַרטריבן געוואָרן (אין יאָר 6 פון דער קריסטל. צייט), האָט די רוימישע רעגירונג געשיקט אויף צו רעגירן איבער מלכות-יהודה אַ רוימישן באַאַמטן, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל פּראָקוראַטאָר. דער פּראָקוראַטאָר האָט געהאַט אין זיין רשות אַ חיל, וואָס איז געוואָרן צונויפ-געקליבן צווישן דער היידנישער באַפעלקערונג פון פאַלעסטי-נע. דער פּראָקוראַטאָר גופא איז געשטאַנען אונטער דעם פאַר-וואַלטער פון סיריע. געוואוינט האָט ער אין דער האַפן-שטאָט קיסריא, און בשעת ער פלעגט קומען צופאָרן קיין ירושלים, פלעגט ער זיך באַזעצן אין הורדוסעס פּאַלאַץ. געוויינטלאַך פלעגן די פּראָקוראַטאָרן קומען קיין ירושלים אין די שלוש-רגלים, בכדי אַליין צו געבן השגחה אויף דער אָרדענונג, ווען עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַזוי פיל מענטשן אין שטאָט.

די פּראָקוראַטאָרן האָבן אויפגעפּאַסט, עס זאָלן ווערן אויפ-געקליבן דער קאָפּ-שטייער און די אָפּצאָלונגען פון דער ערד.

צוליב דעם האָבן זיי געהאַט אונטער זיך רוימישע באַאַמטע. חוץ די דאָזיקע שטייערן, האָבן די איינוואוינער פון מלכות-יהודה געמוזט צאָלן אָפּצאָלונגען פון די סחורות, וואָס זיינען געוואָרן אַרויסגעפירט און אַריינגעפירט אין לאַנד. דאָס אויפקלייבן די אָפּצאָלונגען פלעגט די רוימישע רעגירונג אָפּגעבן אין חכירה. דאָס איז געווען א גוטער עסק; די חוכרים פלעגן שטענדיק צונויפקלייבן אַ סך מער, איידער זיי פלעגן אָפּגעבן דער רוימישער רעגירונג. די חוכרים גופא פלעגן אַליין זיך ניט פאַרנעמען מיטן קלייבן. זיי פלעגן האַלטן צוליב דעם אויף שכירות קלייבער אָדער מוכסים. די דאָזיקע מוכסים פלעגן טאָן זייער אַרבעט מיט אַזאַ אכזריות, אַז דאָס פאָלק האָט זיי פיינט געהאַט און געהאַלטן זיי פאַר די נידעריקסטע מענטשן.

די רוימישע רעגירונג האָט פאַרלאַנגט נאָר, אַז ייִדן זאָלן צאָלן וואָס מער צינז. וואָס איז שייך צום אייגענעם שטייגער לעבן פון די ייִדן, האָט זי געלאָזט זיי טאָן, וואָס זיי ווילן, און האָט אפילו ניט געפּרובט זיי צווינגען איבערבייטן זייערע מנהגים און גלויבן. די רוימער האָבן אפילו אַזוי ווייט געשוינט די רעליגיעזע געפילן פון די ייִדן, אַז ווען דער רוימישער חיל פלעגט אַריינגיין אין ירושלים, פלעגט ער ניט מיטנעמען די פאָנען און שילדן, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעמאָלט דעם קיסרס בילד; אויף די מטבעות, וואָס מען פלעגט גיסן אין מלכות-יהודה, איז געווען אויסגעקריצט נאָר דעם קיסרס נאָמען; אונטער טויט-שטראָף איז געווען פאַרבאָטן היידן, אפילו רוימישע בירגער, אַריינצוטרעטן אין אינווייניקסטן הויף פון בית-המקדש. די ייִדן ווידער פלעגן צוויי מאָל אין טאָג ברענגען אַ קרבן אין בית-המקדש פאַרן קיסר און פאַרן רוימישן פאָלק.

די פּראָקוראַטאָרן פלעגן באַשטימען די כהנים-גדולים און אָראָפּזעצן זיי, ווען זיי האָבן געוואָלט; די בגדי-כהונה פון כהן-

גדול פלעגן א גאנץ יאר ליגן באהאלטן אין שלאס אנטאניא, און דער רוימישער קאמענדאנט פלעגט זיי ארויסגעבן נאר 4 מאל א יאר, צו די גרויסע ימים־טובים. דער סנהדרין האט געהאט אין דער צייט מער דעה אין לאנד איידער אין הורדוסעס צייט. דער סנהדרין פלעגט ארויסגעבן געזעצן און משפטן יידן פאר כלערליי פארברעכנס. נאר א פסק־דין אויף טויט־שטראף האט געמוזט ווערן באשטעטיקט דורכן פראקוראטאר, און אויס־פירן די שטראף פלעגן רוימישע זעלנער.

נאר די פראקוראטארן פלעגן זיך אפטמאלם בייטן, און אלע האבן זיי געטאן, וואס זיי האבן געוואלט. צווישן די פראקו־ראטארן זיינען געווען אזעלכע, וואס האבן באזונדערס שטארק אונטערדריקט דאס פאלק און געמאכט חוזק פון דער יידישער אמונה. איינער פון די ערגסטע פראקוראטארן איז געווען פאנטיוס פילאטוס, וואס האט פארוואלטעט איבער מלכות־יהודה אין משך פון 10 יאר (26—36 נאך קר.); ער האט נים פארזאמט קיין געלעגנהייט, בכדי צו באליידיקן די יידישע אמונה.

קעגן דעם איינגעשטעלטן מנהג, האט פילאטוס געשיקט קיין ירושלים אן אפטיילונג זעלנער מיט די קייזערלעכע פאנען. פון דער דאזיקער פארשוועכונג פון דער הייליקער שטאט האבן זיך די יידן שטארק מצער געווען. איז א גאנצער המון יידן אוועק קיין קיסריא צו פילאטוסן, האבן ארומגערינגלט זיין הויז און זיינען דארט געשטאנען פינף טעג און געבעטן זיך ביי אים, ער זאל צונעמען די פאנען. צולעצט האט דער פראקוראטאר אריינ־גענארט די יידן אין צירק ארומגערינגלט זיי מיט זעלנער און געשראקן זיי אויסצוקוילען, אויב זיי וועלן אים נים פאלגן. נאר די יידן האבן זיך נים געלאזט איינשרעקן: זיי האבן זיך אני־דערגעווארפן אויף דער ערד, אויסגעשטרעקט די העלזער און

ערקלערט, אַז זיי זיינען גרייט בעסער צו שטאַרבן, איידער צו לאָזן פאַרשוועכן זייער גלויבן.

האָט דער פּראָקוראַטאָר דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבן; נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אויך ווייטער ניט איין מאָל אָנגעטאָן נגישות יידן און באַליידיקט זייער אמונה. בכדי צו מאַכן אַ סוף צו די אומרוען און מהומות, האָט דער סירישער פאַרוואַלטער אָפּגערופן פּילאַטוסן פון מלכות־יהודה, און יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. דער פאַרוואַלטער האָט אויך געהייסן אַריבער־טראָגן די בגדי־כהונה צוריק אין בית־המקדש אַריין. דער רוי־מישער חיל פלעגט איצט אויסמיידן צו גיין דורכן לאַנד יהודה און פלעגט גיין קיין אַראַביע דורך אַן אומוועג.

אין גיכן איז דער מצב פון יידן אויף אַ ווײַלע בעסער גע־וואָרן. הורדוסעס אַן איייניקל, אַגריפּס, איז געוואָרן באַשטימט פאַר אַ קיניג פון יהודה. אַגריפּס האָט זיך געהאָדעוועט אין רוים אינאיינעם מיט די פּרינצן און קינדער פון די שרים. פונקט ווי רייכע רוימער, האָט ער געפירט אַן אויסברענגעריש לעבן און האָט געפּטרט זיין גאַנצן אייגנס. גראָד ווען די נויט איז געווען ביי אים צום גרעסטן, איז זיין גוטער פריינט קאַליגולאַ געוואָרן קיסר פון רוים (אין יאָר 37). קאַליגולאַ האָט תיכף געשאָנקען אַגריפּסן דעם טיטל קיניג און האָט אים אָפּגעגעבן גליל און נאָך אַ פּראָווינץ פון פּאַלעסטינע און אין יאָר 41 האָט אַגריפּס באַקומען אויך מלכות־יהודה.

לויט זיינע רגילותן איז קיניג אַגריפּס געווען אַן עכטער רוימער. ער האָט גערן באַזוכט טעאַטערס און גלאַדיאַטאָרן־שפּילן. אין קיסריא זיינען געווען אויסגעשטעלט די סטאַטועס פון אַגריפּסעס טעכטער; אויף די מטבעות, וואָס זיינען געגאָסן געוואָרן אויסערהאַלב פון ירושלים, זיינען געווען אויסגעמאָלט די בילדער פון קיניג אַגריפּס אָדער פון רוימישן קיסר. נאָר אין ירושלים גופא האָט אַגריפּס זיך אַרויסגעשטעלט פאַר שטאַרק

פרום און האָט גענומען זיך באַווייזן, אַז ער איז ביז גאָר איבער־געגעבן דער יידישער אמונה. און יידן האָבן גראָד אַגריפּסן ליב געהאַט. אַז ער איז הורדוסעס אַן איניקל, האָט מען אַזוי ווי פאַרגעסן, און געדענקט נאָר, אַז ער שטאַמט פון זיין באָבעס צד פון די חשמונאים. נאָר אָט די גוטע צייט האָט ניט לאַנג גע־דויערט. אין יאָר 44 איז אַגריפּס געשטאָרבן, נאָכדעם ווי ער איז קראַנק געווען סך הכל פינף טעג. איבער מלכות־יהודה איז ווידער געשטעלט געוואָרן אַ פּראָקוראַטאָר.

## די מנהגים.

די שטייערן, גרענעץ־אָפּצאָלונגען, מעשר און אַנדערע אָפּ־צאָלונגען האָבן איינגעשלונגען דעם גרעסטן טייל פון די הכנסות פון די פּויערים; דעריבער האָבן די יידישע פּויערים געלעבט זייער אָרעם. פּונקט ווי אין אַמאָליקע צייטן, האָבן זיי גע־וואוינט אין קליינעביידלעך אָן פענסטער און אויוונס. קיין מעבל איז געוויינטלאך אין ביידל ניט געווען. עסן פלעגן די פּויערים זיצנדיק אויף קאָבריצעס, און שלאָפן פלעגן זיי אויף דער ערד, אונטערגעלייגט אַ קאָבריצע אָדער אַ קעמל־פעל. אויף דער ערד זיינען אויך געשטאַנען ליימענע כלים און אַ לאָמפּ מיט בוימל. איטלעכע בעל־הבתישקייט האָט געמוזט האָבן אַ האַנט־מיל. אַנשטאָט ברויט, פלעגן די פּויערים עסן אָפטמאָל פלעצ־לעך פון גע־שטן־מעל. אַ סך פלעגן זיי געברויכן באָב, לינזן, איילבערטן און אַנדערע גרינסן און פרוכטן, און אויך האָניג, אייל פון געוויקסן און מילך־פּראָדוקטן.

יידישע בעלי־מלאכות האָבן געוואוינט אין די שטעט אין געמויערטע הייזער; נאָר זייער מעבל, בעל־הבתישקייט, שפּייז און קליידער זיינען געווען כמעט אַזעלכע, ווי ביי די פּויערים. בכלל האָט זיך די קליידונג פון די יידן ווייניק וואָס אומגעביטן. זיי פלעגן טראָגן אַ לאַנגן בגד פון געשטרייפטן אָדער ווייסן

לייוונט, וואָס זיי פלעגן אָנטאָן אויפן הוילן לייב, און אַרומגאַרט-לען זיך מיט אַ שטיק לייוונט אָדער אַ רימען. איבער אָט דעם בגד פלעגן זיי אַריבערוואַרפן אַ ברייטע פלאַכטע, וואָס זיי פלעגן צונויפנייען פון צוויי שטיקער געוואַנט מיט עפענונגען פאַר'ן קאָפּ און פאַר די הענט. נאָר די כהנים פלעגן טראָגן קור-צע הויזן.

די ווייבערשע קליידונג האָט זיך כמעט ניט אונטערגע-שיידט פון דער מאַנסבילשער; זי איז נאָר געווען ברייטער. אויף די פיס האָבן סיי מאַנסבילן און סיי ווייבער געטראָגן סאַנ-דאַלן, און אויפן קאָפּ ווייסע טורבאַנעס. יידן האָבן די באָרד קיין מאָל ניט געשוירן. די ווייבער פלעגן פאַרפלעכטן די האָר אין צעפּ.

פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן, זיינען די הויפּטפאַר-ווײלונגען פון די יידישע פויערים, בעלי-מלאכות און הענדלערס געווען די ימים-טובים און משפחה-שמחות. נאָר די יידישע שרים און גרויסע סוחרים פלעגן אָפטמאָל מאַכן ביי זיך מאָל-צייטן, און אייניקע פלעגן אפילו באַזוכן טעאַטערס און צירקן. בכלל האָט זיך דער שטייגער לעבן פון די רייכע סוחרים, פון די הויפישע שרים און פון די חשובע כהנים שטאַרק איבערגע-ביטן. זיי האָבן שטענדיק געהאַט אויפטראָגן מיט די גריכישע און רוימישע שרים, און דעריבער האָבן זיי איבערגענומען פון זיי אַ סך זאַכן. אויך די יידישע גדולים האָבן אויסגעפּוצט זיי-ערע שטיבער מיט טייערע מעבל און כלים, מיט קונציק געאַר-בעטע הייגלייכטער, מיט ווייכע דיוואַנעס און קאָבריצעס. גע-וואוינט האָבן זיי אין גרויסע געמויערטע הייזער, נאָר חדרים זיינען דאָרט געווען קליינע, מיט ווינציק פענסטער. אויך די יידישע גבירים האָבן ליב געהאַט צו פאַרברענגען אויף די פלאַכע דעכער פון זייערע הייזער, וואָס זיינען געווען אַרומגע-רינגלט מיט גראַטעס. אַ טייל פון דאַך איז געווען געדעקט מיט

אַ לייוונט, און אין די הייסע זומערדיקע נעכט פלעגן אַ סך דאָרט שלאָפן אפילו.

רייכע יידן פלעגן טראָגן קליידער פון פיינע געוואַנטן פון פאַרשיידענע קאָלירן. באַזונדערס שטאַרק פלעגן זיך פוצן די רייכע פרויען. זיי פלעגן אָנהענגען אויף זייערע סאַנדאַלן גלעקלעך אָדער בלעכלעך פון מעטאַל, זיי פלעגן טראָגן אויערינגלעך, בראַנזלעטן, קייטעלעך און אַנדערע צירונגען. אַ סך פון זיי פלעגן זיך ניט נאָר שמירן מיט שמעקנדיקע אייַלן, נאָר זיי פלעגן אויך פודערן זיך און פאַרבן די ברעמען. אייניקע האָבן געהאַט מעטאַלענע שפיגעלעך.

יידן פלעגן פרי חתונה האָבן. ס'פלעגט טרעפן אָפטמאָל, אַז אַ בחור פון 18 יאָר פלעגט חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון 12 יאָר. אַלץ זעלטענער פלעגן טרעפן פאַלן, ווען יידן האָבן גענומען עטלעכע ווייבער. דער מנהג צו געבן דעם פאָטער און די ברידער פון דער כלה אויסקויף-געלט איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן; איצט האָט מען דער כלה אָנגעהויבן געבן נדן. ביי די תנאים פלעגט די כלה באַקומען פון חתן אַ רינג אָדער אַן אַנדער צירונג; די חתונה פלעגט מען אָפטמאָלס אָפּריכטן ערשט אין אַ יאָר אַרום. די חתונה פלעגט געדויערן זיבן טעג און פלעגט אָפּגעריכט ווערן מיט פיל פרייִלעכקייט. די קרובים און איינגעלאַדענע געסט פלעגן עסן, טרינקען און זיך משמח זיין; אפילו בכּבודיקע זקנים פלעגן גיין אַ טאַנץ פאַר חתן-כלה.

אויף לויות פלעגן יידן שטאַרק וויינען און קלאָגן. דעם מת פלעגט מען אַריינלייגן אין מטה און אַוועקטראָגן אויף די הענט. מקבר זיין די מתים פלעגט מען אויסערן שטאָט. און ביזן קבר פלעגן אים באַלייטן די קרובים, וואָס פלעגן וויינען אויפן קול, רייסן אויף זיך די קליידער און באַשיטן דעם קאָפּ מיט שטויב. אויף לויות פלעגט מען דינגען באַזונדערע ווייבער קלאָגערינס, וואָס פלעגן מיט זייערע יללות פאַרהילכן דעם געוויין פון די

קרובים. אויפן קבר פלעגט מען שטעלן א שטיין אדער א מצבה; רייכע יידן פלעגט מען מקבר זיין אין געמויערטע היילן. נאך דער לויה פלעגן די ברידער און שוועסטער, זין און טעכ־טער, און עלטערן פון פארשטארבענעם זיבן טעג נאכאנאנד ניט אנטאן קיין שיך און זיך ניט וואשן (שבעה), און אין משך פון 30 טעג (שלשים) ניט אנטאן קיין נייעם בגד. די גאנצע צייט פון שבעה פלעגן קומען צו די אבלים קרובים און גוטע פריינד, בכדי זיי צו טרייסטן (מנחם־אבל זיין).

## דאס גייסטיגע לעבן און די איסיים.

אין דער צייט פון דער רוימישער אויבערהערשאפט זיינען יידן, פונקט ווי פריער, געווען שטארק איינגעטאן אין אמונה־זאכן. די רעליגיע האט אויך איצט פארנומען א גרויסן ארט אין לעבן פון פאלק, און שטארק איז געווען דער גלויבן אין א ליכטיקער צוקונפט. כמעט אין אלע יידישע שטעט זיינען גע־ווען בתי־כנסיות אדער סינאגאגעס, דאס איז טייטש פארזאמ־לונגס־הייזער, וואס דארט פלעגן יידן זיך צונויפקלייבן, בכדי מתפלל צו זיין און צו לייענען די תורה. אין איטלעכער סינא־גאגע איז געשטאנען אן אלמער מיט די הייליקע ספרים (תיבה, ארון הקודש), און עס איז געווען אויסגעבויט א בימה, פון וואנען מען פלעגט זאגן די דרשות און לייענען די תורה; דאס פלעגן טאן די ארטיקע איינוואוינער איטלעכס מאל אן אנדערער; קיין כהנים זיינען אין די סינאגאגעס געוויינטלאך ניט געווען.

אין ירושלים האט זיך געפונען די העכסטע שול, אדער בית־המדרש, וואו געלערנטע חכמים פלעגן זיך פארנעמען מיט אויס־טייטשן די תורה און לערנען מיט תלמידים די כתבי הקודש מיט פירושים. די סופרים, וואס האבן געלערנט די תורה, זיינען גע־ווען שטארק חשוב ביים פאלק און האבן געהאט א גרויסע דעה

ביי יידן. אַ באַזונדערס גרויסן שם האָט געהאַט מיט זיין גע־לערנטקייט, פרומקייט און גוטסקייט דער געלערנטער הלל.

לויט ווי מיר וויסן, איז הלל געבוירן געוואָרן אין בבל. ער איז יונגערהייט אַוועק פון דער היים און געקומען קיין ירושלים, ווייל ער האָט געוואָלט דאָרט לערנען תורה. ער האָט גע־שטאַמט אפילו פון אַ גרויסן יחוס, נאָר ער איז געווען אָרעם און האָט זיך קוים מפרנס געווען מיט טאָג-אַרבעט. אין דער פרייער צייט האָט ער געלערנט תורה און פלעגט פליסיק באַזוכן דעם בית-המדרש און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערן צו די רייד פון זיינע רביים.

עס האָט געטראָפן אַמאָל, אַז הלל האָט ניט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן אַריינגאַנג אין בית-המדרש. נאָר ער האָט ניט געוואָלט דורכלאָזן דעם שיעור און איז אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, בכדי צו הערן דאָס לערנען דורכן פענסטער פון אויבן. די מעשה האָט געטראָפן ווינטער, און באַלד האָט דער שניי פאַרשאָטן הללן, נאָר ער האָט די קעלט מיטן שניי ניט גע־פילט, אַזוי שטאַרק איז ער געווען אַריינגעטאָן אין לערנען. אין דער פרי האָט מען אים געפונען אַ האַלב-פאַרפרוירענעם אויפן דאַך און מען האָט אים קוים אָפּגעמינטערט.

מיט דער צייט איז הלל געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין עניוות און גוטסקייט. ער האָט געוואָלט האָבן, אַז אין דער יידישער אמונה זאָלן זיין וואָס ווייניקער צערעמאָניעס, און האָט געהאַלטן, אַז דער עיקר איז אַ גוטע כוונה און די גוטע אויפפירונג פון מענטשן. ער פלעגט זאָגן, אַז דער עצם מהות פון דער תורה באַשטייט אין אָט דעם גלייכוואָרט: „וואָס דיר איז ניט ניחא, אַז עמיצער זאָל דיר טאָן, זאָלסטו אויך דיין חבר ניט טאָן" (מה דעלך סני לא תעבד לחברך).

בכלל איז ביי יידן אין יענער צייט שטאַרק געווען דער פאַרלאַנג צו דערגיין, ווי אַזוי דינט מען בעסער צו גאָט און ווי אַזוי דאַרף מען זיך אויפפירן בנוגע צו מענטשן. גאַנצע חברות פלעגן אויפקומען, וואָס פלעגן ביי זיך איינשטעלן פאַרשיידענע כללים, ווי אַזוי אַ מענטש האָט צו לעבן אויף דער וועלט, אַז עס זאָל זיין רעכט פאַר גאָט און שיין פאַר לייטן. אַזאַ חברה זיינען געווען די כּתּה פון די איסיים. די איסיים האָבן ניט געשטרעבט צו מאַכט, עשירות און כבוד. זייער פאַרלאַנג איז געווען אָפּצוהיטן ריכטיק די תורה און איינשטעלן זייער לעבן אַזוי, ווי דאָס פאָדערט די יידישע אמונה.

אין ערשטן יאָרהונדערט נאָך דער קריסטל. צייט זיינען געווען ביז 4000 איסיים. אייניקע פון זיי האָבן געוואוינט צעשפּרייט צווישן אַנדערע יידן אין שטעט און דערפער. נאָר דער גרעסטער רוב פון די איסיים האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אין בשותּפישע דירות, אָן ווייבער און קינדער. זיי האָבן זיך אויפגעפירט זייער שטרענג און פלעגן אַרבעטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אויף דער נאַכט; זייער הויפּט-באַשעפטיגונג איז געווען ערד-אַרבעט; זיי האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מלאכות, נאָר פאַרבאָטן איז ביי זיי געווען אויסצואַרבעטן כלי-זיין און אַנדערע זאַכן, וואָס קאָנען שעדיקן מענטשן. מיט מסחר זיך פאַרנעמען האָבן זיי ניט געטאָרט.

די איסיים האָבן געמוזט אָן טענות פאָלגן אַלצדינג זייערע עלטסטע. אַלצדינג איז געווען ביי זיי בשותּפות, אפילו די קליידער. זייערע קליידער פלעגן זיי טראָגן, ביז עס פלעגן ווערן אין זיי לעכער; עסן פלעגן זיי ווינציק ביז גאָר. אינדערפרי פלעגט ביי זיי זיין אַ שותּפותדיקע סעודה, און דערנאָך פלעגן זיי זיך נעמען פאַר דער אַרבעט און האָרעווען ביז האַלבן טאָג. דערנאָך פלעגן זיי זיך טובלען, אָנטאָן ווייסע קליידער און זיך צו-

נויפקלייבן צו דער סעודה. שטיל, אָן ווערטער פלעגן זיי זיך זעצן צום טיש, און דער בעקער און קוכער פלעגט שטעלן פאַר איטלעכן ברויט און אַ שיסל מיט געקעכץ. דער עלטסטער פלעגט זאָגן אַ תפלה, און די מסובים פלעגן שווייגנדיק נעמען זיך עסן. נאָכן עסן פלעגט מען ווידער זאָגן אַ תפילה. די איסיים פלעגן אויסטאָן פון זיך די ווייסע קליידער און ווידער זיך פונאַנדערגיין צו דער אַרבעט ביזן אָוונט. נאָך דער אָוונט-סעודה פלעגן זיי זיך ווידער טובל זיין און לייגן שלאָפן. אַזוי פלעגן די איסיים פאַרברענגען אַלע זייערע טעג.

נאָך מער, איידער די ריינקייט פון גוף, האָבן די איסיים גע־קלערט וועגן דער ריינקייט און ליכטיקייט פון די געדאַנקען און וועגן דער רעכטשאַפנקייט פון די מעשים. ניט איטלעכער איז געווען מסוגל אויסצוהאַלטן אַזאַ לעבן פון אַרבעט און סיגופים, דערפאַר טאַקע פלעגט מען פריער אויספּרובן די וואָס פלעגן ווילן אָנקומען אין דער חברה איסיים. אין אַ יאָר אַרום פלעגן זיי באַקומען ווייסע קליידער און פאַרטוכער אויף אָנצוטאָן ביי דער טבילה. אמתע חברים פון דער כתה פלעגן די אָנגעקומענע ווערן ערשט אין דריי יאָר אַרום.

## 5.

# דער אויפשטאַנד פון די יידן קעגן דער איבערהערשאַפט פון די רוימער

(73—66).

## קיניג אַגריפּס II און די ערשטע סימנים פונ׳ם אויפשטאַנד.

לויט דער באַשטימונג פון דער רוימישער רעגירונג האָט אַגריפּוס זיבצניעריקער זון, אַגריפּס II, געירשנט דעם קי־ניגלעכן טיטל; נאָר די פאַרוואַלטונג איבער מלכות־יהודה איז ווידער איבערגעגעבן געוואָרן צו פּראָקוראַטאָרן. אַגריפּס II האָט באַקומען אַ רוימישע ערציאונג און פלעגט מיט מער חשק זיצן ביים רוימישן הויף, איידער אין ירושלים. מיט זיין גאַנצן לעבן און מיט זיין גדולה איז ער געשטאַנען אין רשות פון רוי־מישן קיסר, און דערפאַר האָט ער געזוכט די גוט־פריינדשאַפט פון די רוימער. אַגריפּס האָט אָפּגעהיט די יידישע אמונה און איז געווען שטענדיק גרייט זיך איינצושטעלן פאַרן פאָלק. נאָר ער איז געווען קעגן די שטרעבונגען פון די יידן אָראָפּצוואַרפן פון זיך דעם רוימישן יאָך און צו פירן אַ פריי לעבן.

אין דערזעלביקער צייט איז דעם יידישן פאָלק אַלץ שווע־רער געוואָרן איבערצוטראָגן די ממשלה פון די רוימער. די רשעות פון די פּראָקוראַטאָרן איז אַלץ גרעסער געוואָרן; עס האָט געקאָנט אויסווייזן, אַז זיי זיינען צווישן אַנאַנד געגאַנגען אַ געוועט, ווער פון זיי וועט מער בארויבן דאָס פאָלק און אים אָנטאָן מער צרות. אומרוען האָבן כמעט ניט אויפגעהערט. ס׳איז געוואָרן אַלץ באַשיינפּערלעך, אַז די געדולד פון די יידן

גייט אוים, אז באלד וועט אויסברעכן אן אויפשטאנד, וואס וועט ארומנעמען גאנץ יהודה. נאר די רוימישע רעגירונג האט גאר־נישט ניט געטאן, בכדי איינצוהאלטן דעם ווילדווילן פון די פראָ־קוראטארן, און יענע ווידער האבן לחלוטין ניט געשווינט די גע־פילן פון די יידן און האבן ניט פארזאמט קיין געלעגנהייט, בכדי זיי צו באליידיקן.

מיט א באזונדערער אומפארשעמטקייט האט זיך אויסגע־צייכנט דער פראקוראטאר געסיוס פלארוס. די פריערדיקע פראָ־קוראטארן האבן פאטאקעוועט גנבים און רוצחים, באפרייט זיי פון תפיסה, געטיילט זיך מיט זיי די גנבות און גזלות, גענומען שוחד און אויסגעפרעסט פון פאלק, וואס זיי האבן נאר געקאנט. פלארוס האט זיי אלעמען אריבערגעשטייגט; ער האט זיך ניט אפגעשטעלט פון בארויבן די אוצרות פון בית-המקדש און האט געפאדערט, אז מען זאל איהם ארויסגעבן 17 טאלענט גאלד.*) נאר די מאס פון פאלקס געדולד איז שוין געווען פול, ביים בית-המקדש האט זיך צונויפגעקליבן א גרויסער המון מענטשן. עס האבן זיך געלאזט הערן פון אלע זייטן זידלערייען און חוזק־רייד. ס'האבן זיך געפונען קאטאוועס-טרייבער, וואס האבן גע־נומען פושקעס, ארומגעגאנגען צווישן עולם און געבעטן א נדבה פארן „ארעמען, אומגליקלעכן פלארוסן". — אט דער קאטאוועס האט די איינוואוינער טייער געקאסט.

געסיוס פלארוס האט אט די באליידיקונג ניט געקאנט מוחל זיין און האט געקלערט נאר, ווי אזוי זיך נוקם צו זיין אן די יידן.

אין מאי פון יאר 66 איז ער געקומען קיין ירושלים מיט א מחנה זעלנער. דער כהן-גדול און ירושלימער גדולים האבן זיך געפלייסט איינצושטילן דעם פראקוראטארס כעס, נאר זיי האבן גארנישט ניט געפועלט: ער איז געווען הארט, ווי א שטיין.

---

*) א טאלענט גאלד באטרעפט אויף אונזער געלט אן ערך 13,000 דאלער.

לויט זיין באַפעל, האָבן די רוימישע זעלנער גענומען ראַבעווען און הרגענען די איינוואוינער פון ירושלים. אין דער זעלביקער צייט איז פלאָרוס געזעסן אויף זיין שטול פאַרן פּאַלאַץ, און פאַר זיינע אויגן האָט מען דאָרט גופא אויפן פּלאַץ אַ סך חשובע יידן געשמיסן און אויפגעהאַנגען אויף קרייצן. דערנאָך האָט דער פּראָקוראַטאָר געפאָדערט, אַז די איינוואוינער פון ירושלים זאָלן באַגעגענען מיט פּאַראַד דעם רוימישן חיל, בכדי דורכדעם צו באַווייזן זייער אונטערטעניקייט.

דאָס פאָלק האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן צו פאָלגן פלאָרוסעס פאַרלאַנג. נאָר די כהנים און עלטסטע, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ נייער שחיטה, האָבן געמיט זיך צורעדן די אידן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. די כהנים האָבן אַלעמען צונויפגערופן אין בית-המקדש אַריין און האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און געבעטן זיך, אַז דאָס פאָלק זאָל נאָכגעבן דעם פּראָקו- ראַטאָר, בכדי צו ראַטעווען דעם בית-המקדש, ער זאָל ניט ווערן אויסגערויבט. גערירט פון דעם געבעט פון די כהנים, זיינען די איינוואוינער פון ירושלים, אָנגעטאָן אין יום-טובדיקע בגדים, אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן דעם רוימישן חיל און באַגריסט אים פריינדלעך. נאָר לויט פלאָרוסעס באַפעל האָבן די רוימישע זעלנער אויף דער באַגריסונג ניט געענטפערט. די יידן זיינען דעריבער געוואָרן אויפגעבראַכט און האָבן אָנגעהויבן זידלען דעם פּראָקוראַטאָר. דעמאָלט האָבן זיך די זעלנער אַ לאָז גע- טאָן אויף זיי און גענומען זיי אויסהרגענען.

האָבן די יידן זיך געלאָזט לויפן צוריק אין שטאָט אַריין, נאָר די רוימישע רייטער האָבן זיי נאָכגעיאָגט, און אַ סך יידן זיינען געוואָרן צעטראָטן אונטער די פערדס פיס.

נאָר די איינוואוינער פון ירושלים זיינען באַלד געקומען צו זיך און האָבן גענומען פאַרטיידיקן זיך קעגן די רוימער. אַ סך האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די דעכער פון זייערע הייזער און

גענומען שיטן אויף די זעלנער פיילן, אנדערע ווידער האבן זיך אוועקגעלאזט אין בית-המקדש, בכדי אים צו באשיצן. אז פלאָרום האט דערזען, וואס פאר א טומל ער האט דא אנגעמאכט, און האט פארשטאנען, אז דער קליינער רוימישער חיל וועט גארנישט ניט קאנען אויפטאן אנטקעגן די איינוואוינער פון ירושלים, איז ער אוועק פון דארט קיין קיסריא.

באלד נאכדעם איז קיין ירושלים אנגעקומען קיניג אגריפס. ער האט צונויפגעקליבן דאס פאלק אויפן פלאץ פאר זיין פאלאץ און האט געהאלטן א לאנגע רעדע פאר זיי, וואו ער האט זיי איבערגערעדט אונטערגעבן זיך אונטער דער ממשלה פון רוימישן קיסר, וואס איז א מעכטיקער מושל, און א סך לענדער און פעלקער זיינען אים אונטערטעניק. דעם קיניגס רעדע האט געמאכט א גרויסן רושם. א סך זיינען געווען גרייט זיך אונטערצוגעבן אונטער דער רוימישער רעגירונג. און מען האט אומעטום אנגעהויבן צאלן צינז. נאר אגריפסן איז דאס געווען נאך ווינציק: ער האט געפאדערט, אז די יידן זאלן, ווי פריער, זיך אונטערגעבן פלארוסן. נאר אט דער פארשלאג האט ארויסגערופן א מורא'דיקן כעס ביים פאלק. מען האט דעם קיניג גענומען אויסלאכן, באווארפן אים מיט שטיינער, און ער האט געמוזט אפפארן פון ירושלים מיט גארנישט.

## דער נצחון פון די קנאים.

צווישן יידישן פאלק זיינען שוין לאנג געווען א פארטיי קנאים, וואס זייער איינציקער פארלאנג איז געווען צו באפרייען דאס לאנד יהודה פון רוימישן יאך. די קנאים זיינען אבער געווען ניט קיין סך; דער גרעסטער רוב פון פאלק האבן געהאלטן, אז פון די אלע חלומות וועט גארנישט ניט ארויסקומען, און אז פירן מלחמה מיט דער מעכטיקער רוימישער אימפעריע איז ניט

פאר די כוחות פון קליינעם יידישן פאלק. איצט אבער, נאכ־דעם ווי דער פראקוראטאר געסיוס פלארוס האט מיט זיינע נגישות געהאט אזוי שטארק צערייצט דאס פאלק, האבן אלץ מער מענטשן אנגעהויבן צושטיין צו די קנאים, וואס האבן גע־רופן דאס פאלק צו אן אויפשטאנד. אין אויגוסט פון יאר 66 האט דער אנפירער פון די קנאים, אלעזר בן חנניה געפועלט, אז מען זאל אויפהערן מקריב צו זיין דעם קרבן פארן קיסר. דאס איז געווען אזוי ווי א סיגנאל, אז דער אויפשטאנד האט זיך אנ־געהויבן.

די עלטסטע כהנים און די ירושלימער שרים האבן געפרובט צורעדן אלעזרן, ער זאל זיך אפזאגן פון זיין באשלוס, נאר ער איז געבליבן פעסט אין זיין דעה. האבן די שרים גערופן צו הילף דעם קיניג אגריפס, ער זאל קומען מיט זיין חיל און פאר־טרייבן די קנאים. נאר אגריפסעס זעלנער זיינען געווען צו שוואך אויף צו טאן עפעס קעגן די מורדים. סוף כל סוף האבן די קנאים גובר געווען, און, בכדי צו שטילן דעם כעס, האבן זיי פארברענט אגריפסעס פאלאץ, דעם כהן־גדולס הויף און אויך דאס הויז, וואו עס זיינען געלעגן אלע חוב־קוויטן, בכדי דורכדעם צו באפרייען די ארימע לייט פון צו באצאלן זייערע חובות.

מער פון א חודש צייט איז די יידישע הויפטשטאט געווען אין רשות פון די קנאים. פלוצים זיינען זיי געוואר געווארן, אז עס גענענט צו ירושלים דער פארוואלטער פון סיריע מיט א רוימישן חיל. די יידן זיינען ארויס קעגן אים און זיינען אנגע־פאלן מיט אזא אימפעט אויף די רוימער, אז זיי האבן זיי אינ־גאנצן צעטומלט און פארטיליקט א טייל פון זייער חיל. דערנאך האבן די קנאים פארנומען אלע וועגן און די בערג און געשטערט דער באוועגונג פון רוימישן חיל. נאר די רוימער האט זיך פארט איינגעגעבן צוצוקומען ביז ירושלים. פאר די מויערן פון שטאט זיינען פארגעקומען געשלעגן, און די רוימער זיינען געווארן בא־

זיגט. האָט דער פאַרוואַלטער געמוזט אָפּטרעטן, און די קנאים האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן אים אָן אָפּהאַלט. צולעצט האָבן די רוימער זיך געלאָזט לויפן, און די יידן האָבן פאַרכאַפּט זייערע וואַרף-מאַשינען און באַלעגערונגס-געצייג.

אָט דער גרויסער נצחון האָט אָנגעמאַכט אַ שמחה ביים גאַנצן פאָלק. איצט זיינען אפילו די יידישע גדולים צוגעשטאַנען צו די קנאים, און די געטרייע אָנהענגער פון די רוימער זיינען אַנטלאָפן פון ירושלים. נאָר אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה הויבט זיך ערשט אָן, אַז די געוואונענע פרייהייט וועט מען מוזן פאַרטיידיקן אין אַ לאַנגן בלוטיקן קאַמף. האָט מען דעריבער געמוזט גרייטן זיך און איינשטעלן אָרדענונג אין לאַנד. די הנהגה האָבן גענומען אויף זיך די שרים און כהנים, און די קנאים האָבן זיי ניט געשטערט דערין. אין בית-המקדש איז זיך צונויפגעקומען אַ פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וואו עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אָנפירער, וואָס אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן דער חוב צו פאַרטיידיקן די פּראָווינצן.

אין דער זעלביקער צייט האָבן אויסגעבראָכן בלוטיקע געשלעגן אין קיסריא, עכו און אַנדערע שטעט פון פּאַלעסטינע און סיריע צווישן די יידישע און היידנישע איינוואוינער. דעריבער האָבן ביידע צדדים אַרויסגעוויזן גרויס אכזריות. דאָרט, וואו די היידן זיינען געווען מער, האָבן זיי זיך געפלייסט צו פאַרטיליגן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, ניט געשוינט ניט קיין אַלטע לייט, ניט קיין קינדער; דאָרט ווידער, וואו די יידן זיינען געווען שטאַרקער, זיינען זיי זיך באַגאַנגען מיט די היידן ניט בעסער. אומעטום האָט מען געקוילעט און באַרויבט איינער דעם אַנדערן.

# דער אויפשטאַנד אין גליל.

פאַרן אויבערשטן אָנפירער איבער גליל איז אויסגעקליבן געוואָרן יוסף בן מתתיהו. זייער אַ שווערע און וויכטיקע אויפגאַבע איז אויף יוספן אַרויפגעלייגט געוואָרן, וואָרים קיין גליל האָט געדאַרפט קומען דער רוימישער חיל צוערשט. יוסף האָט גענומען צוגרייטן זיך צו דער מלחמה. קודם כל האָט ער איינגעשטעלט די אינווייניקסטע אָרדענונג אין לאַנד. ער האָט געגרינדעט אַ סנהדרין פון 70 עלטסטע און האָט באַשטימט אין אַלע שטעט פון גליל אָרטיקע בתי־דינים. דערנאָך האָט ער זיך גענומען גרייטן צו דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד; ער האָט באַפעסטיקט די שטעט מיט מויערן און גראָבנס, צונויפגעקליבן חיל, פאַרזאָרגט אים מיט געווער און געלערנט אים תכסיסי־מלחמה. אַ העלפט פון די איינוואוינער האָט אויך ווייטער זיך פאַרנומען מיט זייער פרידלעכער אַרבעט, בכדי צו פאַרזאָרגן דעם חיל מיט אַלע נייטיקע זאַכן.

אין פרי־יאָר פון יאָר 67 איז דער רוימישער קריגס־הויפּטמאַן פלאַוויוס וועספּאַסיאַנוס (אספסינוס) אַריינגעדרונגען אין גליל און האָט אָנגעהויבן איינגעמען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. אַ דאַנק זייער קריגס־קונסט האָבן די רוימער אומעטום גובר געווען און האָבן אָן רחמנות זיך אָפּגערעכנט מיט די באַזיגטע. נאָר די נצחונות זיינען זיי ניט גרינג אָנגעקומען. די איינוואוינער פון גליל האָבן זיך פאַרטיידיקט, ווי די העלדן, און ביי דער באַלעגערונג פון די גלילער פעסטונגען זיינען אומגעקומען ניט ווינציק רוימישע קריגסלייט. באַזונדערס האַרטנעקיג האָבן זיך פאַרטיידיקט די איינוואוינער פון דער שטאָט יודפת.

יודפת איז געלעגן אויף אַ הויכן פעלזן־באַרג און געווען אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט טיפע אָפּגרונטן. און ס׳האָט

אויסגעדוכט, אַז צו איר קאָן מען ניט צוטרעטן. מחמת דעם האָבן זיך אָנגעקליבן אַהין די איינוואוינער פון די אַרומיקע שטעט און דערפער, און אַלע האָבן זיך געגרייט אָפּצוטרייבן דעם שונא. האָבן די רוימער אָנגעשאָטן אַ הויכן ערדוואַל און אויפגעשטעלט וואַרף־מאַשינעס און געהאַפּט אין גיכן איינצו־נעמען די פעסטונג. נאָר קליינע הייפלעך יידן פלעגן אַלע ווײַלע אָנפאַלן אויף זיי פון דער פעסטונג און פאַרברענען די בנינים פון די רוימער.

וואָס גרעסער די סכנה איז געוואָרן, אַלץ דרייסטער זײַנען געוואָרן די באַלעגערטע. נאָר די רוימער האָבן זיך אויך ניט געלאָזט אָפּשרעקן. ניט געקוקט אויף זייערע גרויסע אָנווערן, האָבן זיי דערפירט די באַלעגערונגס־אַרבעטן ביזן סוף און גענו־מען שטורעמען די שטאָט. אַז אַלע וואַרף־מאַשינעס האָבן מיט אַמאָל אויסגעשאָסן, האָבן די מויערן פון שטאָט אַ ציטער גע־טאָן. אַז יוסף האָט געזען, אַז אַלע מאַשינעס שיסן רק אין איין ציל, בכדי אין יענעם אָרט דורכצוברעכן אַ לאָך אין מויער, האָט ער געהייסן אָנפילן זעק מיט שטרוי און אַראָפּלאָזן זיי אויף דעם אָרט, בכדי דורכדעם אָפּצושוואַכן דעם כוח פון די קלעפּ. אַז די רוימער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין אַן אַנדער אָרט, זײַנען די יידן אַרויסגעלאָפן פון דער פעסטונג, אָנגעפאַלן אויף די באַלע־גערונגס־מאַשינעס און אונטערגעצונדן זיי.

ס׳זײַנען פאַרביי אַזוי עטלעכע וואָכן. די איינוואוינער פון יודפּת האָבן אפילו ניט געקלערט זיך אונטערגעבן. די רוימער ווידער זײַנען נאָך מער געווען אויפגערייצט דורך דעם ווידער־שטאַנד, און שטאַרק איז געווען זייער פאַרלאַנג איינצונעמען וואָס גיכער די פעסטונג. די רוימער האָבן געשאָסן אויף די מויערן פון שטאָט שווערע שטיינער, און די יידן האָבן געוואָרפן אויף די רוימער ברענענדיקע שייטן האָלץ, שטיקער אײַזן און שטיינער. די באַלאַגערונגס־מאַשינעס האָבן אַראָפּגעריסן טור־

רעמס און אַלץ מער איינגעבראָכן די שטאָטישע מויער. יידן זיינען הונדערטערוויז געפאַלן פון די שונאימס פיילן און וואַרף־שטיינער. די קלאַפעריי פון די מאַשינעס און די פייפעריי פון די פיילן האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קריגס־געשרייען פון די רוימער, מיט די יללות פון די ווייבער און קרעכצן פון די שטאַרבנדיקע.

איין מאָל אין דער פרי האָט אספסינוס געפירט זיין חיל אויף א שטורעם. ער האָט אָפּגעקליבן די מוטיקסטע זעלנער, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און באַפוילן זיי זיך אריינצורייסן אין פעסטונג איבער לויטערס און ציה־בריקן. ווי נאָר עס האָבן א הילך געטאָן די קלעפּ פון די מאַשינעס און די קריגס־געשרייען פון די באַלאַגערער, האָבן די יידן זיך א וואָרף געטאָן אנטקעגן די שונאים איבער די ציה־בריקן, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א בלוטיקער געשלעג. די יידן און די רוימער האָבן זיך געשלאָגן מיט א גלייכער גבורה. נאָר אויפן אָרט פון די געפאַלענע רוימישע זעלנער פלעגן באַלד צוקומען נייע, די יידן אָבער האָבן ניט געהאַט קיין פרישן חיל, בכדי צו פאַרבייטן די געפאַלענע.

היות ווי די יידן האָבן געוואוסט, אז זיי האָבן ניט צו וואַרטן אויף קיין רחמנות מצד די רוימער, דעריבער האָבן זיי געקלערט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי טייערער אָפּצוגעבן זייער לעבן, און האָבן געקעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. בכדי אויסצוהרגענען וואָס מער רוימער, פלעגן זיי באַגיסן די זעלנער מיט זודיגן בוימל. קעגן דעם האָבען ניט געקאָנט באַשיצן ניט קיין פאַנצערס, ניט קיין קיוועראס, און אין מוראדיקע עינויים פלעגן די רוימישע זעלנער אראָפּפאַלן פון די בריקן אין אָפּגרונט אריין און צעקלאַפּט ווערן אויף טויט.

נאָר דאָס אלץ האָט דעם אָנפאַל פון רוימישן חיל ניט אָפּגעשטעלט. צולעצט האָט זיך די רוימער איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן די פעסטונג. איין מאָל ביינאַכט, ווען די וועכטער אויף

די מויערן זיינען פון מידקייט איינגעשלאָפן, זיינען עטליכע רוי־מישע זעלנער אַרויף אויף די מויערן, אויסגעקוילעט די וועכטער און געעפענט די טויערן פון שטאָט. די איינוואוינער פון יודפת זיינען געשלאָפן, איינגעמאַטערט נאָכן שווערן טאָג. ווי נאָר די רוימער זיינען אריין אין שטאָט, האָבן זיי גענומען אויסקוילען אַלעמען, ווער עס איז נאָר אריינגעפאַלן צו זיי אין האַנט. דאָ איז שוין קיין שום ווידערשטאַנד ניט מעגלעך געווען. בכדי זיך ניט אונטערצוגעבן די שונאים, האָבען א סך יידן דערשטאָכן איינער דעם אַנדערן, און א סך האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט אַריין. די רוימער האָבן אויסגעהרגעט אַלע מאַנס־בילן, און די פרויען און קינדער גענומען געפאַנגען.

# יוסף פלאַוויוס

יוסף בן מתתיהו, דער אויבערשטער אָנפירער פון גליל, האָט געשטאַמט פון א משפחה פון כהנים און איז געווען א קענער אין די הייליקע ספרים. אין יאָר 64 איז ער געווען געשיקט מיט נאָך חשובע יידן אין שליחות צום רומישן קיסר און האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר אין רוים. דאָרט האָט ער זיך גוט צוגעקוקט צום לעבן פון די רוימער און איז געוואָרן שטאַרק נתפעל פון דעם. ער האָט איינגעזען, אז קעגן זייער מאַכט און גרויסקייט קאָן קיין פאָלק ניט באַשטיין, און אַז זיי וועלן געוועלטיקן איבער אַלע לענדער.

מיט אָט דער איינזעעניש איז יוסף געקומען צופאָרן אהיים גראָד אין יענער צייט, בעת גאַנץ יהודה איז געווען פול מיט אויפרעגונג, און מען האָט זיך דאָרט געגרייט צו דער מלחמה קעגן רוים. ער האָט אוודאי ניט געקאָנט זיין אזוי באַגייסטערט ווי די קנאים, און האָט באַדאַרפט זיין קעגן זיי. פונדעסטוועגן האָט מען אים אויסגעקליבן פאר אַן אָנפירער פון



יוסף פלאוויוס

גליל, ווייל אלע האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זיין יחוס, געלערנט־קייט און פאַרשטאַנד. יוסף איז דעמאָלט אַלט געווען סך הכל 28 יאָר.

בעת דער באַלעגערונג פון דער פעסטונג יודפת האָט זיך יוסף דאָרט געפונען. אַז די רוימער האָבן יודפת איינגענומען, האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דאָרט. אינאיינעם מיט נאָך 40 יידן האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ הייל ניט ווייט פון שטאָט. באַלד האָבן די רוימער זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַנטלאָפן געוואָרן, און ארויסגעפונען זיין באַהעלטעניש. האָט אספסינוס געשיקט צו דער הייל צוויי פון זיינע מקורבים, וואָס האָבן אָנגעהויבן צורײדן יוספן, ער זאָל אַרויסגיין פון הייל און זיך אונטערגעבן די רוימער, און האָבן אים צוגעזאָגט דערפאַר צו שענקען אים זיין לעבן. יוסף איז שוין געווען גרייט אָנצו־נעמען דעם פאָרשלאָג פון די רוימער. נאָר די יידן, וואָס זיינען געווען מיט אים אין הייל, האָבן גענומען אים זידלען פאַר זיין פחדנות און געשראָקן אים צו הרגענען. בכדי זיך צו ראַטעווען, האָט יוסף אויפגעטאָן אַזאַ מין פאַלשקייט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער וויל זיך ניט אָפּשיידן פון זיינע חברים אין אומגליק. און האָט זיי פאָרגעשטעלט, זיי זאָלן אויסקוילענען איינער דעם אַנדערן. אַלע, וואָס זיינען געווען אין הייל, זיינען דערויף מרוצה געוואָרן, ווייל זיי איז מער ניחא געווען צו שטאַרבן, איידער צו ווערן געפאַנגען פאַר שקלאַפן און אויס־צושטיין אייביקן שאַנד און שפּאָט. מען האָט באַשטימט צו וואַרפן גורל, ווער עס זאָל ווערן טויטן. און יוסף האָט געמאַכט אַזאַ קונץ, אַז נאָכדעם ווי אַלע זיינען שוין געווען טויט, איז ער געבליבן לעבן מיט נאָך איינעם אַ יידן. דעם לעצטען האָט יוסף שוין געקאָנט איינרײדן, ער זאָל מיט אים אַרויסגיין צו די רוימער און זיך לאָזן נעמען געפאַנגען. האָבן די רוימישע זעל־נער זיי אָפּגעפירט אין זייער לאַגער.

אז מען האָט געבראַכט יוספן צו אספּסינוסן, האָט זיך דער געוועזענער אָנפירער פון גליל געשטעלט זייער הכנעהדיק און גענומען חנפענען דעם רוימישן קריגס-הויפּטמאַן און האָט אים פאַראויסגעזאָגט, אז ער וועט אין גיכן ווערן קיסר פון רוים. אספּסינוסן האָט די דאָזיקע נבואה שטאַרק הנאה געטאָן, און ער האָט יוספן צוגענומען גאָר פריינדלעך; פאָרט אָבער האָט ער אים געלאָזט האַלטן דערווייל געשמידט אין קייטן, פונקט ווי אַלע געפאַנגענע. נאָך דער צוטרוי פון רוימישן קריגס-הויפּט-מאַן צו יוספן איז כסדר געוואַקסן. באַזונדערס גרויס איז געוואָרן אספּסינוסעס פריינדשאַפט צו אים, נאָכדעם ווי יוספס נבואה איז טאַקע מקוים געוואָרן, און אספּסינוס איז געוואָרן קיסר אין רוים. דעמאָלט האָט ער יוספן באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט און גע-מאַכט אים פאַר זיינעם א מקורב. מחמת דעם האָט דער גע-וועזענער אָנפירער געקראָגן דעם צונאָמען פלאַוויוס נאָך דעם פאַמיליען-נאָמען פון זיין געוועזענעם האַר און באַפרייער.

יוסף פלאַוויוס האָט געלעבט לאַנג. ער איז נאָכן חורבן פון דער יידישער מלוכה געזעסן אין רוים און האָט באַשריבן די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין צוויי גרויסע ווערק: „די יידישע מלחמות“ און די „יידישע קדמוניות“. אין די „יידישע מלחמות“ ווערט באַשריבן דער אויפשטאַנד קעגן די רוימער, וואָס א סך געשעהענישן האָט יוסף גופא איבערגעלעבט און געזען מיט זיינע אויגן. אַלע ספרים יוספס, וואָס זיינען גע-בליבן ביזן היינטיקן טאָג, זיינען אָנגעשריבן אין גריכיש.

## ברודער-קריג אין ירושלים און יוחנן פון גוש-חלב

צום סוף פון יאָר 67 איז שוין גאַנץ גליל געווען אין רשות פון די רוימער. און אספּסינוס האָט זיך געלאָזט גיין קיין ירושלים. דער רוימישער חיל האָט כסדר אָפּגעהאַלטן נצחונות

און איינגענומען איין שטאָט פון יהודה נאָך דער אַנדערער. די רוימער האָבן נאָך באַדאַרפט איינעמען די הויפטשטאָט, און דעמאָלט וואָלט דער אויפשטאַנד געווען דערשטיקט. נאָר אומגעריכט איז געשטאָרבן דער רוימישער קיסר, און אספּסינוס האָט דערפאַר אָפּגעהאַלטן זיך פון צו פירן ווייטער די מלחמה. אַ גאַנץ יאָר האָט געדויערט אָט די הפסקה. די איינוואוינער פון ירושלים וואָלטן געקאָנט אויסנוצן אָט די צייט, בכדי זיך גוט צוצוגרייטן צו דער קומענדיקער מלחמה. נאָר צום אומגליק, זיינען אין שטאָט אויסגעבראָכן מחלוקתן, און די יידן האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פיינדלעכע צדדים.

די עיקר-זאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן די מחלוקת, זיינען געווען די מפּלות, וואָס יידן האָבן געליטן אין גליל. נאָכדעם ווי יוסף, דער אָנפירער פון גליל, האָט זיך אונטערגעגעבן די רוימער, האָבן די קנאים איינגעזען בחוש, אַז אויף די יידישע גדולים קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן. עס איז קלאָר געווען, אַז די יידישע שרים לעכצן גאָר ניט אזוי שטאַרק נאָך דער פרייהייט פון יהודה, אַז זיי גלויבן ניט דערין, דער אויפשטאַנד זאָל האָבן הצלחה, און ביי דער ערשטער מפּלה זיינען זיי גרייט זיך אונטערצוגעבן דעם שונא. מען האָט ווידער אָנגעוואָרן דעם צוטרוי צו די גדולים, און ס'איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די אומצופרידנקייט קעגן דער רעגירונג, קעגן אַלע, וואָס שטייען בראש פון פאָלק. דעריבער האָבן די קנאים באַשלאָסן אַראָפּצואוואַרפן פון דער ממשלה די ירושלימער גדולים און אַוועקזעצן אויפן אָרט פון דער פריערדיקער רעגירונג מענטשן פון זייערע אָנהענגער. בראש פון דער באַוועגונג איז געשטאַנען יוחנן פון גוש-חלב.

יוחנן האָט געשטאַמט פון דער גלילער שטאָט גוש-חלב און האָט גענומען אַן אָנטייל אין איר פאַרטיידיקונג. אַז עס איז פאַרשוואונדן די לעצטע האָפענונג צו ראַטעווען די שטאָט פון די רוימער, וואָס האָבן זי באַלאַגערט, איז יוחנן מיט אַ קליינעם

הייפל חברים בשתיקה אַוועק פון גוש-חלב קיין ירושלים. דאָרט איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן יוספן און קעגן די יידישע גדולים און האָט זיך געמיט צו באַווייזן, אַז זיי זיינען בוגדים און פריינד פון די רוימער.

יוחננס רייד האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויפן פאָלק. זיין השפעה איז כסדר געוואַקסן, און אין גיכן איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון די קנאים אין ירושלים. די שנאה צו די גדולים איז געוואַקסן וואָס פון טאָג. די קנאים האָבן געוואָלט באַזייטיקן אַלע מיוחסים פון דער ממשלה, דעריבער האָבן זיי אויסגעקליבן אַ נייעם כהן-גדול פון צווישן פראָסטן עולם.

נאָר די גדולים האָבן ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן מיטן גוטן ווילן. האָבן זיי אויך אָנגעהויבן צו ווענדן זיך צום פאָלק מיט רעדעס, וואו זיי פלעגן באַשולדיקן די קנאים, אַז זיי זיינען עובר אויף איינגעשטעלטע געזעצן, און אַז זיי פירן דאָס פאָלק צו אַ זיכערן אונטערגאַנג. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישען די קנאים און צווישן די אָנהענגער פון דער פריערדיקער רעגירונג. צוערשט האָבן זיי געוואָרפן אויף אַנאַנד שטיינער, דערנאָך האָבן זיי זיך געשאָסן מיט פיילן און צולעצט האָבן זיי זיך גענומען שטעכן מיט שווערדן. די געגנער זיינען געוואָרן אַלץ איינגעשפּאַרטער, און פון ביידע צדדים זיי־נען געפאַלן אַ סך פאַרוואונדעטע און געהרגעטע. סוף כל סוף האָבן גובר געווען די אָנהענגער פון דער רעגירונג, און די קנאים האָבן געמוזט אָפּטרעטן; האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אין בית־המקדש און זיך דאָרט באַפעסטיקט.

די קנאים זיינען איצט געווען אין אַ שווערן מצב, נאָר זיי האָבן ניט אַראָפּגעלאָזט די הענט. זיי האָבן געשיקט שלוחים צו די קריגערישע אדומים און געלאָזט זיי אָנזאָגן, אַז די רע־גירונג און די ירושלימער גדולים גרייטן זיך איבערצוגעבן די שטאָט צו די רוימער. זיינען די אדומים אַריין אין כעס און

זיינען באלד אנגעקומען פאר די מויערן פון ירושלים; נאר די טויערן פון שטאט זיינען געווען פארשלאסן, און מען האט זיי ניט אריינגעלאזט אהין. די זעלביקע נאכט אבער האט אויסגעבראכן א גרויסער שטורעם, און מחמת דעם זיינען די וועכטער פון די טויערן אוועק פון זייער וואך. דעמאלט האבן די קנאים אריינגעלאזט זייערע העלפער אין שטאט אריין, און ס'האט זיך אנגעהויבן א מוראדיקע הריגה.

ביסלעכוויז זיינען געווארן אויסגעהרגעט אלע חשובע געגנער פון די קנאים, צווישן זיי אויך דער געוועזענער כהן-גדול. א טייל פון זיי זיינען באלד געהרגעט געווארן, אנדערע פון זיי האט מען צוערשט אריינגעזעצט אין תפיסה און דערנאך פארמשפט זיי צום טויט. טיילמאל פלעגן די קנאים לאדן זייערע געגנער צום משפט, באשולדיקן זיי, אז זיי האבן אויפטראגן מיט די רוימער. נאכדעם, ווי די אדומים זיינען אוועק פון ירושלים, האבן די קנאים אלץ ניט אויפגעהערט צו הרגענען זייערע שונאים. זיי האבן ארויפגעיאגט אזא שרעק אויף די איינוואוינער פון ירושלים, אז קיינער האט זיך ניט דערוועגט צו ריידן עפעס קעגן זיי. יוחנן האט געהאט א דעה איבער אלץ און האט געוועלטיקט איבערן פאלק, פונקט ווי א קיניג.

## די באלעגערונג פון ירושלים.

אין משך פון אנדערטהאלבן יאר זיינען אין רוים פארגעקומען אינווייניקסטע מהומות, און די יידן זיינען דעמאלט די רוימער ווינציק געלעגן אין זינען. פאר דער צייט האבן זיך אין רוים געביטן דריי קיסרים, און סוף כל סוף איז דער קריגסהויפטמאן אספסינוס אויסגעקליבן געווארן פאר א קיסר. נאכדעם ווי דער נייער קיסר האט געמאכט ארדענונג ביי זיך אין

דער היים, האָט ער באַנייט די מלחמה קעגן ייִדן און האָט געשיקט זיין זון טיטוסן מיט אַ גרויסן חיל קיין ירושלים.

אין פרי־יאָר פון יאָר 70 איז דער רוימישער חיל שוין געשטאַנען ביי די מויערן פון ירושלים. און באַלד האָט טיטוס געמוזט איינזען, אַז דער מוט פון די פאַרטיידיקער פון דער הייליקער שטאָט האָט גאָר קיין גלייכן ניט. פון פאַרשיידענע ייִדישע ישובים זיינען זיך געווען צונויפגעקומען קיין ירושלים עטלעכע הונדערט טויזנט איינוואוינער. די רוימער האָבן נאָך ניט געהאַט באַוויזן אויפצושלאָגן זייער לאַגער, זיינען די ייִדן אָנגעפאַלן אויף זיי מיט אַזאַ אימפעט, אַז די רוימער האָבן זיך געלאָזט לויפן. מיט גרויס מי האָט טיטוסן זיך איינגעגעבן אויפצוהאַלטן די לויפנדיקע זעלנער און אָפּצוטרייבן די אָנפאַלער.

נאָך דער מעשה האָבן די רוימער זיך גענומען גרייטן צו אַ לאַנגער באַלעגערונג פון דער שטאָט. באַלד זיינען אַלע וועלדלעך און סעדער, וואָס זיינען געוואַקסן אַרום דער שטאָט ירושלים, געווען אויסגעהאַקט, און די בוימער זיינען געוואָרן אויסגענוצט אויף בויען וואַלן. די באַלעגערטע האָבן די גאַנצע צייט געמאַכט אַרויספאַלן און געשטערט די באַלעגערונגס־אַרבעטן. פונדעסטוועגן זיינען די וואַלן געוואָרן אויפגעבויט און אויף זיי זיינען געוואָרן אַרויפגעשטעלט מוראדיקע ברעך־מאַשינעס. מיט אָט די באַלעגערונגס־מאַשינעס האָבן די רוימער שוין אין מאַי דורכגעבראָכן די ערשטע מויער און כמעט זי צושטערט. אין פינף טעג אַרום האָבן זיי איינגענומען אויך די צווייטע מויער וואָס הינטער איר האָבן זיך געפונען די שמיד־וואַרשטאַטן, דער וואָל־מאַרק און דער פלאַץ, וואו מען פלעגט פאַרקויפן פאַרטיקע קליידער.

היות ווי די רוימער האָבן אויף קיין ווייטערדיקן ווידערשטאַנד זיך ניט גערעכנט, איז אַן אָפּטיילונג פון זייער חיל רואיק אַריין אין שטאָט; נאָר די ייִדן האָבן באַגעגנט די רוימער מיט

געווער אין די הענט און גענומען שיסן אויף זיי פון די הייזער. האָבן די זעלנער צעטומלט זיך געלאָזט לויפן צום אַרויסגאַנג; נאָר צו צעשטערן האָבן זיי באַוויזן נאָר אַ טייל פון מויער. דערי־בער האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן אַרויסצוקומען מיט אַמאָל פון שטאָט. די ייִדן האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן נאָך די רוימער און אויסהרגענען זיי. נאָר טיטוס איז געשווינד געקומען זיי צו הילף, איז אַ קליינער טייל פון דער אָפּטיילונג גאַנץ געבליבן. באַלד אָבער זיינען די רוימער געקומען צו זיך, גענומען ווידער שטור־רעמען די שטאָט, און אין דריי טעג אַרום איז די צווייטע מויער געווען אין זייערע הענט.

איצטער האָט טיטוס באַדאַרפט נאָך איינגעמען די דריטע מויער, וואָס איז געווען צום מיינסט באַפעסטיקט. נאָר איידער ער איז צוגעטראָטן צו די באַלעגערונגס־אַרבעטן, האָט ער גע־פּרובט צורייידן די ייִדן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. צווישן טי־טוסעס מקורבים האָט זיך געפונען דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון גליל, יוסף פלאַוויוס, און אים האָט טיטוס אויפגעגעבן די שליחות איבערצורייידן די באַלעגערטע, אַז עס איז ניט כדאי ווייטער צו פירן מלחמה. יוסף האָט צוגעזאָגט די ייִדן, אַז טי־טוס וועט זיי מוחל זיין, אויב זיי וועלן זיך מיט גוטן אונטער־געבן, און האָט זיי געגעבן עצות, זיי זאָלן זיך באַטראַכטן, כל זמן עס איז נאָך צייט, און מען קאָן נאָך פאַרהיטן דאָס אומ־גליק. נאָר ער האָט גאָרנישט ניט געפועלט. די ייִדן, וואָס זיי־נען געשטאַנען אויף די מויערן, האָבן געחוזקט פון אים און אפילו געשאָסן אויף אים מיט פיילן.

דערווייל האָבן די רוימער ווייטער געפירט די באַלעגערונג, און אין צוויי וואָכן צייט האָבן זיי אויסגעבויט וואַלן און זיך צו־געגרייט צום שטורעם, אָבער די באַלעגערטע האָבן די וואַלן אונטערגעצונדן. האָבן די זעלנער גענומען אַרויסראַטעווען די באַלעגערונגס־מאַשינעס, נאָר די ייִדן האָבן איינגעשטעלט זייער

לעבן, ארויסגעריסן ביי זיי די מאַשינעס און געשטערט זיי לעשן דעם פייער. אויף אַזאַ אופן זיינען אַ סך מאַשינעס צעשטערט געוואָרן. אָט די מפּלה האָט די רוימער אָפּהענדיק געמאַכט, און ס׳איז ביי זיי אויפגעקומען אַ ספק, צי וועלן זיי גיך פאַרענ־דיקן די באַלעגערונג. אין יוני איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קריגס-ראָט, וואָס אויף אים איז באַשלאָסן געוואָרן ארומצו־רינגלען ירושלים פון אַלע זייטן מיט אַ וואַל, בכדי דורכן הונגער צו צווינגען די איינוואוינער זיך אונטערצוגעבן.

נאָך פריער האָט אין ירושלים אויסגעפעלט עסנוואַרג. אַז די רוימער האָבן אויסגעשטעלט וועכטער אַרום און אַרום, אַזוי אַז מען האָט קיין שום עסנוואַרג ניט געקאָנט צופירן, האָט זיך אָנגעהויבן ממש אַ הונגער. פון שטאָט פלעגן אָפּטמאָלס אַרויס־גיין אָרימע לייט, אַרומבלאָנקן איבער די גריבער און טאָלן, זוכן פאַר זיך צום עסן קרייטעכצער און גראָזן. אָבער על פּי רוב פלעגן די אומגליקלעכע אַריינפאַלן אין די הענט פון די רוימישע זעלנער, וואָס פלעגן זיי שלאָגן און אויפהענגען אויף קרייצן. בכדי איינצושרעקן די באַלעגערטע, זיינען די קרייצן מיט די געהאָנגענע געוווען אויסגעשטעלט פאַרן מויער, און די צאָל פון די געקרייציקטע איז געוואָרן גרעסער פון טאָג צו טאָג.

באַלד האָט זיך די נויט פון הונגער אַריינגעכאַפּט אין די פּאַ־לאַצן פון די ירושלימער גבירים. פאַר אַ קליינעם הייפל מעל האָט מען געצאָלט גרויסע געלטן, אַלץ ווינציקער איז געוואָרן שפּייז אין שטאָט. ווי די שאָטנס, פלעגן די יידן אַרומבלאָנקן איבערן שטאָט מיט אויסגעלאָשענע בליקן און בלאַסע, אָפּגעצערטע פּנימער. בכדי ווי עס איז צו שטילן די יסורים פון הונגער, פלעגן זיי מיט זשעדנעקייט זיך אַרויפוואַרפן אויף אַלע אָפּפאַלן. אַ סך פלעגן פאַלן פון הונגער אין מיטן גאַס. מקבר זיין אַלעמען האָט קיין כוחות ניט געקלעקט, און די מתים פלעגט מען אַראָפּוואַרפן

אין די אָפּגרונטן. פון די פוילנדיקע גופים איז די לופט פאַר־פעסטעט געוואָרן.

נאָר דער הונגער האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם מוט פון די קנאים און פון זייער פירער, יוחנן פון גוש־חלב. ס'איז אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און יידן האָבן אפילו ניט געקלערט אונטער־געבן זיך. אין יולי האָבן די קנאים ווידער געמאַכט אַן אַרוים־פאַל, נאָר די רוימער האָבן זיי צוריקגעטריבן. איצט האָבן זיי באַשלאָסן איינצונעמען דעם שלאָס אַנטאָניאַ, וואָס איז געשטאַ־נען בשכנות מיטן בית־המקדש. האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן די מויערן מיט ברעך־מאַשינעס. די קנאים האָבן געוואָרפן אויף די זעלנער גרויסע שטיינער, ברענענדיקע האָלץ־שייטן, נאָר די רוי־מער האָבן ניט אויפגעהערט אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון די מויערן. נאָך לאַנגער מאַטערניש איז די וואַנט, סוף כל סוף, איינגעפאַלן. נאָר פאַר דער צייט האָבן די יידן שוין געהאַט באַוויזן אויסצובויען אַ נייע מויער.

נאָר די רוימער האָבן מיט פאַרביטערטקייט ווייטער גע־מאַכט זייערע אָנפאַלן אויף דער מויער. אין צוויי טעג אַרום זיי־נען עטלעכע רוימישע זעלנער אַרויפגעקלעטערט אויף דער מויער, אויסגעהרגעט די יידישע שומרים און אַריינגעלאָזט דעם גאַנצן רוימישן חיל אין שלאָס אַנטאָניאַ. זיינען יוחנן און די קנאים אַנטלאָפן אין בית־המקדש; די רוימער האָבן זיך געלאָזט נאָך זיי. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקער געשלעג, און באַלד איז דער גאַנצער פּלאַץ פול געוואָרן מיט הרוגים. צען שעה האָט געדויערט די שלאַכט, ביז די יידן האָט זיך איינגעגעבן אָפּצוטרייבן די רוימער פון בית־המקדש

# דער בית-המקדש ווערט פאַרבּרענט און ירושלים ווערט חרוב.

די קנאים, וואָס האָבּן זיך באַהאַלטן אין בית-המקדש, האָבּן אים שטאַרק באַפעסטיקט. כל זמן עס זיינען נאָך געווען שעפסן אויף צו קוילען, איז די עבודה אין בית-המקדש אָפּגעריכט געוואָרן, ניט געקוקט אויפן הונגער. באַלד אָבּער זיינען אויסגעגאַנגען אַלע שעפסן. אַז טיטוס איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם, האָט ער ווידער אַמאָל פאַרגעלייגט די יידן דורך יוספן זיך אונטערצוגעבּן. נאָר יוחנן האָט דערפון ניט געוואָלט הערן אפילו.

נאָך צוויי וואָכן זיינען אַוועק, און די רוימער האָבּן אַלץ ניט געקאָנט איינבּרעכן די וואַנט פון בית-המקדש. איינמאָל ביינאַכט האָבּן זיי געפּרובּט אַרויפקלעטערן אויפן מויער מיט דער האָפענונג, אַז די שומרים וועלן דעמאָלט שלאָפן. נאָר ווי נאָר די רוימישע זעלנער האָבּן זיך באַוויזן אויפן מויער, האָבּן די שומרים מיט אַ געשריי זיך אַ לאָז געטאָן קעגן זיי, און אויפן געשריי פון די שומרים זיינען זיך צונויפגעלאָפן די איבּעריקע קנאים און גענומען טרייבּן די רוימער צוריק. אין דער פינסטער איז פאַרגעקומען אַ בלוטיקער געשלעג, וואָס אין אים זיינען געפאַלן אַ סך רוימער, אָבּער אויך ניט ווינציק יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז טיטוס צוגעטראָטן צו דער באַלעגערונג פון בית-המקדש. נאָר די יידן האָבּן אַלע ווייַלע געמאַכט דרייסטע אַרויספאַלן און געשטערט די רוימער אין זייער אַרבּעט. נאָר די גבורה פון די יידן האָט זיי ווינציק געהאָלפן. אין חודש אויגוסט זיינען די וואַלן פאַרטיק געוואָרן, און טיטוס האָט געלאָזט בּרעכן די מויערן מיט בּרעך-מאַשינעס. נאָר די ווענט פון בית-המקדש זיינען געווען זייער גראָבּ, אַזוי אַז די בּרעך-מאַשינעס האָבּן זיי ניט געשאַדט. אַז די רוימישע זעלנער אָדער פאָנען-טרעגער האָבּן געפּרובּט אַרויפקלעטערן איבּער

ליטערס אויף די מויערן, האָבן די קנאים זיי אַראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט אַריין.

דעמאָלט האָט טיטוס געהייסן אונטערצינדן די הילצערנע טויערן פון בית-המקדש. אין גיכן האָט דער פייער אַרומגע-כאַפּט אויך די זייטיקע גאַלערייעס. די שרפה האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט און האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט. צו-לעצט האָט אַ זעלנער אַריינגעוואָרפן אַ ברענענדיקן שייט האָלץ אין די אינווייניקסטע חדרים פון בית-המקדש. עס האָבן זיך אָנגעכאַפּט די פאָרהאַנגען און הילצערנע ווענט, און באַלד איז דער בית-המקדש געשטאַנען אין פלאַמען. טיטוס איז אַריין אין קדשי-קדשים און געהייסן אַרויסטראָגן פון בית-המקדש די מנורה און דעם שולחן.

אין דער צייט, וואָס דער בית-המקדש האָט געברענט, האָבן די רוימישע זעלנער אויסגעהרגעט די יידן, וואָס זיינען אַריינ-געפאַלן צו זיי אין די הענט. זיי האָבן ניט געשוינט ניט אַלט און ניט יונג, ניט קיין ווייבער און ניט קיין קינדער. זייערע ווילדע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט אין איין אויעררייסנ-דיקן רעש מיט די יללות פון פאַרוואונדעטע און גסיסה-קרעכצן פון שטאַרבנדיקע. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט גופים פון דערהרגעטע יידן. די רוימישע זעלנער האָבן די גופים געטראָטן מיט די פיס און געגוואַלדעוועט, ווי בלוטדאָרשטיקע חיות.

נאָר ניט דער חורבן בית-המקדש און ניט די טייכן בלוט, וואָס האָבן פאַרפלייצט די הייליקע ערד, האָבן ניט געקאָנט ברעכן דעם העלדנמוט פון די קנאים. אין דעם טומל האָבן יוחנן מיט אַ טייל פון זיינע חברים זיך אַרויסגעכאַפּט פון בית-המקדש און האָבן זיך באַפעסטיקט אין דער „אויבערשטער שטאָט“, וואו זיי האָבן באַשלאָסן זיך צו פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. ערשט נאָך אַ באַלעגערונג פון פינף חדשים האָבן די רוימער איינגענומען גאַנץ ירושלים. זיי האָבן באַלד גענומען



דער בית המקדש ווערט אונטערגעצונדן

רויבן, הרגענען און אונטערצינדן. באלד זיינען אויפן אָרט פון דער הייליקער שטאָט געבליבן ליגן נאָר חורבות; גאַנץ געבליבן איז נאָר אַ טייל פון מויער און דריי טורעמס פון הורדוסעס פאַלאַץ.

אָנגעזעטיקט מיט בלוט, האָבן די רוימישע זעלנער סוף כל סוף אָפּגעשטעלט די שחיטה. די יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט, זיינען געוואָרן געמאַכט פאַר שקלאַפן. צענדליקער טויזנטער יידן זיינען געוואָרן פאַרקויפט אויף די אזיאַטישע מערק אָדער אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מצרים אויף שווערע אַרבעטן. מער ניט יוסף פלאוויוס האָט געפּועלט ביי טיטוסן, ער זאָל פריי לאָזן אַן ערך צוויי הונדערט מאַן פון זיינע קרובים.

און טיטוס איז אַוועק פון ירושלים, געקרוינט מיט נצחון, און איז דורך סיריע און עגיפּטן געקומען קיין רוים. אונטערוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פאַרשיידענע שטעט, און אומעטום אָפּגעריכט ימים-טובים לכבוד זיין נצחון, אין אַלע שטעט, וואוהין ער איז געקומען, האָט ער איינגעאָרדנט גלאַדיאַטאָרן-שפּילן, און טויזנטער געפאַנגענע יידישע יונגע לייט זיינען געוואָרן פאַרצוקט פון ווילדע חיות אויף די צירק-פּלעצער.

אין רוים האָט מען טיטוסן אָפּגעריכט אַ גלענצענדן טריאומף. איבער די גאַסן פון רוים איז געריטן טיטוס, אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור-מאַנטל און באַקרוינט מיט אַן איילבערטן-קראַנץ, און דער גאַנצער המון האָט אים שטורמיש באַגריסט. נאָך אים האָט מען געטראָגן אַ סך טייערע זאַכן, וואָס די רוימער האָבן אַוועקגערויבט פון ירושלים, און אויך די מנורה, דעם גאָלדענעם טיש און אַ ספר תורה, וואָס טיטוס האָט צוגענומען פון בית-המקדש. נאָכן קריגס-רויב איז געגאַנגען דער אָנפירער פון די קנאים, יוחנן פון גוש-חלב, און מיט אים דריי הונדערט יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שיינקייט.

לויט דעם אכזריותדיקן מנהג פון די רוימער, האָט מען צום סוף פון יום־טוב געטויט איינעם פון די ייִדישע אָנפירער.

אין רוים איז אויסגעבויט געוואָרן אַ טריאומף־בויגן לכבוד טיטוסן, און דאָרט זיינען אויסגעמאָלט אייניקע געשעענישן פון דער מלחמה און אויך די גערויבטע חפצים, וואָס זיינען גענומען געוואָרן אין בית־המקדש. דער דאָזיקער טריאומף־בויגן טי־טוסעס שטייט נאָך אין רוים ביזן היינטיקן טאָג.

פון דעם גאַנצן חורבן האָבן זיך נאָר באַוויזן אַרויסראַטעווען אַ טייל קנאים, וואָס האָבן בשום אופן ניט געוואָלט זיך אונטער־געבן. זיי האָבן פאַרנומען דריי ייִדישע פעסטונגען און באַהאַלטן זיך דאָרט. אין פאַרגלייך מיטן רוימישן חיל האָבן די עטלעכע הייפעלעך קנאים קיין שום ממשות ניט געהאַט. פונדעסטוועגן האָט געדויערט גאַנצע דריי יאָר, ביז די רוימער האָבן איינגע־נומען די לעצטע ייִדישע פעסטונגען (אין יאָר 73).

די ייִדן האָבן ניט געשוינט ניט זיך גופא, ניט זייערע ווייבער און קינדער. אין דער לעצטער פעסטונג מצדה זיינען געווען באַלעגערט עטלעכע הונדערט קנאים מיט זייערע משפחות. אַז עס האָט געהאַלטן ביים איינעמען די פעסטונג, האָבן די ייִדן באַשלאָסן בעסער אויסקוילען איינער דעם אַנדערן, איידער אַריינפאַלן אין די הענט פון זייערע שונאים. און פאַטערס האָבן געקוילעט זייערע קינדער, מאַנען זייערע ווייבער, און צו־לעצט זיך אַליין אַרויפגעוואָרפן אויף זייערע שווערטן און גע־שטאָרבן. אַז די רוימער זיינען אַריינגעדרונגען אין מצדה, האָבן זיי שוין קיין לעבעדיקן ייִדן ניט געפונען.

צום אָנדענק פון נצחון איבער די ייִדן האָט מען אין רוים אַרויסגעלאָזט מטבעות, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט אַ פאַרקלאָגטע פרוי מיט געבונדענע הענט, און פון אונטן זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „די באַזיגטע מלכות־יהודה" אָדער „די געפאַנגענע מלכות־יהודה".

## 6.

# מלכות יהודה נאך דער מלחמה מיט די רוימער

(425—73)

## די פרנסות.

נאך דער מלחמה איז ירושלים געווען חרוב און וויסט, ווי א מדבר, און ס'איז שווער געווען זיך אויסצומאלן, אז גאר ניט לאנג איז אויף דעם ארט געשטאנען א גרויסע שטאט מיט פיל טויזנטער איינוואוינער. אין דער געגענט ארום ירושלים האט מען אויסגעטיילט רוימישע זעלנער חלקים ערד, און זיי האבן דארט פארנומען זיך מיט ערד־ארבעט.

דער זעלביקער חורבן איז אויך געווען אויסגעגאסן אויפן לאנד יהודה און אויף גאנץ פאלעסטינע. א סך שטעט זיינען אויסגעליידיקט געווארן פון איינוואוינער, און נאר הויפנס שטיי־נער האבן עדות געזאגט, אז אמאל איז דא א שטאט געווען. אר־מעטום זיינען געלעגן פארלאזטע דירות און פעלדער, פארוואקסן מיט ווילדע גראזן. אין משך פון די זיבן יאר, וואס די יידישע מלחמה האט געדויערט, האבן די פויערים אפגעלאזט זייערע פעלדער, ניט געזייט, ניט געשניטן, און זיינען געווארן לחלוטין בעטלערס.

נאר אז אין לאנד איז שטילער געווארן, האבן די יידן, וואס זיינען געראטעוועט געווארן פון שווערד און הונגער, גענומען זיך אומקערן צוריק אין די היימישע ערטער. א סך פון זייערע קרובים און נאנטע מענטשן זיינען געווען אומגעקומען פון שווערד, הונגער און חלאתן. אבער זיך לאזן איינזינקן אין

צער און טרויער האָט מען ניט געטאָרט. מען האָט געמוזט זאָרגן פאַר דער היונה פון ווייב און קינדער, און יידן האָבן זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

אין לאַנד יהודה זיינען איצט געווען אַ סך ווינציקער איינוואוינער, ווי פריער. און דערפאַר איז איצט געווען מער פרייע ערד. נאָר די גאַנצע ערד האָט איצט געהערט צום רוימישן קיסר, און די יידישע פויערים האָבן דעריבער געמוזט אים צאָלן צינז פאַר דער ערד. אַ סך האָרעוועץ האָבן די פויערים געמוזט, בכדי צו ברענגען אַ סדר אין דער חרובער בעל-הבתישקייט, זיך אָנשאַפן אַרבעט-געצייג און בהמות. שווער איז זיי געווען ביי-צוקומען די נויט און הונגער. די רוימישע רעגירונג אָבער האָט פון קיין רחמנות ניט געוואוסט און געמאָנט שטרענג דעם צינז און אַנדערע אָפּצאָלונגען. די שטייערן, וואָס יידן פלעגן פריער קלייבן לטובת דעם בית-המקדש, האָט די רוימישע רעגירונג זיי איצט געצוואונגען צו צאָלן פאַר אַ טעמפּל פון רוימישן גאָט יופּיטער. דאָס איז אודאי געווען די ערגסטע שטראָף, וואָס מען האָט געקאָנט צוקלערן פאַר די באַזיגטע יידן. אָפּצוגעבן זייערע לעצטע פּרוטות פאַר געצנדינעריי — דאָס האָט יידן פאַרשאַפט פיל שאַנד און ווייטאָג.

נאָר ס׳זיינען אַוועק יאָרן. קיין רדיפות זיינען ניט געווען, און די איינוואוינער פון מלכות-יהודה האָבן זיך ווי עס איז צו-געוואוינט צו זייער איצטיקן מצב. יידן האָבן פלייסיק געאַר-בעט, די געבענטשטע ערד האָט געגעבן איר גאָב, און ביסלעכ-ווייז האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן קומען צו זיך. ביי די פויערים איז ווידער געוואָרן איבעריקע תבואה, וויין, בוימל, טייטלען און אַנדערע ערד-פּראָדוקטן, וואָס פאַלעסטינע איז געבענטשט מיט זיי. די יידישע הענדלער און סוחרים האָבן ווידער גענומען אויפקויפן אָט די פּראָדוקטן און פאַרקויפן זיי די שכנישע פעל-קער. ווידער אַמאָל זיינען גאַנצע קאַראַוואַנעס קעמלען און

אייזלען, באלאדן מיט אלדאס גוטס, געשיקט געוואָרן אין פרעמדע לענדער. מיט די קאראוואנעס זיינען געפאָרן סוחרים; אונטערוועגס פלעגן זיי אויפקויפן נאָך סחורות און פארקויפן מיט גרויס ריוח.

הגם בשעת דער מלחמה האָבן די רוימער אפּולע געראבע־וועט, נאָר עטלעכע יידן זיינען פּאָרט געבליבן ביי זייער רייכ־קייט, און ווי נאָר ס'איז רואיק געוואָרן, האָבן זיי ווידער אָנגע־הויבן לעבן זיך, ווי פריער. באלד האָבן געקראָגן ארבעט די טישלערס און בוימייסטערס, פארבערס און גאָלדשמידן און אנ־דערע בעלי־מלאכות. נאָר יידישע גבירים זיינען שוין פון לאנג אָן געוואוינט גוועען צו באנוצען ניט נאָר די אויסארבעטונגען פון די יידישע בעלי־מלאכות, נאָר אויך געוואנטן, קאָבריצעס, כלים און אנדערע סחורות, וואָס מען האָט געבראכט צו פירן פון פרעמדע לענדער, און דעריבער איז דער האנדל פון דאס ניי אָפּ־געפרישט געוואָרן.

## ווי אזוי איז מלכות־יהודה רעגירט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה האָט איבער מלכות־יהודה פארוואלטעט אַ באזונדער פארוואלטער, וואָס האָט געוואוינט אין קיסריא ביים ים. אין ירושלים און אנדערע יידישע שטעט זיינען געוואָרן ארייגעשטעלט רוימישע גארניזאָנען. די דאָזיקע זעלנער האָבן אלע מאָל געמוזט זיין גרייט צו נעמען זיך פאר די געווער, ווי נאָר יידן זאָלן פּרובן מורד זיין קעגן דער רוימישער אויבער־הערשאפט.

ס'האָט אין פלוג געקאָנט אויסזוייזן, אז נאָכדעם ווי דער בית־המקדש אין ירושלים איז חרוב געוואָרן, איז שוין קיין זאַך ניט געבליבן, וואָס זאָל צונויפבינדן דאָס יידישע פאָלק. איצט איז שוין אין מלכות־יהודה ניט געווען ניט קיין כהן־גדול, ניט

קיין סנהדרין, וואָס זיינען געשטאַנען בראש פון פאָלק און האָבן אַרויסגעגעבן געזעצן, וואָס זיינען געווען גילטיק פאַר אַלע יידן. נאָר דער בית־המקדש און דער כהן־גדול זיינען ניט געווען דער איינציקער צונויפבונד פון יידישן פאָלק. יידן זיינען געווען פאַרבונדן צווישן זיך נאָך דורך אַן אינווייניקסטן, גייסטיקן בונד, דורך זייער גלויבן, דורך זייערע מנהגים און גאַנצן שטייגער פון לעבן.

די יידן פון ארץ ישראל האָבן אָנגעהויבן זיך צונויפקלייבן אַרום די בתי־כנסיות, וואָס זיינען געווען כמעט אין איטלעכער שטאָט. אַזוי זיינען געוואָרן גאַנצע קהילות פון יידן, וואָס האָבן זיך געהאַט זייערע בשותפישע עסקים און אינטערעסן. בראש פון איטלעכער קהילה זיינען געשטאַנען די עלטסטע און די קענער פון דער תורה, וואָס צו זיי האָבן יידן געהאַט צוטרוי. זיי האָבן געהאַט די הנהגה פון אַלצדינג: אויפגעפּאַסט אויף דער אָרדענונג, געפּסקנט דין־תורות און געגעבן השגחה, אַז עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן די דינים פון דער אמונה. די בתי־כנסיות האָבן געהערט צו דער גאַנצער קהילה, און דאָרט פלעגן טיילמאָלס פאָרקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען.

ווי נאָר דאָס פאָלק איז אַ ביסל געקומען צו זיך נאָך דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, איז אין דער יידישער שטאָט יבנה געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה, וואָס האָט אין גיכן געקראָגן ביי יידן כמעט די זעלביקע חשיבות, וואָס אַמאָל דער סנהדרין. וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן, ווערט דערציילט אַזאַ מעשה.

איינער פון הלל הזקנס בעסטע תלמידים, רבן יוחנן בן זכאי, איז געווען די גאַנצע צייט קעגן דעם, אַז יידן זאָלן מורד זיין קעגן דער מעכטיקער רוימישער מלוכה. ער האָט פאָראויסגעזען, אַז די מרידה וועט האָבן אַ שלעכטן סוף און האָט געזוכט איבערצורײדן די קנאים, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן. נאָר

יענע האָבן ניט געוואָלט הערן זיינע רייד. אַז די מלחמה האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט, און ירושלים איז באַלעגערט געוואָרן, האָט רבי יוחנן באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון שטאָט. די קנאים האָבן אָבער דעמאָלט פון שטאָט קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט. האָבן אָבער רבן יוחננס געטרייע תלמידים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זייער רבי איז געשטאָרבן, האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַן אָרון און אַזוי אַרום אַרויסגעטראָגן פון שטאָט און געבראַכט אים בשלום ביז צום רוימישן לאַגער. דער רוימישער קריגס-הויפּט-מאַן האָט אים אויפגענומען מיט גענאַד און געגעבן אים די ער-לויבעניש צו גרינדן אין יבנה אַ ישיבה.

יבנה איז געווען אַ קליין שטעטל ניט וויט פון יפו. באַלד ווי די ישיבה איז דאָרט געוואָרן געעפנט, האָבן אָנגעהויבן זיך אָנ-קלייבן אַהין די געלערנטע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אויס-פאָרשן די חוקים פון דער תורה. אין גיכן האָט די ישיבה אין יבנה באַקומען פונקט אַזאַ חשיבות ביים פאָלק, ווי פריער דער סנהדרין. מיט אַלע שאלות אין זאַכן פון אמונה און אויך מיט משפטים האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך געווענדט אַהין.

דער ערשטער ראָש ישיבה אין יבנה איז געווען רבן יוחנן בן זכאי. ער איז געווען פונקט אַזאַ עניו און גוטהאַרציקער, ווי זיין רבי הלל. ער פלעגט אויפמערקזאַם אויסהאָרכן די שאלות און ספקות פון זיינע תלמידים און שמועסן מיט זיי ווי אַ חבר מיט אַ חבר. ווען אים ווערט דערציילט, אַז איין מאָל האָט ער גע-פרעגט ביי זיינע תלמידים: „וואָס איז דער בעסטער געווינס פון אַ מענטשן“? די תלמידים האָבן דערויף געגעבן פאַרשיידענע תשובות. צום בעסטן איז רבן יוחנן בן זכאי געפעלן געוואָרן דער ענטפער: „דער בעסטער געווינס איז אַ גוט האַרץ“.

רבן יוחנן בן זכאי האָט זיך באַנוגנט מיטן באַשיידענעם טיטל פון אַ ראָש-ישיבה. דער צווייטער ראָש-ישיבה נאָך אים, רבן גמליאל, וואָס האָט געשטאַמט פון הלל הזקנס משפחה, האָט

זיך שוין אָנגערופן נשיא און האָט געפירט זיין נשיאות זייער שטרענג. נאָר רבן-גמליאל הנשיא איז געווען שטרענג ניט נאָר צו אַנדערע, נאָר אויך צו זיך גופא. ער האָט געהאַט מאַיאָנטקעס און פלעגט זיי אָפּגעבן אין אָרענדע פויערים און אויסלייען זאָמען אויף צו פאַרזייען די פעלדער; נאָר ער פלעגט פון זיי נעמען ביז גאָר נידעריקע מקחים, ווייל ער האָט אַלץ מורא געהאַט זיי צו באַעוולען.

קיין חיל האָט דער נשיא אין זיין רשות ניט געהאַט, און דעריבער האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט די יידן צווינגען איבערגעוואַלט צו פאָלגן די תקנות און החלטות פון יבנה'ער בית-דין. אָבער דאָס פאָלק האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון נשיא רבן גמליאל, און פון די איבעריקע רבנים און געלערנטע, וואָס זיינען געזעסן אין גרויסן בית-דין, אַז אַלע האָבן געפאָלגט וואָס זיי האָבן געהייסן, און קיינער האָט אפילו אַ וואָרט ניט גערעדט קעגן. די וואָס האָבן ניט געוואָלט פאָלגן די תקנות פון גרויסן בית-דין, פלעגט מען אַריינלייגן אין חרם. אויף וועמען עס איז געלעגן דער חרם, דער האָט געמוזט טראָגן שוואַרצע קליידער; פלעגט אַזוינער שטאַרבן אָן תשובה, איידער מען האָט פון אים אַראָפּגענומען דעם חרם, פלעגט מען אויף זיין אָרון אַרויפלייגן אַ שטיין. רבן-גמליאל הנשיא פלעגט אַמאָל אַרויפלייגן אַ חרם אויף די חשובסטע יידן.

דער נשיא און די רביים זיינען געווען ניט נאָר דיינים, זיי פלעגן אויך אַרויסגעבן נייע געזעצן. איידער זיי פלעגן איינשטעלן אַ נייע תקנה, פלעגט דער נשיא מיט די רבנים זיך צונויפקלייבן אין ישיבה און דאָרט אַרומקלערן די זאַך. בעת דער זיצונג פלעגט דער נשיא זיצן אויף אַ הויכן אָרט, און די רבנים פלעגן זיצן אַרום אים אין אַ האַלבן עיגול, הינטער זיי זיינען געשטאַנען די תלמידים; די איבעריקע צוהערער פלעגן זיך אויסזעצן אויף דער ערד. אַמאָל פלעגט דער נשיא, ביים עפענען

די פארזאמלונג, זאגן צו די ארומיקע: „פרעגט!" און איטלע־כער האט דעמאלט געקאנט שטעלן א שאלה. ווען דער נשיא פלעגט וועלן עפעס זאגן, פלעגט ער אין דער שטיל פאר זיך זאגן עטלעכע פראזעס און דער מתורגמן אדער „אויסטייטשער", וואס איז געשטאנען נעבן אים, פלעגט זיי איבערחזרן הויך אויפן קול, אז אלע זאלן דאס הערן.

עס פלעגט זיך טרעפן, אז בעת מען פלעגט ארומריידן, ווי אזוי איינצושטעלן א נייע תקנה אדער מבטל צו זיין אן אלטע, פלעגן די רבנים ניט אויסגלייכן זיך אין דער דעה, איז דער נשיא געווען מחויב אויסצוהערן ניט נאר די מיינונג פון די, וואס זיינען מסכים מיט אים, נאר אויך פון יענע, וואס זיינען קעגן אים. אז די פראגע פלעגט אויסווייזן גענוג קלאר, פלעגט מען די ויכוחים אפשטעלן. בכדי ניט ארויפצוצווינגען אויף די רבנים דעם נשיא'ס מיינונג און לאזן זיך אלעמען פריי ארויסזאגן, ווי יעדער געפינט פאר נייטיק, פלעגט די אפשטימונג זיך אנ־הויבן פון יינגסטן מיטגליד פון דער ישיבה.

איינמאל האט רבן גמליאל הנשיא געפרובט פארבאטן ארייצולאזן אין ישיבה די תלמידים, וואס האלטן ניט מיט אים, און האט אנגעהויבן צו שטרענג באגיין זיך מיט די רבנים. זיי־נען די מיטגלידער פון דער ישיבה געווארן אין כעס און האבן אים אויף א צייט אראפגעזעצט פון דער נשיאות און אויסגע־קליבן אויף זיין ארט אן אנדער נשיא. דעמאלט האט דער שטאלצער רבן גמליאל זיך אונטערגעגעבן. ער פלעגט אויך ווייי־טער קומען אין דער ישיבה צוגלייך מיט די איבעריקע רבנים, נעמען אן אנטייל אין די ויכוחים און האט זיך אויפגעפירט מיט אזא עניוות, אז אין א געוויסער צייט ארום האבן אים די רבנים צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן ארט.

אויף אזא אופן האבן די יידן אויך נאכן חורבן ירושלים זיך ווייטער געלעבט אויף זייער שטייגער. די ישיבה מיטן נשיא

האָבן ביי זיי פאַרנומען דעם אָרט פון סנהדרין און דעם כהן־גדול. די אָפּצאָלונגען, וואָס יידן פלעגן פריער שיקן קיין ירושלים פאַר די כהנים, פלעגן זיי איצט שיקן קיין יבנה צום נשיא, אויף אויסצוהאַלטן די ישיבה. די רוימישע קיסרים האָבן די ערשטע צייטן געגעבן די נשיאים פרייהייט צו פירן די אינווייניקסטע ענינים פון די יידן; זיי האָבן נאָר געפאָדערט, די יידן זאָלן זיי צאָלן צינז און אויסהאַלטן די זעלנער, וואָס שטייען אין לאַנד יהודה.

## דאָס גייסטיקע לעבן.

אין אַלע שטעט פון יהודה זיינען געווען בתי־כנסיות אָדער סינאַגאָגעס; אין די גרעסערע שטעט זיינען אפילו געווען צו עטלעכע. אין איטלעכער סינאַגאָגע איז געשטאַנען אַן אָרון מיט ספרי תורות און אַ בימה. איטלעכע סינאַגאָגע האָט געהאַט איר שמש (חזן הכנסת), וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרלייענען די תורה ביים דאַווגען און דערלאַנגען די ספרי תורות אַנדערע צום לייענען; ער פלעגט אויך לערנען מיט קינדער עברי זאַגן, און אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט פלעגט ער בלאָזן, בכדי אָנצוזאָגן דעם עולם, אַז עס איז געוואָרען שבת, און מ׳זאָל אָוועקלייגן די אַרבעט; שבת־צו־נאַכטס פלעגט ער ווידער בלאָזן שופר, צום סימן, אַז דער שבת איז אַוועק, און עס קומט אָן די וואָך. די השגחה איבער דער סינאַגאָגע האָט געפירט אַ גבאי.

דאַוונען אין די בתי כנסיות פלעגט מען אויך אינדערוואָכן; נאָר שבת און יום־טוב פלעגט די תפילה אָפּגעריכט ווערן מיט אַ גרעסערן פּאַראַד. די מתפללים פלעגן זיצן אין אַ געוויסן סדר: די חשובע מיטגלידער פון דער קהלה פלעגן פאַרנעמען די ערשטע פלעצער; ווייבער זיינען געזעסן אָפּגעזונדערט פון מאַנסבילן. דאָס דאַוונען איז באַשטאַנען פון תפילות, לייענען די

תורה און נביאים; חוץ דעם פלעגט מען זאָגן אַ דרשה. צום סוף פלעגט אַ כהן בענטשן די מתפללים, און דער גאַנצער עולם פלעגט ענטפערן „אָמן". אָבער ניט אין איטלעכער קהלה זיינען געווען כהנים, און אין אַזעלכע פאַלן פלעגט בענטשן דעם עולם עמיצער פון די געלערנטע; זאָגן די תפילות און דרשענען האָט געמעגט איטלעכער פון עולם.

אין די בתי־כנסיות פלעגט מען קלייבן נדבות פאַר צדקה־זאַכן. דאָס געלט פלעגט ווערן צעטיילט אָרימע לייט; ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן באַקומען געצאָלט וואָכערס. צו קלייבן די נדבות און פונאַנדערטיילן זיי איז געווען באַשטימט אַ באַזונדער גבאי, וואָס אים האָט די גאַנצע קהלה געטרויט.

אַלע יידן זיינען געווען מחויב צו לערנען זייערע יינגלעך לייענען, בכדי זיי זאָלן קאָנען לערנען תורה און באַקענט ווערן מיט די דינים, וואָס אַ ייד דאַרף זיי אָפּהיטן. לערנען פלעגט מען די קינדער אין באַזונדערע שולן. קינדער פון 6 אָדער 7 יאָר פלעגן זיך אויסזעצן אויף דער ערד אַרום אַ רבי'ן (דרדקי מלמד) וואָס פלעגט זיי לערנען לייענען. צו קאָנען שרייבן האָט מען אין יענע צייט ניט געהאַלטן אַזוי שטאַרק פאַר נויטיק: מען האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם, ווייל צוליב לערנען די הייליגע ספרים איז געווען גענוג צו קאָנען לייענען.

פון קינדווייז אויף פלעגט מען באַקענען די יינגלאַך מיט די דינים פון דער תורה און צוגעוואוינען זיי אָפּהיטן די מצוות. זיי האָבן געמוזט היטן שבת, גיין אין שול אַריין דאַווענען, און צו 13 יאָר זיינען זיי שוין געוואָרן בר־מצוה, און האָבן געמוזט אָפּהיטן אַלצדינג, צוגלייך מיט אַלע דערוואַקסענע מענטשן.

היות ווי אומעטום, וואו יידן האָבן געוואוינט, זיינען געווען שולן פאַר קינדער, דעריבער זיינען אַלץ מער געוואָרן יידן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו לייענען. אַ סך יידן פלעגן זיך אָנשאַפן

ספרים פֿון תנ״ך און פֿלעגן אין דער פֿרייער צייט לערנען תורה, בכדי צו וויסן אַלע דינים פֿון דער אמונה.

חוץ אָנפֿאַנגס־שולן, וואו מען האָט געלערנט נאָר לייענען, זיינען אין לאַנד יהודה געווען ישיבות, וואו רבנים האָבן געלערנט מיט תלמידים תורה. נאָכן חורבן ירושלים פֿלעגן אַ סך יונגע לייט, בעלי־כשרונות, וואָס האָבן געוואָלט קאָנען לערנען, קומען אין דער יבנה׳ר ישיבה. דאָס פֿאָלק האָט אָפּגעגעבן גרויס כבוד די געלערנטע רבנים. אַז עמיצער פֿון זיי פֿלעגט פֿאַרבייגיין, פֿלעגן אַלע אויפֿשטיין, און אומעטום פֿלעגט מען זיי אָפּטרעטן דעם אויבנאָן.

אין די ישיבות פֿלעגט מען זיך פֿאַרנעמען מיט לערנען די תורה. לערנען זיך אין דער ישיבה האָבן געקאָנט נאָר יונגע לייט מיט אַ שאַרפֿן קאָפּ און אַ גוטן זכרון. די מעשה דערפֿון איז דאָס, וואָס אין משך פֿון דער צייט האָבן זיך אָנגעקליבן, חוץ די חוקים, וואָס זיינען פֿאַרשריבן אין דער תורה, אַ סך נייע דינים, וואָס זיינען שייך צו אַזעלכע פֿאַלן, וואָס זיינען אין חומש גאָרניט דערמאָנט. אַשטייגער, אין דער תורה שטייט געשריבן: „זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט אין טאָג פֿון שבת“. נאָר ס׳איז ניט אויסגערעכנט, וואָסערע אַרבעטן מען טאָר ניט טאָן. זיינען געקומען די רבנים און האָבן אויסגעטייטשט, וואָסערע זיינען דאָס די אַרבעטן, וואָס זיינען פֿאַרבאָטן אום שבת; עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַזעלכע 39. אָדער די תורה האָט פֿאַרזאָגט ניט צו קאָכן קיין „ציקעלע אין איר מוטערס מילך“; פֿון דאָזיקן חוק האָבן די רבנים אָפּגעלערנט אַ סך דינים וועגן פֿליישיקס און מילכיקס, און כדומה נאָך אַזעלכע פֿאַלן. אָט די אַלע נייע דינים זיינען ניט געווען פֿאַרשריבן, נאָר די רבנים פֿלעגן דאָס לערנען אויף אויסווייניק מיט זייערע תלמידים. דעריבער האָבן די תלמידים געמוזט האָבן אַ גוטן זכרון, בכדי צו געדענקען איטלעכס וואָרט פֿון רבי׳ן. אַזוי האָט רבן יוחנן בן זכאי געלויבט

איינעם פון זיינע תלמידים, צוגעגליכן אים צו אַן אויסגעקאַלכטן ברונעם, וואָס פון אים ווערט קיין איין טראָפּן ניט פאַרלוירן.

בכדי די תלמידים זאָלן גוט געדענקען די „תורה שבכתב" (די געשריבענע תורה) און די „תורה שבעל פה" (די תורה פון אויסווייניק), האָט מען געמוזט אָן אַ שיעור מאָל איבערחזרן דאָס לערנען. געוויינטלאַך פלעגט דאָס לערנען אין דער ישיבה פאָרקומען אַזוי. דער רבי פלעגט שטעלן אַ שאלה, און די תלמידים האָבן געמוזט געבן אַ גענויע תשובה, ווי אַזוי מען באַדאַרף זיך נוהג זיין אין אַזאַ און אַזאַ פאַל לויטן דין פון דער תורה און לויטן איינגעשטעלטן מנהג. דורך אַזאַ מין לערנען פלעגן די תלמידים סוף כל סוף איינחזרן אַלע דינים און מנהגים. די פעאיקסטע תלמידים פלעגן מיט דער צייט אַליין ווערן רבנים. בכדי צו ווערן אַ רבי, פלעגט מען מוזן באַקומען סמיכה. דאָס פלעגט פאָרקומען אַזוי: דער רבי פלעגט אַרויפלייגן זיין האַנט אויפן תלמידס קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט אים געבענטשט צו זיין אַ רבי. דערביי האָבן געדאַרפט זיין נאָך צוויי מיטגלידער פון דער ישיבה. אין דער שפּעטערדיקער צייט האָט מען די דאָזיקע רבנים גערופן „תנאים".

## רבי עקיבא.

צווישן אַלע יידישע געלערנטע האָט געקראָגן אַ גרויסן שם רבי עקיבא בן יוסף. וועגן אים ווערט דערציילט, אַז יונגערהייט איז ער געווען אַ פּאַסטוך ביי אַ רייכן יידן. דעם בעל הבית טאָכטער רחל האָט עקיבא'ן ליב געקראָגן און האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט אים, בתנאי, אַז ער זאָל זיך זעצן לערנען און ווערן אַ תלמיד־חכם. ביז אַהער איז עקיבא געווען אַ גרויסער עם־הארץ און האָט פיינט געהאַט תלמידי חכמים. נאָר בכדי צוליב צו טאָן רחל'ן, האָט ער זיך גענומען לערנען. רחל'ס

פאָטער האָט דעם שידוך ניט געוואָלט און האָט די טאָכטער אַרויסגעטריבן פון שטוב. נאָר זי האָט ניט געקוקט דערויף און האָט חתונה געהאַט מיט רבי עקיבאַ'ן.

דאָס פּאָר פאָלק האָט געלעבט אין גרויס דחקות. איין מאָל איז די נויט געווען אַזוי גרויס, אַז רחל האָט געמוזט אָפּשערן אירע צעפּ און פאַרקויפן די האָר, בכדי פאַרן אויסגעלייזטן געלט צו קויפן ברויט. איהר מסירת נפש האָט גאָר קיין גרענעץ ניט געהאַט. בכדי רבי עקיבאַ זאָל קאָנען בעסער לערנען, האָבן זיי געמוזט אויף אַ צייט זיך שיידן און וואוינען אין פאַרשיידענע שטעט. עס זיינען אַוועק עטלעכע יאָר, און רבי עקיבאַ איז געקומען צו פאָרן אין דער שטאָט, וואו רחל האָט געוואוינט. פאַר דער צייט איז זיין שם אויסגעוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד, און הונדערטער תלמידים האָבן אים אַרומגערינגלט. אַז ער איז געקומען אין שטאָט אַריין, איז דאָס פאָלק זיך צונויפגעלאָפן פון אַלע זייטן, בכדי אָנצוקוקן דעם רבי'ן. רחל איז אויך געווען צווישן עולם, און זי האָט באַלד דערקענט איר מאַן. האָט זי זיך דורכגעשטופּט צווישן המון, צוגעגאַנגען צו רבי עקיבאַ'ן און אַרומגענומען זיינע קני. האָבן רבי עקיבאַ'ס תלמידים געוואָלט אָפּשטופּן די אָרימע יידינע. האָט רבי עקיבאַ אויסגערופן: „לאָזט זי! מיין תורה און אייער תורה האָבן מיר צו פאַרדאַנקן דער דאָזיקער פרוי."

סוף כל סוף האָט רחלס פאָטער זיך געלאָזט איבערבעטן, און דאָס פּאָר פאָלק האָט אָנגעהויבן לעבן אין רייכקייט. רבי עקיבאַ האָט קיין איין מאָל ניט פאַרגעסן די קרבנות, וואָס זיין פרוי האָט געבראַכט פאַר אים, און איז איר געבליבן דאַנקבאַר זיין גאַנצן לעבן. אויך אַנדערע האָבן פאַרשטאַנען צו שאַצן רחל'ס מסירת נפש. איין מאָל האָט דעם נשיא'ס פרוי מקנא געווען רחל'ן, וואָס דער מאַן האָט איר געגעבן אַ מתנה אַ גאָלדענע צירונג, וואָס דערויף איז געווען אויסגעקריצט די שטאָט

ירושלים. האָט רבן גמליאל צו איר געזאָגט: „מיין פריינד! צי האָסטו נאָכגעטאָן רבי עקיבא׳ס ווייב, בעת זי האָט אָפּגע־שוירן און פאַרקויפט אירע צעפּ, בכדי צו פאַרשאַפן איר מאַן די מעגליכקייט צו לערנען רואיק די תורה?"

רבי עקיבא האָט זיך אויסגעצייכנט ניט נאָר מיט זיין אומ־געוויינלאַכן זכרון, נאָר אויך מיט זיין שאַרפן שכל. ער פלעגט זיך פלייסן צו באַווייזן, אַז אַלע נייע תקנות און דינים, וואָס די יידישע רבנים האָבן איינגעשטעלט, זיינען געדרונגען פון די חוקים פון דער תורה, און אויף אַזאַ אופן איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע תורה שבעל פה איז שוין געווען נכלל אין תורת משה. דאָס האָט ער געטאָן דערפאַר, בכדי די רייד פון די חכמים זאָלן באַקומען אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק די זעלביקע גילטיקייט און די זעלביקע קדושה, ווי די תורה שבכתב. רבי עקיבאס שאַרפע חקירות און ראיות זיינען שטאַרק געפעלן געוואָרן פע־איקע יונגע לייט, און דערפאַר האָבן זיך ביי אים צונויפגעקליבן אַ סך תלמידים.

אַ באַזונדערס גרויסער אויפטו רבי עקיבא׳ס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט צונויפגעקליבן אַלע נייע דינים און תקנות און איינגעשטעלט זיי אין אַ געוויסן סדר לויט דעם ענין נאָך, צו וואָס זיי זיינען שייך: דהיינו, די דינים וועגן שבת באַזונדער, די דינים וועגן חתונה באַזונדער, וועגן גט באַזונדער, וועגן קויף און פאַרקויף באַזונדער, און אַזוי ווייטער. אַ דאַנק אָט די זאַמ־לונגען פון תקנות איז געוואָרן גרינגער צו לערנען און צו באַנוצן די יידישע דינים. אָט די זאַמלונגען זיינען אָנגערופן געוואָרן „משנתו של רבי עקיבא".

רבי עקיבא׳ס חשיבות ביים פאָלק איז כסדר געוואַקסן, נאָר ער איז געבליבן אַלץ דער זעלביקער עניו. ער האָט זיך ניט גע־יאָגט נאָך כבוד און ניט געזוכט קיין הערשאַפט. נאָר ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין געבוירן־לאַנד און ניט אויפגעהערט צו

חלומען וועגן דער צייט, ווען עס וועט קומען דער אויסלייזער, וואָס דאַרף ברענגען די פרייהייט זיין פאָלק.

## דער אויפשטאַנד פון בר כוכבא (132—135).

די שווערע פּורעניות, וואָס זיינען געקומען אויפן יידישן פאָלק, זיינען ניט געווען בכוח צו דערשלאָגן זיין מוט. יידן האָבן ניט אויפגעהערט צו גלויבן און צו האָפן, אַז די יידישע מלוכה וועט ווידער אויפגעריכט ווערן מיט אַ נייעם גלאַנץ און פּראַכט. דאָס אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפן, האָבן זיי גע־האַלטן פאַר אַ שטראָף פאַר זייערע זינד. דעריבער האָבן זיי איצט געמיט זיך שטרענג אָפּצוהיטן אַלע חוקים, און פעסט איז געווען זייער גלויבן, אַז גאָטס גענאָד וועט זיך אומקערן צום פאָלק, און אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן יידן ווידער קומען צו אַ פרייען לעבן.

עס זיינען אַוועק היפּשע עטלעכע צענדליק יאָר. דער דור, וואָס האָט איבערגעלעבט אַלע שרעקנס פון דער רוימישער מלחמה, איז אויסגעשטאָרבן, און עס זיינען אויפגעשטאַנען נייע דורות, וואָס האָבן געוואוסט וועגן דער לעצטער מרידה נאָר לויט דעם, וואָס די זיידעס און טאַטעס פלעגן דערציילן. דער שרעק פאַר די רוימער און זייערע חיילות איז פאַרשוואונדן, און די האַלב-דערשטיקטע שטרעבונגען צו פרייהייט האָבן ווי־דער אָנגעהויבן זיך אַרויסווייזן. גראָד אין יענער צייט האָט דער רוימישער קיסר אַדרינוס גענומען זיך איינפלאַנצן אין די מזרח-לענדער דעם גריכיש-רוימישן שטייגער לעבן. ער האָט געלאָזט אויסבויען אין פאַרשיידענע שטעט טעאַטערס, צירקן און טעמפּלען. אויך אויף די חורבות פון ירושלים האָט ער גע־הייסן אויפבויען אַ נייע שטאָט.

ס׳האָט קיין ספק ניט געקאָנט זיין, אַז אין דער נייער שטאָט וועט ווערן אויסגעבויט אַ היידנישער טעמפּל און אוועקגע־שטעלט ווערן סטאַטועס פון די רוימישע געטער. דער געדאַנק אליין, אַז מען קאָן אַזוי מטמא זיין די הייליקע שטאָט, האָט אויפ־געררודערט די הערצער פון אַלע יידן. דעם לעצטן טראָפּן האָט פאַרפולט דער פאַרבאָט מל צו זיין די קינדער. דאָס איז געווען גלייך צו דער גזירה פון קיניג אַנטיוכוס מבטל צו זיין די יידישע רעליגיע. גאַנץ מלכות־יהודה איז אויפגערודערט געוואָרן, און אַ סך האָבן זיך באַלד גענומען פאַר די געווער, בכדי צו באַשיצן דעם גלויבן.

רבי עקיבא איז געווען דער גאַנצער אויפטוער פון אויפ־שטאַנד. ער פלעגט אַרומפאָרן פון איין אָרט צום אַנדערן און אומעטום רופן די יידן מלחמה צו האַלטן פאַרן גלויבן און פריי־הייט. די צאָל פון די מורדים איז וואָס פון טאָג אַלץ גרעסער געוואָרן. בכדי זיך אויסצובאַהאַלטן פון די רוימישע באַאַמטע, פלעגן זיי זיך צונויפקלייבן אין הייִלן און דאָרט אויך אָפּלייגן זייער געווער. רבי עקיבא האָט פון טיפן האַרצן געגלויבט, אַז עס איז געקומען די גאולה פון פאָלק, און האָט מיט פרייד באַגריסט דעם אָנפירער פון דער מרידה, שמעונ׳ען, וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָמען בר־כוכבא, דאָס איז טייטש: שטערן־זון.

בר־כוכבא איז געווען אַ גרויסער גבור. פון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלייבן אַרום אים יידן, וואָס זייער הייסער פאַרלאַנג איז געווען אַראָפּצוואַרפן דעם רוימישן יאָך. באַלד האָבן זיך אונטער זיינע פאָנען אָנגעקליבן צענדליקער טויזנטער מענטשן. עס ווערט דערציילט, אַז בר־כוכבא איז געוואָרן גרוים ביי זיך און האָט זיך איינגערעדט, אַז קיינער וועט אים מיט זיין חיל ניט בייקומען, און האָט אַזוי געזאָגט: „רבונו של עולם! אויב דו ווילסט אונז ניט העלפן, העלף כאָטש אויך ניט אונזערע שונאים, דעמאָלט וועלן מיר אודאי מנצח זיין“.

דער רוימישער פאַרוואַלטער פון מלכות־יהודה איז געווען צו שוואַך אַנטקעגן די מורדים. בר כוכבא האָט איינגענומען איין פעסטונג נאָך דער אַנדערער, און אין אַ יאָר אַרום זיינען אין זיין רשות געווען כמעט אַלע יידישע שטעט. אַז בר־כוכבא האָט איינגענומען ירושלים האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַזוי פעסט אין דער ממשלה, אַז ער האָט געהייסן גיסן מטבעות מיט דער אויפשריפט „שמעון נשיא ישראל".

דער רוימישער קיסר האָט אַלע ווייליע געשיקט קיין מלכות־יהודה נייע חילות. נאָר בר־כוכבא האָט אויסגעמידן, אַריינצולאָזן זיך אין אַן אָפענער שלאַכט; זיין חיל פלעגט זיך באַהאַלטן אין היילן און באַרג־שפּאַלטן. אָבער וואו יידן פלעגן כאַפּן קלענערע אָפּטיילונגען רוימישע זעלנער, פלעגן זיי פאַרטיליקן.

אין משך פון צוויי יאָר האָט די גאַנצע מי פון די רוימער צו דערשטיקן די מרידה צו גאָרנישט ניט געבראַכט. אומעטום האָבן יידן גובר געווען. און אַ סך רוימישע זעלנער זיינען דעמאָלט אויסגעהרגעט געוואָרן.

אַז דער קיסר אַדרינוס האָט דערזען, אַז מיט אַ קליינעם חיל קאָן ער קעגן די יידן גאָרנישט אויפטאָן, האָט ער אַרויסגערופן פון בריטאַניע זיין בעסטן קריגס־הויפטמאַן און האָט אים אויפגעגעבן, ער זאָל ניט אַנדערש איינשטילן די מרידה פון די יידן. דער נייער רוימישער קריגס־הויפטמאַן, יוליוס סעווערוס, איז געקומען מיט אַ גרויסן חיל און האָט באַלד אָנגעהויבן אָפּהאַלטן נצחונות איבער די יידן. אַ סך פעסטונגען האָבן די רוימער איינגענומען, און צולעצט האָבן זיי איינגעשלאָסן בר־כוכבא'ן מיטן רעשט פון זיין חיל אין דער פעסטונג ביתר; אַהין זיינען זיך צונויפגעקומען פון אַרום אַ סך יידישע איינוואוינער.

די באַלעגערונג פון ביתר האָט געדויערט היבש לאַנג, נאָר סוף כל סוף האָבן די רוימער די פעסטונג איינגענומען. דאָ

האָבן זיי אַרויסגעוויזן ניט ווינציקער אכזריות, ווי ביים איינגעמען ירושלים: אַלע דערוואַקסענע מאַנסבילן אויסגע־הרגעט און די פרויען און קינדער פאַרקויפט פאַר שקלאַפן. אויך בר־כוכבא איז אומגעקומען. אַ קליינעם טייל יידן האָט זיך איינ־געגעבן אַנטרונען צו ווערן קיין בבל און אַראַביע. טייל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין היילן; בכדי ניט צו שטאַרבן פון הונגער, האָבן זיי געמוזט זיך שפייזן מיט נבלות. און די רוימישע זעלנער האָבן אַרומגעשנאָרט איבערן גאַנצן לאַנד, געזוכט די אַנטרו־נענע; ווען זיי האָבן געכאַפּט, האָבן זיי אָן רחמנות געטויט.

ווען רבי עקיבא'ן דערציילט מען אַזאַ מעשה: ער האָט אין יענער צייט ניט אויפגעהערט צו לערנען מיטן פאָלק תורה. איינמאָל באַגעגנט אים זיינער אַ באַקאַנטער און זאָגט צו אים: „צי האָסטו גאָר ניט מורא פאַר די רוימער?" האָט אים רבי עקיבא געענטפערט מיט אַזאַ משל: — איין מאָל איז אַ פוקס געשטאַנען אויפן ברעג טייך און האָט געזען, ווי די פיש שווי־מען אַרום אין וואַסער פון איין אָרט אויפן אַנדערן. „פאַר וועמען אַנטלויפט איר?" האָט ביי זיי געפרעגט דער פוקס. — „מיר אַנטלויפן פאַר די נעצן, וואָס די מענטשן האָבן אויסגעשטעלט, בכדי אונז צו פאַנגען", האָבן די פיש געענטפערט. זאָגט דער פוקס: „קומט אַרויס אויף דער יבשה, און לאָמיר לעבן איינ־איינעם, ווי אייערע אבות האָבן געלעבט מיט אונזערע אבות", אָבער די פיש האָבן געענטפערט: „ווען דיר, פוקס, זאָגט מען, אַז דו ביסט דער קליגסטער צווישן די חיות; נאָר פון דיין עצה איז צו זען, אַז דו ביסט דער גרעסטער טיפש. מה־דאָך אין וואַ־סער, וואָס דאָרט איז אונזער לעבן, געפינען מיר זיך אין סכנה,— היינט ווי זאָלן מיר שוין ניט מורא האָבן אויף דער יבשה, וואו מיר קאָנען קיין רגע ניט לעבן? — אָט אַזוי איז אויך מיט אונז, זאָגט רבי עקיבא ווייטער, — מה־דאָך, אַז בשעת מיר לערנען די תורה, וואָס וועגן איר שטייט געשריבן: „זי איז דיין לעבן

און די פאַרליינגערונג פון דיינע טעג", געפינען מיר זיך אין סכנה, — היינט וואָס וועט שוין זיין, ווען מיר וועלן פאַרלאָזן די תורה?" — סוף כל סוף האָבן די רוימער געכאַפּט רבי עקיבא'ן, און ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם. מיט אייזערנע קאַמען האָבן זיי געריסן זיין לייב, און ער איז אויסגעגאַנגען מיטן „שמע ישראל" אויף די ליפּן.

## פּאַלעסטינע נאָכן אויפשטאַנד פון בר-כוכבא.

נאָכדעם ווי די רוימער האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד יהודה, האָבן זיי גענומען דאָרט בעלי-בתעווען, ווי זיי איז געפעלן געווען. איצטער האָט דער רוימישער קיסר געקאָנט רואיק אויספירן זיין פּלאַן. אין גיכן איז אויסגעבויט געוואָרן אויפן אָרט, וואו ירושלים איז געשטאַנען, אַ היידנישע שטאָט, וואָס מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן עליאַ קאַפּיטאָלינאַ, לכבוד דעם קיסר עליוס אדרינוס. אין עליאַ קאַפּיטאָלינאַ האָבן זיך באַזעצט רוימער, גריכן און סיריער. יידן האָבן דאָרט ניט געטאָרט וואוינען אונטער טויטשטראָף.

אין דריי יאָר אַרום נאָך דער איינשטילונג פון מלכות-יהודה, אין יאָר 138 איז דער קיסר אדרינוס געשטאָרבן. דעמאָלט איז די יידן ווידער געוואָרן ערלויבט צו האַלטן פריי זייער גלויבן. נאָר אין עליאַ קאַפּיטאָלינאַ איז זיי נאָך אַלץ געווען פאַרבאָטן צו וואוינען.

ווי נאָר די יידן, וואָס זיינען געווען אַנטלאָפן אין די שכנישע לענדער, זיינען געוואָר געוואָרן, אַז דעם קיסר אדרינוס'ס גזרה איז בטל געוואָרן, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ציען צוריק אהיים. נאָר די יידישע שטעט און דערפער זיינען געלעגן חרוב, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען אַזוי וויסט, אַז עס איז קיין מעגלעכקייט

ניט געווען דאָרט צו וואוינען. דעריבער האָבן די יידן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט, געמוזט באַזעצן זיך אין גליל.

אויך יבנה איז חרוב געוואָרן, פונקט ווי אַנדערע שטעט פון יהודה. דעריבער האָט אויך דער נשיא זיך געמוזט אַריבער־קלייבן קיין גליל. אין דער שטאָט אושא זיינען זיך צונויפגע־פאָרן די רבנים און עלטסטע פון גאַנץ גליל, בכדי אַרומצוקלערן, ווי אַזוי איינצושטעלן אָרדענונג אין לאַנד. קודם כל האָט מען באַדאַרפט אויסקלייבן אַ נשיא, ווייל רבן גמליאל איז פאַר דער צייט געווען געשטאָרבן. רבן גמליאלס זון, רבן שמעון, איז גע־ווען אנטלאָפן נאָך דער מרידה. איצט האָבן די רבנים און עלטס־טע אים אויסגעקליבן פאַר אַ נשיא. די איינוואוינער פון אושא האָבן אָפּגעגעבן גרוים כבוד די תנאים, וואָס זיינען זיך דאָרט צונויפגעקומען, און אויפגענומען זיי מיט אַ ברייטער האַנט.

באַלד איז אין אושא געוואָרן געגרינדעט אַ ישיבה, וואָס איז געשטאַנען ניט נידעריקער פאַר דער ישיבה אין יבנה. דער נשיא רבן שמעון בן גמליאל איז געווען אי אַ גרויסער קענער פון דער תורה, אי ער איז געווען וואויל געלערנט אין דער „חכמת יונית“, אין דער גריכישער וויסנשאַפט. אויך לויט זיינע גוטע מדות איז ער געווען ראוי צו זיין דער פאָרשטייער פון יידישן פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו יושר, און פלעגט שטענדיק זאָגן: אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף אמת, גערעכטי־קייט און שלום“. נאָר רבן שמעון איז אויך געווען אַ בעל־גאוה. ער האָט געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן אים אָפּגעבן כבוד, אפילו די תנאים זאָלן אויפשטיין פון די ערטער, ווען ער גייט אַריין אין דער ישיבה.

בּיסלעכווייז האָבן יידן אין גליל זיך גענומען פאַר זייערע געוויינטלאַכע אַרבעטן; נאָר זייער שווער איז זיי געווען צו קו־מען צו זיך נאָכן חורבן. דער דרוק פון די רוימער איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, זיי האָבן געריסן אָפּצאָלונגען פון אַלע זייטן

און האָבן קיין רו ניט געלאָזט. אַז די איינוואוינער פון פּאַלעס־טינע האָבן געבעטן אָפּצולאָזן זיי די אָפּצאָלונגען, האָט דער פאַר־וואַלטער פון סיריע צו זיי געזאָגט: „איר ווילט, איך זאָל אייך אַראָפּלאָזן די שטייערן פון אייער ערד, און איך וואָלט געוואָלט אַרויפלייגן אַ שטייער אפילו אויף דער לופט, וואָס איר אָטעמט איין".

## רבי מאיר.

צווישן די תנאים, וואָס האָבן געלעבט אין דעם נשיא רבן שמעונס צייט, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט רבי מאיר. די תנאים האָבן דעמאָלט געלערנט מיט תלמידים אומזיסט, דע־ריבער פלעגט רבי מאיר פאַרדינען געלט פון איבערשרייבן ספרים. ער איז געווען צופרידן מיט אַ קליינעם פאַרדינסט און האָט זיין גאַנצע צייט אָפּגעגעבן דער ישיבה. חוץ דעם, פלעגט ער אָפט האַלטן דרשות, וואָס פלעגן מאַכן אַ גרויסן רושם אויפן פאָלק.

רבי מאיר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס סבלנות. זיין אַמאָליקער רבי, אלישע בן אבויה, איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, און אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורס און ניט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע ומשא. איין רבי מאיר האָט זיך ניט אָפּגעווענדט פון אים און פלעגט ווייטער האָבן מיט אים אויפ־טראָגן, אַלץ געהאָפט, אַז אלישע וועט נאָך תשובה טאָן און זיך אומקערן אויפן ריכטיקן וועג. אַז אלישע בן אבויה איז געלעגן אויפן טויטן־בעט, איז רבי מאיר געקומען צו אים און האָט אָנ־געהויבן צוריידן אים, ער זאָל תשובה טאָן. נאָר אלישע האָט אים מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט, אַז ער האַלט, אַז פאַר אים איז שוין צושפּעט תשובה צו טאָן, און אַזוי איז ער אויס־געגאַנגען. רבי מאיר איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען גערירט ביים טויטן בעט פון זיין אַמאָליקן רבי'ן און געשעפּטשעט שטילער־

הייט: „ער איז געשטאָרבן מיט תשובה, ער וועט באַקומען מחילה“.

רבי מאיר'ס ווייב, ברוריה, האָט געהאַט פּונקט אַזאַ שיינע נשמה, ווי איר מאַן. זי איז געווען ניט ווייניקער געלערנט אין די הייליקע ספרים, איידער אַ סך רבנים. נאָר מער פון אַלץ האָט זיך ברוריה אויסגעצייכנט מיט איר בטחון, מיט איר טיפן גלויבן, וואָס האָט זי ניט פאַרלאָזן אפילו אין די שווערסטע מי־נוטן פון לעבן. מען דערציילט אַזאַ מעשה: איין מאָל איז גע־ווען אַ פעסט אין שטאָט, און עס זיינען קראַנק געוואָרען רבי מאירס צוויי זין. רבי מאיר פלעגט, ווי געוויינטלאך, גיין אין בית־המדרש לערנען. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אין בית־המדרש, זיינען די יינגלעך געשטאָרבן. דאָס איז געווען אום שבת, און ברוריה האָט באַשלאָסן ניט אָנצוזאָגן דעם מאַן די טרויעריקע בשורה ביז אויף דער נאַכט. דעם גאַנצן שבת האָט זי זיך געהאַלטן, אַזוי ווי קיין זאַך איז ניט געשען. אַז עס איז געוואָרן אָוונט, האָט ברוריה געזאָגט צו רבי מאירן: רבי! עמי־צער האָט מיר געגעבן אַ פקדון צו באַהאַלטן; איצט מאָנט ער דעם פקדון ביי מיר; צי בין איך מחויב אים אָפּצוגעבן?“ „אודאי, ווי זשע דען אַנדערש?“ — האָט געענטפערט רבי מאיר. דעמאָלט האָט ברוריה אַריינגעפירט דעם מאַן אין חדר, וואו עס זיינען געלעגן די געשטאָרבענע קינדער, און האָט אַראָפּגענומען פון זיי די ליילעכער, וואָס האָבן זיי פאַרדעקט. רבי מאיר האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט. „רבי! — האָט געזאָגט די פרו־מע ברוריה — דו האָסט מיר אָקאָרשט געפסקעט, אַז דער וואָס נעמט אַ פקדון אויף היטן, איז מחויב אים אָפּצוגעבן ווען דער בעל־הבית מאָנט ביי אים. גאָט האָט געגעבן אונז קינדער. גאָט האָט זיי איצט צוגענומען; „זאָל זיין נאָמען זיין געבענטשט“.

## רבי יהודה הנשיא (170—210).

דעם נשיא רבי שמעונס זון, רבי יהודה הנשיא, איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער געלערנטער, נאָר אויך אַ גוטער פירער פון פאָלק. ער איז געווען גוט אויפגעטראָגן מיט דער רוימישער רעגירונג און פלעגט אָפטמאָל זיך משתדל זיין פאר יידן און אָפּ־היטן זיי פון רדיפות. ביי יידן האָט ער געהאַט אַ גרויסע דעה. ער פלעגט אליין באשטימען רבנים און לערער אין די קהלות פון ארץ־ישראל און פון אַנדערע לענדער, און קיינער פון די יידישע געלערנטע האָט ניט געקאָנט אָנקומען אין דער גרויסער ישיבה קעגן דעם נשיא'ס ווילן.

רבי יהודה הנשיא איז געווען שוואַך אין געזונט, דעריבער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן וואוינען אין דער שטאָט צפורי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גוטן קלימאַט. אַהין איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן די גרויסע ישיבה; אושא ווידער האָט אָנגעוואָרן איר פריערדיקע חשיבות. רבי יהודה הנשיא איז געווען זייער רייך און האָט זיך געפירט, ווי אַ גביר. ער פלעגט אויך אויסגעבן אַ סך געלט אויף אויסהאַלטן אָרעמע רבנים און תלמידים. בכלל פלעגט דער נשיא העלפן דעם פאָלק אין זיין נויט: אין יאָרן פון ניט־גערעטעניש פלעגט ער פונאַנדערטיילן די הונגעריקע ברויט און העלפן אַלע נויטבאַדערפטיקע פון דער ברייטער האַנט; נאָר מער פון אַלעמען האָט ער געזאָרגט פאַר תלמידי־חכמים.

דער גרעסטער אויפטו פון רבי יהודה הנשיא איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פאַרענדיקט דאָס צונויפקלייבן און ברענגען אין אָרדענונג אַלע יענע הלכות אָדער דינים, וואָס זיינען גע־וואָרן געשאַפן אין משך פון גאַנצע דורות דורך די יידישע תנאים. די זאַמלונג פון די דאָזיקע דינים ווערט אָנגערופן

מ ש נ ה. דאָס איז דער יסוד פון תלמוד, וואָס איז אַ הוספה צו דער תורה. די צונויפשטעלונג פון דער משנה האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון חורבן ירושלים. אין דער אַרבעט פון צונויפשטעלן די משנה האָבן גענומען אָן אָנטייל מער פון הונדערט תנאים. אין יהודה הנשיא'ס צייטן, דאָס הייסט, אָן ערך אין 200 יאָר אַרום איז די אַרבעט פאַרענדיקט געוואָרן, און עס איז פאָרגעקומען די ח ת י מ ת - ה מ ש נ ה. רבי יהודה הנשיא האָט געזאָרגט וועגן דעם, אַז די גאַנצע תורה שבעל פה זאָל פאַרשריבן ווערן. אַזוי זיינען אין דער משנה אַריינגענומען געוואָרן אַלע תקנות, דינים און כללים, וואָס זיינען שייך צום גלויבן, צום פאַמיליען-לעבן, צום געזעלשאַפטס-לעבן, און אויך אַ טייל פון די פאָלקס-מעשיות, וואָס האָבן זיך אַנגעקליבן אין משך פון יאָר-הונדערטער.

די משנה איז געשריבן אין העברעאיש, נאָר דאָס העברעאיש איז פאַרשיידן פון דער שפּראַך, וואָס אויף איר איז געשריבן דער תנ"ך. אין איר זיינען פאַראַן אַ סך אַראַמישע אויסדרוקן, גריכישע און לאַטיינישע ווערטער. די משנה באַשטייט פון זעקס אָפּטיילונגען אָדער סדרים. אין ערשטן סדר, סדר זרעים, זיינען פאַראַן אַלע דינים, וואָס זיינען שייך צום באַאַרבעטן די ערד, צו געבן מעשר און אַנדערע אָפּצאָלונגען פון פירות, תבואות, בהמות, וואָס בעלי-בתים פון ערד האָבן געמוזט צאָלן, און אויך די כללים פון תפלות. אין דער צווייטער אָפּטיילונג, סדר מועד, זיינען אַריינגעשטעלט די דינים וועגן שבת, ימים-טובים און תעניתים. אין דער דריטער אָפּטיילונג, סדר נשים, געפינען זיך די דינים וועגן משפחה-זאַכן, ירושה, חתונות, גטן און כדומה. אין דער פערטער אָפּטיילונג, סדר נזיקין, געפינען זיך די ציווילע און קרימינעלע געזעצן (דיני ממונות און דיני נפשות). אין דער פינפטער אָפּטיילונג, סדר קדשים, זיינען פאַרשריבן די דינים וועגן קרבנות און אַנדערע צערעמאָניעס

פון בית־המקדש און וועגן כשרע און טריפע שפייזן. די זעקסטע אָפּטיילונג, דער סדר טהרות, איז כולל די דינים וועגן ריינקייט, וואָס עס מוזן אָפּהיטן כהנים און אַלע יידן.

אָט זיינען מוסטערן פון דינים, ווי זיי שטייען פאַרשריבן אין דער משנה:

„די צייט פון דער אינדערפריענדיקער תפילה איז ביז האַלבן טאָג; רבי יהודה זאָגט: ביז פיר שעה".

„דער וואָס בויט אום שבת, איז חייב אין אַזעלכע פאַלן: אויב ער האָט כאָטש עפּעס אויסגעבויט, אַרומגעטעסעט, גע־קלאַפּט מיט אַ האַמער, געהובלט מיט אַ הובל, דורכגעבויערט.— רבי שמעון בן גמליאל זאָגט: אפילו דער, וואָס האָט אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט אַ האַמער אויף אַ קאָוואַדלע, איז חייב".

„דיני ממונות ווערן געמשפּט פאַר דריי דיינים. איין צד קלייבט זיך אויס איין דיין, דער אַנדער צד — אַ צווייטן, און ביידע אינאיינעם קלייבן אויס אַ דריטן, — אַזוי זאָגט רבי מאיר".

„ווער עס האָט געדונגען פּועלים, בתנאי זיי זאָלן אויפשטיין פרי און לייגן זיך שפּעט, דער טאָר זיי ניט צווינגען דאָס צו טאָן, ווען אין יענעם אָרט איז מען זיך ניט נוהג אויפצושטיין פרי און צו לייגן זיך שפּעט. ווען אין יענעם אָרט איז דער מנהג צו שפּייזן די אַרבעטער, איז דער דינגער מחויב צו שפּייזן; ווען מען איז זיך נוהג צו געבן זיסע שפּייז, מוז ער געבן אַלץ לויטן מנהג פון דעם אָרט".

רבי יהודה איז געווען אַ נשיא אין משך פון 40 יאָר און איז געשטאָרבן, באַוויינט פון גאַנצן פאָלק. פאַרן שטאַרבן האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל נאָך אים לאַנג ניט טרויערן און מען זאָל אָנהויבן לערנען אין דער ישיבה ניט שפּעטער, ווי אין דרייסיג טעג אַרום נאָך זיין טויט. נאָכן טויט האָט מען אָנגעהויבן צו רופן רבי יהודה הנשיא רבינו הקדוש.

## די צייט פון די לעצטע נשיאים.

רבי יהודה הנשיא'ס זון, רבן-גמליאל III, האָט ניט גע-ירשנט דעם פאָטערס גרויסע כשרונות. דערפאַר איז זיין איי-ניקל, רבי יהודה II, געווען פונקט אַזוי אַנגעזען, ווי זיין זיידע. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין טבריה, און די דאָזיקע שיינע שטאָט, וואָס ליגט אויפן ברעג פון ים-גינוסר, איז געוואָרן דער גייסטיקער צענטר פון גאַנץ ארץ-ישראל.

דער נשיא רבי יהודה II איז געווען קעגן דעם, מען זאָל אַרויפלייגן צו האַרבע דינים אויפן פאָלק, און ער גופא פלעגט אויך אַמאָל אָפּטרעטן פון די אַלטע מנהגים. זיינע קינדער האָבן געלערנט חכמת יונית, און אין דער פירונג פון נשיא'ס שטוב און אין דער קליידונג פון זיין הויזגעזינד זיינען געווען אַ סך זאַכן, איבערגענומען ביי די גריכן און רוימער. רבי יהודה II האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר די שולן אין פאַלעסטינע. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס לערנען תנ"ך און אַנדערע הייליקע ספרים איז דאָס בעסטע מיטל אויף צו פאַרשטאַרקן דאָס יידישקייט. דעריבער פלעגט ער שיקן שלוחים איבער אַלע שטעט אָנצו-זאָגן דעם פאָלק, מען זאָל גרינדן נייע שולן און ברענגען אין אָר-דענונג די אַלטע. רבי יהודה פלעגט זאָגן: „די גאַנצע וועלט האַלט זיך אויפן אָטעם פון די קליינע קינדער, וואָס לערנען זיך (תינוקות של בית-רבן); מען טאָר ניט מפסיק זיין אין דער היי-ליקער עבודה צו לערנען קינדער, אפילו ניט כדי צו בויען אַ בית-המקדש".

דער נשיא האָט געהאַט אונטער זיך באַאַמטע, וואָס פלעגן אויספירן אַלע החלטות פון די תנאים, וואָס זיינען געזעסן אין דער ישיבה און אין גרויסן בית-דין. ווען עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט ניט געפאָלגט די באַאַמטע

פון נשיא, פלעגט ער זיך ווענדן נאָך הילף צו די רוימישע באַ־אַמטע. רבי יהודה II איז געווען גרוים ביי זיך, דערפאַר פלעגן אַרויסקומען ביי אים אַמאָל סכסוכים מיט די רבנים. די מיט־גלידער פון דער ישיבה האָבן זיך געהאַלטן פריי און האָבן זיך ערלויבט צו זאָגן אים אָפן, וואָס זיי איז ניט געפעלן אין זיינע מעשים. איין מאָל האָט מען אין דער ישיבה אַרומגעקלערט די שאלה וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שטראָף קומט די עלטסטע ווען זיי זיינען עובר אויפן געזעץ. האָט איינער פון די רבנים, ריש־לקיש, אַ פרעג געטאָן: „ווען דער נשיא טוט אַן עברה, צי קומט אים מלקות?" האָבן דער רוב מיטגלידער פון דער ישיבה גע־ענטפערט, אַז יאָ. רבי יהודה האָט זיך שטאַרק באַליידיקט און געהייסן אַריינזעצן ריש־לקישן אין תפיסה. נאָר יענער איז אַנט־לאָפן געוואָרן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט דער נשיא מוחל געווען ריש־לקישן און ערלויבט אים אומקערן זיך אין דער ישיבה. אַז ריש־לקיש איז צוריקגעקומען, איז דער נשיא אַליין אַרוים אַנטקעגן אים מקבל פנים זיין.

רבי יהודה איז געווען נשיא העכער 50 יאָר (230—286). ער איז אפילו געווען אַ גוטער מענטש, נאָר אָפטמאָל האָט ער צו שטרענג געפירט זיין ממשלה. ער פלעגט נעמען פון פאָלק צו גרויסע אָפּצאָלונגען אויף אויסצוהאַלטן זיין הויף און האָט אָפטמאָל באַשטימט פאַר דיינים און לערער אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען ניט געווען ראוי דערצו. נאָר רבי יהודה גופא האָט געפירט די נשיאות מיט אמתער ווירדע.

די נשיאים, וואָס זיינען געווען נאָך רבי יהודה II, האָבן ניט געלאָזן קיין רושם אין לעבן פון פאָלק, און אין די יידישע ספרים זיינען געבליבן ווינציק ידיעות וועגן זיי. נאָר כל־זמן די רוי־מישע מלוכה איז געבליבן ביי איר אַלטן היידנישן גלויבן, איז די חשיבות פון די נשיאים כמעט ניט געמינערט געוואָרן. אַנ־דערש איז עס געוואָרן שפּעטער. אין פערטן יאָרהונדערט האָט

דער קיסר קאנסטאנטין דער גרויסער אנגענומען די קריסטלעכע אמונה. זינט דעמאלט האבן די קריסטן באקומען א גרויסע מאכט אין דער מלוכה, און דער קריסטלעכער גלויבן האט זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן אין אלע לענדער פון דער רוימישער אימפעריע. די שטאט עליא קאפיטאלינא האט געקראגן צוריק איר אלטן נאמען ירושלים, וואס אויך די קריסטן האבן זי גע־האלטן פאר א הייליקער שטאט. נאר יידן האבן, פונקט ווי פריער, ניט געטארט וואוינען אין ירושלים. מער ניט איין מאל אין יאר, אום תשעה־באב, פלעגן די רוימישע וועכטער פאר א באזונדערן געצאלט ערלויבן יידן מתפלל צו זיין און אויסוויינען זיך אויף די חורבות פון זייער הייליקטום, ביים כותל־המערבי.

איצט האט מען שוין מער ניט צוגעלאזט קיין פרייע ויכוחים אין אמונה־זאכן צווישן יידן און קריסטן. די יידן האט מען אנגעהויבן רופן א „טמאדיקע כיתה". די קריסטן האבן אויפגעהערט אפצוריכטן זייער פאסחא אין איין צייט מיטן יידישן פסח און האבן זיך געפלייסט מיט אלע מיטלען זיך אפ־צוזונדערן פון יידן. אונטער טויט־שטראף איז געווארן פאר־באטן צו פארשפרייטן די יידישע אמונה. מען האט אויך פאר־באטן געמישטע שידוכים צווישן קריסטן און יידן, וואס פריער פלעגן זיי אמאל טרעפן.

דער מצב פון די יידן איז אלץ ערגער געווארן. בעת דער מלחמה, וואס די רוימער האבן געפירט קעגן די פערסער, זיינען יידן געווען מחויב צו האלטן ביי זיך אין שטוב רוימישע זעל־נער און געבן זיי עסן. דערביי האט מען זיי געצוואונגען צו באקן ברויט אום שבת און אפילו אום פסח. די רוימישע רע־גירונג פלעגט אלע ווײַלע צוקלערן פאר יידן אלץ נייע אפצא־לונגען. א יידישער דרשן פון יענער צייט האט צוגעגליכן דעם יידישן מצב צו א קלייד, וואס האט זיך פארטשעפעט אן א דארן: דו באוויזט קוים ארויסצונעמען איין פאלע, פארטשע־

פֿעט זיך די אַנדערע; דו באַווייזט קוים צו באַצאָלן איין אָפּ־צאָלונג — מען מאָנט שוין אַ צווייטע".

זיינען די איינוואוינער פֿון צפּורי, אַרויסגעבראַכט פֿון געדולד, איין מאָל ביינאַכט אָנגעפֿאַלן אויפֿן רוימישן גאַרניזאָן. צוגענומען דאָס געווער פֿון די זעלנער, און זיי אַלעמען אויסגעהרגעט. נאָך צפּורי זיינען אויפֿגעשטאַנען אויך טבריא און אַנדערע שטעט פֿון ארץ־ישראל. נאָר די רוימישע קריגס־הויפּטלייט האָבן באַלד איינגעשטילט די מרידה, און דערביי זיינען אומגעקומען טויזנטער ייִדן.

אין דער צייט פֿון קיסר יוליאַנוס דער אַפּיקורס (361—363) האָט פֿאַר ייִדן אויף אַ ווײַלע אַ שיין געטאָן אַ שטיקל האָפֿענונג. יוליאַנוס איז יונגערהייט אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן ווי אַ קריסט, אָבער ער האָט ליב געהאַט דעם גריכישן שטייגער לעבן און האָט געוואָלט איינפֿירן די רעליגיעזע פֿרייהייט, וואָס האָט געהערשט אין דער מלוכה אין דער היידנישער צייט. אַז ער איז געוואָרן קיסר, האָט ער באַלד מבטל געווען אַלע גזרות קעגן ייִדן און האָט אפֿילו צוגעזאָגט ווידער אויסצובויען דעם בית־המקדש אין ירושלים.

נאָר יוליאַנוס האָט געקיניגט סך הכל צוויי יאָר, און נאָך זיין טויט האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן רדיפֿות קעגן ייִדן. זיי איז געוואָרן פֿאַרבאָטן צו האַלטן ביי זיך קריסטלעכע משרתים, פֿאַרנעמען רעגירונגס־שטעלעס און בויען נייע בתי־כנסיות... אַז דער נשיא רבי גמליאל VI האָט אויסגעבויט, ניט געקוקט אויפֿן פֿאַרבאָט, אַ בית־הכנסת, איז ער געוואָרן אַראָפּגעזעצט פֿון דער נשיאות. אין יאָר 425 איז רבי גמליאל געשטאָרבן, און היות ווי ער האָט קיין קינדער נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט, האָט דער רוימישער קיסר אינגאַנצן מבטל געווען די נשיאות.

ניט געקוקט אויף די רדיפֿות, האָבן די ייִדישע געלערנטע אין ארץ־ישראל ניט אויפֿגעהערט צו לערנען תורה. דער עיקר

האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט שטודירן די משנה. די מחברים פון דער משנה, די תנאים, האָבן וועגן אַ סך פראַגן אַרויסגעזאָגט סותרדיקע מיינונגען, און אין דער משנה ווערן געבראַכט אַלע מיינונגען. בכן, האָבן די שפּעטערדיקע רבנים אַליין געמוזט באַשטימען, וואָסער מיינונג איז ריכטיקער, וואָסערע שטימט בעסער מיט דער געשריבענער תורה. דאָס האָט געפאָדערט פיל מי און אַ סך שאַרפזין.

די געלערנטע, וואָס האָבן געלעבט נאָך דער חתימת המשנה און האָבן זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן און איינטייטשן די דינים, וואָס זיינען פאַרשריבן אין איר, זיינען אָנגערופן געוואָרן אַמוראים. דער ערשטער אמורא אין ארץ-ישראל איז געווען רבי יהודה הנשיא׳ס אַ תלמיד, רבי יוחנן בן-נפחא.

אייניגע רבנים פון יענער צייט האָבן געהאַלטן, אַז די דינים פון דער משנה זיינען פונקט אַזוי גילטיק, ווי די חוקים פון דער תורה, און דערפאַר טאָרן זיי ניט איבערגעביטן ווערן. רבי יוחנן איז דערמיט ניט געווען מסכים, ער האָט געהאַלטן, אַז די תנאים פון פאָלקס לעבן בייטן זיך איבער, און ממילא דאַרף אויך די יידישע געזעצגעבונג מיט דער צייט אויסגעביטן ווערן. אפילו די אויסטייטשונג פון די חוקים פון דער תורה איז ניט שטענדיק געבליבן איינע און די זעלביקע; אַזוי אַשטייגער, שטייט אין דער תורה: „עין תחת עין", דאָס איז טייטש „אויג פאַר אויג", אָבער שוין גאָר פון אַמאָליקע צייטן האָט מען דאָס געזען אויסגעטייטשט אַזוי, אַז דער וואָס האָט ביי עמיצן אויסגעשלאָגן אַן אויג, איז געווען מחויב אויסצוקויפן זיך ביי יענעם מיט געלט. דעריבער איז רבי יוחנן געקומען צו דער מסקנא, אַז אויך די דינים פון דער משנה דאַרף מען ניט אָננעמען, אַזוי ווי זיי שטייען געשריבן, נאָר מען דאַרף זיי איינטייטשן, צוגעפאַסט צו די נייע לעבנס-תנאים.

רבי יוחנן בן-נפחא האָט געגרינדעט אין טבריא אַ ישיבה, און אונטער זיין אָנפירונג האָבן געלערנטע זיך פאַרנומען מיט אַרומקלערן די דינים פון משנה. עס פלעגט טרעפן, אַז אַ טייל פון די אַמוראים פלעגן מסכים זיין מיט דער מיינונג פון איין תנא, און אַ טייל פון זיי פלעגט האַלטן מיט אַן אַנדער תנא, דעמאָלט פלעגן אָװעקגיין אין דער ישיבה לאַנגע ויכוחים.

די אמוראים, וואָס האָבן געלעבט נאָך רבי יוחנן בן נפחא, האָבען ווייטער געפירט זיין אַרבעט, אין משך פון IV—III יאָרהונדערט האָבן די אמוראים זיך פלייסיג פאַרנומען מיט אויס־פאַרשן די משנה. אַלע מסקנות פון די אמוראים, אַלע נייע דינים, און אויך זייערע ויכוחים און חקירות האָט מען צונויפגעזע־קליבן, צוערשט אויף אויסווייניק, און דערנאָך אויך פאַרשריבן. אַזוי איז געוואָרן די ג מ ר א, וואָס איז אַ פירוש צו דער משנה. אין דער גמרא זיינען אויך אַריינגעטראָגן געוואָרן פאַר־שיידענע דרושים אויף פסוקים פון תנ"ך, מוסר-שפּרוכן, גלייכ־ווערטלעך און פאָלקס-מעשיות, און אויך ספּורים פון לעבן פון די תנאים, אמוראים, נשיאים און אַנדערע יידישע גרויסע לייט. די גמרא איז פונאַנדערגעטיילט געוואָרן לויט די געהעריקע אָפּ־טיילונגען פון דער משנה. אַשטייגער נאָך די משנות, וואָס אין זיי ווערט גערעדט וועגן די משפחה-ענינים, האָט מען אָװעקגע־שטעלט אַלע נייע תקנות, אַלע פּלפּולים און מסקנות פון די אמוראים וועגן די זעלביקע ענינים; נאָך די משנות וועגן שבת האָט מען פאַרשריבן אַלע נייע הוספות צו די דינים וועגן שבת. אויף אַזאַ אופן איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער תלמוד ירושלמי, וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ קורצער צייט פריער, איידער די נשיאות איז בטל געוואָרן. די יידן אין ארץ־ישראל האָבן נאָך אַלץ גערעדט צווישן זיך אויף אַראַמיש, און די גמרא איז געשריבן, דער עיקר, אויף אַראַמיש.

# 7.
# די אידישע קאלאניעס

## פון וואס מען לעבט.

אין בבל, פרס און מצרים האבן זינט לאנג אן געוואוינט יידן. באזונדערס א סך יידן האבן אנגעהויבן אפפארן פון ארץ-ישראל נאכדעם ווי די גריכן האבן איינגענומען דאס לאנד יהודה. מיט דער צייט זיינען אויפגעקומען יידישע קאלאניעס אין די שטעט פון קליין-אזיע, סיריע, גריכנלאנד, איטאליע און אנדערע לענדער.

א יידישער סוחר, וואס פלעגט ווען עס איז קומען צו פארן אין א סירישער, גריכישער אדער איטאליענישער שטאט, פלעגט זיך אמאל אויסרעכענען, אז אים לוינט צו בלייבן דארט וואוינען, און ער פלעגט אריבערפירן אהין אויך זיין משפחה. נאכן ערשטן סוחר פלעגט קומען צו פארן א צווייטער, א דריטער, און אזוי פלעגט ווערן א גאנצע יידישע קאלאניע. אין גרויסע קאלאניעס האבן געוואוינט ניט נאר סוחרים, נאר אויך קליינע הענדלער און אפילו בעלי-מלאכות. יידן פלעגן זיך אבער באזעצן אין אזעל-כע ערטער, וואו עס פלעגן ווערן אויסגעארבעט א סך פראדוקטן. יידישע בעלי-מלאכות זיינען ניט געווען קיין באזונדערס קונ-ציקע ארבעטער און פלעגן טאן נאר פשוטע ארבעטן. צווישן זיי זיינען געווען דער עיקר בעקערס, בוימייסטערס, שמידן.

וואס מער קאלאניעס עס זיינען געווארן, אלץ גרינגער איז געווען פאר יידן צו פירן די האנדלס-געשעפטן. וואו אהין יידישע סוחרים פלעגן נאר קומען צו פארן, קיין בבל, אנטיוכיא, אלכסנדריא, אטען אדער רוים, אומעטום פלעגן זיי טרעפן זיי-

ערע פאלקסברידער. ווען זיי האבן געוואלט, האבן זיי געקאנט פירן געשעפטן ניט מיט די בבלישע, סירישע, גריכישע אדער איטאליענישע סוחרים, נאר מיט יידן. היות ווי די יידישע סוחרים האבן געוואוסט, אז וואוהין זיי וועלן קומען, וועלן זיי אומעטום געפינען פאלקסברידער, וואס וועלן זיי צונעמען פאר גוטע אורחים, העלפן מיט אן עצה, ארויספירן פון א נויט, דע־ריבער פלעגן זיי זיך מיט א גרינגן הארצן לאזן אין וועג ארייַן.

נאר אין רואיקע צייטן פלעגן יידן ניט מיט קיין גרויסן חשק זיך אריבערקלייבן אין פרעמדע לענדער, ווייל זיי האבן בעסער געוואלט וואוינען ביי זיך אין דער היים. נאר אז דער דרוק פון די פרעמדע מושלים פלעגט שטארקער ווערן, פלעגט די צאל פון די עמיגראנטן גיך אויסוואקסן. וואס ערגער עס פלעגט ווערן דער מצב אין מלכות־יהודה, אלץ מער יידן פלעגן פארלאזן זייער היים. וואס פון יאר איז די צאל פון די קאלא־ניעס אלץ מער אויסגעוואקסן. יידן האבן געוואוינט ניט נאר אין סיריע, גריכנלאנד און איטאליע, נאר אפילו אויפן קרימער האלב־אינזל.

די מלכים און שרים פון בבל, פרס און מצרים האבן ליב געהאט לוקסוס און פלעגן מיט גרויס חשק קויפן אויסלענדישע סחורות; נאר די גריכן און רוימער האבן זיי שטארק אריבער־געשטייגט אין דעם פרט. די גריכישע מלכים און די גריכישע שרים פלעגן געברויכן בבלישע, אינדישע, אראבישע און פא־לעסטינישע פראדוקטן. און אז רוים איז געווארן א וועלט־מלוכה, איז די פאדערונג אויף לוקסוס־זאכן אויסגעוואקסן ביז גאר.

דער לוקסוס פון די רוימישע גרויסע לייט אין שפייז און קליידונג איז געווען אין לשער. רוימישע שרים פלעגן צאלן מוראדיקע געלטן פאר בבלישע קאבריצעס און געווער, פאר אינ־דישע געוואנטן און אבנים טובות, פערלען און שאלן פון בארג־קרישטאל, פאר צימערינג, אינגבער, קארדאמאן און אנדערע

אראבישע בשמים, פאר פאלעסטינישע ווייגען, באלזאם און כדומה נאך אזעלכע זאכן. אויף אזא אופן, האט די אויסברענגעריי פון די רוימישע שרים מיטגעהאלפן דעם אויפבליהען פון אינדוסטריע און האנדל.

נאר נאך מער האט גורם געווען דערצו, אז דער האנדל זאל זיך פארברייטערן, דאס, וואס א סך מלוכות זיינען געווען פארבונדן אונטער דער ממשלה פון רוים און האבן זיך געפונען אונטערן שוץ פון רוימישן חיל. די רוימישע רעגירונג האט אומעטום אנגענומען מיטלען קעגן גזלנים, זיי זאלן ניט בארויבן די סוחרישע קאראוואנעס, און קעגן ים-רויבער, זיי זאלן ניט אנפאלן אויף די האנדלס-שיפן. מחמת דעם האבן די סוחרים געקאנט זיכער רייזן פון איין לאנד אין צווייטן.

יידן האבן גענומען א גרויסן אנטייל אין וועלט-האנדל. יידישע סוחרים פלעגן געוויינטלאך אליין אפפירן זייערע סחורות און פלעגן רייזן ניט איינציקווייז, נאר אין גאנצע קאראוואנעס. א לאנגער און שווערער וועג איז פאר זיי געשטאנען. על פי רוב פלעגן זיי אנקומען אין דער שטאט, וואס זיי האבן באשטימט, ערשט אין עטלעכע חדשים ארום. בכדי צו באשיצן זייער לעבן און אייגנס, פלעגן זיי אפטמאל אפילו מוזן דינגען זעלנער, וואס זאלן זיי היטן.

אויף אלע אפשטעלן פלעגט פארקומען א מין יריד; די סוחרים פלעגן פארקויפן א טייל פון זייערע סחורות, און אנשטאט דעם אויפקויפן אנדערע. אז די סוחרים פלעגן אנקומען צולעצט אין דער שטאט, וואו מען האט געקאנט פארקויפן אלע סחורות, פלעגן זיי איינקויפן ארטיקע פראדוקטן, בכדי ניט צו פארן צוריק ליידיק, און אנלאדן זיי אויף זייערע קעמלען. דער האנדל איז געגאנגען ניט נאר איבער דער יבשה · גרויסע יידישע סוחרים האבן געהאט אפילו אייגענע שיפן.

זייער אַ סך יידן האָבן געוואוינט אין אלכסנדריא של מצרים. די שטאָט איז געוואָרן אויסגעבויט אין אלכסנדר מוקדונס צייט, און אלכסנדרס יורשים, די פּטאָלאָמייער, האָבן זי געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון מצרים. אלכסנדריא ליגט ביים מיטעללענדישן ים, און דערפאַר איז פון דאָרט באַזונדערס באַקוועם אַריבערצופירן סחורות אין די אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע שטעט. דעריבער האָבן זיך פון אַלע זייטן געגומען אַהער אַנקלייבן מענטשן, בכדי צו פירן אַ גרויסן האַנדל. די באַפעלקערונג פון אלכסנדריא איז גיך אויסגעוואַקסן, און אין הונדערט יאָר אַרום איז זי געוואָרן אַ רייכע האַנדלס-שטאָט, וואו עס זיינען געזעסן אַ האַלבער מיליאָן איינוואוינער. דער גרעסטער רוב פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון גריכן. נאָר דאָרט האָבן געוואוינט אויך צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס צווישן זיי זיינען געווען זייער רייכע סוחרים.

אַ סך יידן האָבן געוואוינט אין רוים. אַהין האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אַריבערקלייבן ערשט אין ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייט, אָבער נאָכדעם ווי די רוימער האָבן איינגענומען מלכות-יהודה, איז דאָ מיט אַמאָל געוואָרן אַ גרויסע יידישע קאָלאָניע. פּומפּיוס האָט אָפּגעפירט קיין רוים טויזנטער געפאַנגענע יידן. דער גרעסטער רוב פון זיי זיינען אין גיכן געוואָרן פריי געלאָזט. נאָר זיי זיינען געבליבן זיצן אין רוים און האָבן זיך פאַרנומען דאָרט מיט האַנדל און מלאכות.

פון איטאַליע פלעגט מען אַרויספירן נאָר ווייַן און בוימל: די תבואות און אַנדערע ערד-פּראָדוקטן פלעגן ווערן פאַרברויכט אין לאַנד גופא. די אינדוסטרי איז דאָרט געווען שוואַך אַנטוויקלט. נאָר די מיליאָן-באַפעלקערונג פון דער רוימישער הויפּטשטאָט האָט ניט נאָר איינגעשלונגען אַ מוראדיקן סכום פון עסנוואַרג, נאָר זי האָט געברויכט אויך אַ סך פאַרשיידענע לוקסוס-אַרטיקלען. כדי צו זעטיקן דעם באַדאַרף פון רוים און פון גאַנץ

איטאַליע, האָבן סירישע, יידישע און איטאַליענישע סוחרים אָן אויפהער געפירט אַהין פאַרשיידענע סחורות, סיי איבער דער יבשה און סיי איבערן ים, פון די אַזיאַטישע, אַפריקאַנישע און אייראָפּעאישע פּראָווינצן פון דער רוימישער אימפּעריע.

דער גרויס-האַנדל האָט זיך געפונען אין די הענט פון די רייכע סוחרים, וואָס פלעגן חלקים-ווייז פאַרקויפן זייערע סחורות קלענערע סוחרים און הענדלער. אין רוים זיינען געווען ווינצי־קער רייכע יידן, איידער אין אלכסנדריא. דער גרעסטער רוב פון די רוימישע יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט לאחדים-האַנדל; אַ סך פון זיי פלעגן פונאַנדערטראָגן סחורות איבער די הייזער.

אַ גרויסע יידישע קאָלאָניע האָט זיך געפונען אויך אין דער הויפּטשטאָט פון סיריע, אַנטיוכיאַ. מחמת דעם, וואָס סיריע ליגט בשכנות מיט פּאַלעסטינע, פלעגן יידן אַריבערפאָרן אַהין מיט מער חשק, ווי אומעטום. ניט אַלע יידן פון סיריע האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל: צווישן די קאָלאָניסטן זיינען געווען בעלי־מלאכות און אפילו פּויערים. נאָר אין סיריע איז פון לאַנג אָן געווען פאַרשפּרייט האַנדל. באַזונדערס באַרימט איז זי גע־ווען מיט אירע שמעקנדיקע אייל‏ן, זיידענע געוואַנטן, צעדער־האָלץ, פיסטאַשקעס. פון פּאַלעסטינע, אינדיע, בבל, פרס און אַנדערע מזרח-לענדער פלעגן סוחרים ברענגען צופירן פאַרשיי־דענע סחורות קיין סיריע; אַ טייל פון די סחורות פלעגן בלייבן אויפן אָרט, און אַ טייל געשיקט ווערן ווייטער קיין מערב, קיין רוים און גריכנלאַנד. יידן האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אין סירישן האַנדל, און אין אַנטיוכיאַ זיינען אַ סך גרויסע יידישע סוחרים געווען.

# די אינווייניקסטע פּאַראַנדקעס.

אין אַלע שטעט פלעגן די יידישע קאָלאָניסטן זיך באַזעצן אין באַזונדערע קווארטאַלן און דאָרט פלעגן זיי אויסבויען זייערע סינאַגאָגעס. די גריכישע מלכים און רוימישע קיסרים האָבן גע־ווינלאך ניט געשטערט די יידן צו היטן זייער אמונה, אַנדערש וואָלטן זיי ניט געבליבן וואוינען אין פרעמדע לענדער. איט־לעכע קאָלאָניע האָט געבילדעט אַ באַזונדערע קהלה, וואָס בראש פון איר זיינען געשטאַנען עלטסטע. חוץ דעם, פלעגן יידן אויס־קלייבן נאָך עטלעכע ממונים, וואָס פלעגן אָפטמאָל בלייבן אויף זייערע שטעלעס דאָס גאַנצע לעבן און אפילו איבערלאָזן די שטעל בירושה צו זייערע קינדער.

סיי אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די גריכן און סיי אין דער רוימישער צייט האָבן די יידישע קהלות געהאַט דאָס רעכט אַרויפצולייגן אויף זייערע מיטגלידער אָפּצאָלונגען. אַ טייל פון דעם צונויפגעקליבענעם געלט פלעגט ווערן אויסגעגעבן אויף די הצטרכותן פון דער קאָלאָניע גופא, און אַ טייל פלעגט ווערן אָפּגעשיקט קיין ירושלים אויף די אַלגעמיינע הצטרכותן פון יידישן פאָלק: אויף אויסהאַלטן דעם בית־המקדש, די כהנים, דעם סנהדרין א. א. וו. נאָך מער, די קהלות האָבן געהאַט דאָס רעכט צו משפטן יידן, פונאַנדערקלייבן פּראָצעסן און לאָדן צום דין פאר פאַרשיידענע פאַרברעכנס. צום אַלגעמיינעם בית־דין האָבן יידן געדאַרפט אָנקומען נאָר אין יענע פאַלן, ווען דער גע־ליטענער אָדער באַשולדיקטער איז ניט געווען קיין ייד. פאַר רציחה, גזלה, אונטערצינדן און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס פלעגן יידן ווערן געמשפּט אין די אַלגעמיינע בתי־דינים; נאָר אום שבת פלעגט מען זיי ניט לאָדן צום בית־דין.

די רוימישע רעגירונג האָט אַזוי פיל געאַכט די יידישע אמונה, אַז זי האָט זיי אפילו באַפרייט פון חוב צו דינען אין חיל,

בכדי זיי זאָלן ניט דאַרפן מחלל שבת זיין: טראָגן געווער, גיין מער, וויפיל מען מעג גיין אום שבת א. אַז. וו. אין אַ סך שטעט האָבן די יידישע קאָלאָניסטן חוץ דעם נאָך געהאַט אַלע רעכט פון אָרטיקע בירגער. זיי פלעגן אויך נעמען אַן אָנטייל אין קלייבן די שטאָטישע באַאמטע, און עס פלעגט אפילו טרעפן, אַז יידן פלעגן פאַרנעמען הויכע רעגירונגס-שטעלעס.

אַלכסנדריא איז געווען איינגעטיילט אין פינף שטאָט-טיילן, און צוויי פון זיי זיינען געווען דורכאויס באַוואוינט דורך יידן. דאָ איז געווען אויסגעבויט אַ גרויסאַרטיקע סינאַגאָגע, וואָס אַלע זיינען געווען נשתומם איבער איר שיינקייט. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט זיילן, און אינוויינייק האָבן זיך געפונען 70 פאַרגילדטע שטולן, וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר די עלטס-טע פון שטאָט. די יידן פון אלכסנדריא זיינען געווען שטאַרק חשוב אין שטאָט; אָבער דער גרעסטער רוב פון זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט. זיי פלעגן זיך באַגעגענען מיט די גריכן און סיריער דער עיקר נאָר אין געשעפטס-זאַכן, נענטער אויפצוטראָגן זיך מיט די היידן האָבן זיי אויסגעמיידט.

מחמת דעם, וואָס די יידן האָבן מבזה געווען די היידנישע רעליגיע, האָבן זיי באַליידיקט די איבעריקע באַפעלקערונג פון אלכסנדריא, און פלעגן דורכדעם אָפטמאָל אַרויסרופן שנאה צו זיך. הגם די היידן האָבן געוואוינט אין נאָענטער שכנות מיט די יידן, פונדעסטוועגן האָבן זיי גאָרנישט ניט געוואוסט פון דער יידישער אמונה, פון די יידישע רגילותן און מנהגים און זיינען געווען גרייט צו גלויבן אַלצדינג, וואָס מען האָט גערעדט אויף יידן. דאָס האָבן אויסגענוצט שלעכטע מענטשן און פלעגן פאַר-שפּרייטן פאַרשיידענע בלבולים און ווילדע מעשיות וועגן יידן. מען פלעגט דערציילן, אַז אין בית-המקדש אין ירושלים געפינט זיך אַ קאָפּ פון אַן אייזל, וואָס צו אים בוקן זיך די יידן; אַז אַלע יאָר פיטערן זיי אָפּ אין בית-המקדש אַ גריך און קוילען אים

דערנאָך און עסן אויף זיינע אינגעווייט. קיין חידוש ניט, וואָס מענטשן פון פינסטערן, אומגעבילדעטן גריכישן און סירישן המון האָבן געגלויבט אין אַלע די מעשיות און האָבן זיך פאַר-האַלטן מיט שנאה צו יידן. עס פלעגן אפילו אַמאָל אַרויסקומען בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן דעם היידנישן המון און צווישן די יידן. מער ווי שטענדיק האָבן די יידן זיך אָנגעליטן אין דער צייט פון רוימישן קיסר קאַליגולאַ.

פון זיין אומבאַגרעניצטער מאַכט און פון דער חניפה פון די הויפסלייט, איז קאַליגולאַ שיעור ניט משוגע געוואָרן און האָט געפאָדערט, אַז אַלע זאָלן זיך צו אים בוקן, ווי צו אַ גאָט. אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון רוים, האָבן באַלד געפאָלגט דעם קיסרס באַפעל, און אין אַלע הייד-נישע טעמפלען האָט מען אַריינגעשטעלט דעם קיסרס סטאַטועס נעבן די סטאַטועס פון די געטער, און מען האָט זיך אומעטום געבוקט צו זיי, ווי צו געטער. נאָר יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט אַוועקשטעלן קאַליגולאַס סטאַטועס אין בית-המקדש און אין די סינאַגאָגעס. אויך די יידן פון אלכסנדריא האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם באַפעל. זיינען אָבער די גריכן פון אלכסנדריא געוואָרן אין כעס איבער דער עקשנות פון די יידן און האָבן באַשלאָסן צו צווינגען זיי אָנגעמען דעם קיסר פאַר אַ גאָט. האָט דער היידנישער המון זיך אַריינגע-ריסן אין דער גרויסער סינאַגאָגע און אַוועקגעשטעלט דאָרט דעם קיסרס סטאַטועס. דערנאָך האָט דער אויפגערייצטער המון אַוועקגעלאָזט זיך איבער די גאַסן רויבן און הרגענען יידן.

האָבן יידן זיך גענומען בעטן ביי די רוימישע באַאַמטע, זיי זאָלן זיי באַשיצן; נאָר דאָס מאָל האָט דאָך דער המון פון אלכסנדריא זיך איינגעשטעלט פאַרן קיסרס כבוד, דעריבער האָט דער רוימישער פאַרוואַלטער ניט געפונען פאַר מעגלאַך זיך אַנט-קעגנצושטעלן די גוואַלט-טוער. אדרבא, ער האָט אפילו גע-

הייסן כאפן 38 חשובע יידן און שמייסן זיי אין טעאטער פארן גאנצן המון אין די אויגן.

ווי נאר דער טומל איז אביסל רואיקער געווארן, האבן די יידן פון אלכסנדריא אוועקגעשיקט קיין רוים זייערע פאר־שטייער, בכדי זיך צו פארענטפערן פארן קיסר. נאר קאלי־גוליא האט באגעגנט די יידישע שלוחים מיט חוזק: „איר, הייסט עס, ווילט מיך ניט אנערקענען פאר א גאט?“ אויף אלע טענות פון די שלוחים האט ער געענטפערט מיט שפעטערייען; און אז זיי זיינען צולעצט אוועק פון אים, האט קאליגולא גע־זאגט: „די דאזיקע מענטשן זיינען ניט אזוי פיל שולדיק, נאר עס איז א גרוים רחמנות אויף זיי, וואס זיי גלויבן ניט אין מיין געטלעכקייט“. אין א יאר ארום איז קאליגולא דערהרגעט גע־ווארן. דער נייער קיסר האט באלד אפגעשאפט קאליגולאס בא־פעל און באשטעטיקט די רעכט פון די יידן, די שולדיקע פון פאגראם אין אלכסנדריא זיינען פארמשפט געווארן צום טויט.

די היידנישע באפעלקערונג פון אנטיוכיא איז אויך בא־שטאנען דער עיקר פון גריכן און סיריער. נאר א סך פון זיי איז געפעלן געווארן די יידישע אמונה, און זיי פלעגן גערן קומען אין דער גרויסארטיקער סינאגאגע פון אנטיוכיא, בכדי זיך צוצו־הערן צו די תפילות און דרשות. נאר דער גרעסטער רוב פון דער באפעלקערונג פון דער סירישער הויפטשטאט האט ווייניק געקאנט די יידן און האט גרינג געגלויבט אין אלע רכילותן. איין מאל איז ארוים א קלאנג, אז יידן ווילן אונטערצינדן די שטאט. אינגיכן איז טאקע פארגעקומען א שרפה, און דער כעס פון די היידן איז געווען אזוי גרוים, אז עס האט אויסגעדוכט, אז עס איז ניט אויסצומיידן א הריגה. צום גליק, האט זיך דעם רוי־מישן פארוואלטער איינגעגעבן צו פארהיטן א בלוטפארגיסונג, און די אויספארשונג האט באוויזן, אז אין דער שרפה זיינען יידן ניט שולדיק.

נאָכן חורבן בית־המקדש האָט די היידנישע באַפעלקערונג פון אַנטיוכיאַ געוואָלט אויסנוצן די פיינדלעכע שטימונג פון דער רוימישער רעגירונג בנוגע צו יידן. די איינוואוינער פון אַנטיו־כיאַ האָבן געמאַכט פאַר טיטוסן אַ קבלת־פנים מיט גרויס פּאַ־ראַד, און האָבן דערביי געבעטן, צו פאַרטרייבן די יידן פון שטאָט. נאָר די היידן האָבן זיך אָפּגענאַרט אין חשבון. טיטוסן האָט ניט געלוינט אָנצומאַכן נייע מהומות און ווידער אויפרעגן די יידן, נאָכדעם ווי ער האָט אָקאָרשט דורכגעפירט אַזאַ שווערע מלחמה. דעריבער האָט ער לא די וואָס ניט פאַרטריבן די יידן פון אַנטיוכיאַ, נאָר אפילו אָפּגעזאָגט זיך פון צו באַגרעניצן זייערע רעכט, און זיי האָבן אויך ווייטער גענאָסן גלייכע רעכט מיט דער היידנישער באַפעלקערונג.

די רוימעשע רעגירונג האָט בכלל פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג עס האָבן די יידישע קאָלאָניעס פאַרן האַנדל און אינדוסטריע, און פלעגט געוויינלאַך באַשיצן די קאָלאָניסטן קעגן די געוואָלט־מעשים פון דער היידנישער באַפעלקערונג. דער מצב פון די יידישע קאָלאָניעס איז געווען אינגאַנצן אָפּגע־האַנגען דערפון, ווי אַזוי עס פאַרהאַלטן זיך צו זיי די רוימישע קיסרים. מחמת דעם האָבן די יידן פון רוים זיך געפלייסט צו האָבן וואָס אַ גרעסערע השפעה אין דער רוימישער הויפּט־שטאָט און פלעגן נעמען אַן אָנטייל אין אויסקלייבן די באַאַמטע, בכדי צו האָבן צווישן זיי באַשיצער.

## דאָס גייסטיקע לעבן.

הגם די יידן האָבן אומעטום געלעבט אָפּגעזונדערט פון די היידן, פונדעסטוועגן האָט די העלענישע קולטור, דער שטייגער לעבן פון די גריכן, וואָס איז געווען אַריינגעדרונגען אין אַלע שטעט, געהאַט אַ ווירקונג אויך אויף די יידישע קאָלאָניעס. ווי

פאַרפאַרעמדט די קאָלאָניסטן האָבן זיך געהאַלטן פון זייערע שכנים, פאַרט האָבן זיי ניט געקאָנט אויסמיידן זיך אויפצוטראָגן מיט זיי. סיי אין האַנדלס-געשעפטן, סיי אין בית-דין, סיי אויף פאָלקס-פאַרזאַמלונגען פלעגן זיי זיך צונויפקומען מיט רוימער, גריכן, סיריער. באַזונדערס אָפט פלעגן יידן זיך באַגעגענען מיט די היידן אין יענע שטעט, וואו זיי האָבן געהאַט גלייכע רעכט מיט די אָרטיקע איינוואוינער, וואו זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער הנהגה פון די שטאָטישע ענינים, אין אויסקלייבן די באַאַמטע א. אַז. וו.

די שטענדיקע אויפטראָגן מיט רוימער, גריכן און סיריער האָבן געבראַכט דערצו, אַז די יידישע קאָלאָניסטן האָבן אָנגענו־מען אייניקע גריכישע מנהגים. פונקט ווי אין ארץ-ישראל, האָט די תשוקה צו דער העלענישער קולטור זיך אַרויסגעוויזן דער עיקר צווישן די יידישע גבירים און גרויסע סוחרים. זיי פלעגן אומבייטן זייערע נעמען אויף אַ גריכישן שטייגער, נעמען אַן אָנטייל אין גימנאַסטישע שפּילן, באַזוכן טעאַטער. נאָר אויך אין די קאָלאָניעס האָבן אפילו די פאַרברענטסטע העלעניסטן געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער היידנישער רעליגיע פון די גריכן. אַלע האָבן זיי אָפּגעהיט די חוקים פון דער יידישער אמונה און האָבן געשיקט פּינקטלעך די אָפּצאָלונגען פאַרן בית־המקדש. זייער הייעסטער פאַרלאַנג איז געווען עולה-רגל צו זיין קיין ירושלים, מתפלל זיין אין בית-המקדש און אָנקוקן דאָס הייליקע לאַנד.

מער פון אַלץ האָט די השפעה פון העלעניזם זיך אַרויסגע־וויזן אין אלכסנדריא. די יידן פון אלכסנדריא האָבן זיך אַזוי ווייט צוגעוואוינט צו דער גריכישער שפּראַך, אַז אפילו צווישן זיך האָבן זיי גערעדט גריכיש. די הויפּטשטאָט פון עגיפּטן האָט געהאַט אַ שם ניט נאָר מיט איר האַנדל. דאָ האָבן געוואוינט אַ סך געבילדעטע און געלערנטע גריכן, אַ סך קינסטלער, סקולפּ־

טאָרן, אַרכיטעקטאָרן, און אין מוזיי פון אלכסנדריא האָבן זיך געפונען מערקווירדיקע קאָלעקציעס פון בעלי־חיים און געוויקסן. דאָרט איז אויך געווען אַן אוניווערסיטעט און אַ גרויסע ביבליאָ־טעק, וואו עס האָבן זיך געפונען ביז 700,000 כתב־ידן.

די יידן, וואָס האָבן געוואוינט בשכנות מיט די גריכן און גערעדט אויף זייער שפּראַך, האָבן אָנגעהויבן איבערנעמען ביי זיי פאַרשיידענע זאַכן. זיי האָבן ניט נאָר באַזוכט טעאַטערס און גימנאַזיעס, נאָר זיי פלעגן אויך באַשענקען חשובע מיטגלי־דער פון דער קהלה פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן מיט קראַנצן. ניט ווייט פון אלכסנדריא איז געווען אויסגעבויט אַ סינאַגאָגע לכבוד דעם עגיפּטישן קיניג. נאָר בעת די ירושלימער גדולים האָבן איבערגענומען נאָר די אויסווייניקסטע העלענישע מנהגים, האָבן די אלכסנדריער זיך אינטערעסירט אויך מיט גריכישער ליטעראַטור און קונסט. נאָר אויך זיי האָבן זיך מיט דער יידי־שער ליטעראַטור פאָרט מער אינטערעסירט. נאָך אין III יאָרהונדערט פאַר דער קריסטל. צייט איז דער חומש געוואָרן איבערגעזעצט אויף גריכיש.

וועגן דעם ווערט דערציילט אַזאַ מעשה. דער קיניג תלמי האָט געוואָלט זיך איינשאַפן פאַר דער ביבליאָטעק אין אלכסנדריא די הייליקע ספרים פון די יידן אויף גריכיש. האָט ער געשיקט קיין ירושלים שלוחים און געבעטן, מען זאָל אים צושיקן קיין אלכסנדריא יידישע געלערנטע, וואָס קאָנען גוט גריכיש. האָט דער כהן־גדול באַלד געטאָן דעם קיניגס פאַרלאַנג, געשיקט קיין אלכסנדריא 72 זקנים. דער קיניג האָט צוגענומען מיט גענאָד די איבערזעצער און האָט לאַנג מיט זיי געשמועסט. דערנאָך האָט מען זיי באַזעצט אויף אַן איינזאַמען אינזל, וואו זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. דערביי האָבן זיי אַלע גלייכצייטיק איבערגעזעצט איין און דעם זעלביקן קאַפּיטאַל און אַלע טאָג פלעגן זיי פאַרגלייכן די איבערגעזעצטע פסוקים. מחמת

דער התמדה פון די זקנים איז די איבערזעצונג פּאַרטיק געוואָרן אין 72 טעג. אַז מען האָט זי איבערגעלייענט פאַר דער קהלה פון אלכסנדריא, האָבן אַלע געלויבט די גוטע איבערזעצונג. דערנאָך האָט מען די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה אונטערגעטראָגן דעם קיניג תלמי. דער קיניג איז געווען נתפּעל איבער דער חכמה פון תורת-משה, און ער האָט באַשאָנקען די איבערזעצער מיט רייכע מתנות און אָפּגעשיקט זיי אַהיים, — נאָך ביזן היינטיקן טאָג איז פאַראַן אַ גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך, וואָס ווערט אָנגערופן די איבערזעצונג פון די שבעים זקנים.

אין II יאָרהונדערט פאַר קר. האָבן זיך באַוויזן אין אלכסנדריא גריכישע איבערזעצונגען פון די ספרים פון די נביאים, פון תהלים, פון די כראָניקעס, שפּעטער זיינען געוואָרן איבערגעזעצט יידישע מעשיות, משלים, די ספרי מכבים און אַנדערע. די יידישע איבערזעצער האָבן שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז די הייליקע ספרים זאָלן זיין איבערגעזעצט פּינקטלעך. אין די מעשה-ביכער און היסטאָרישע ספרים אָבער פלעגן זיי אַריינשטעלן פון זיך מוסר-שפּרוכן און פאַרשיידענע פּרטים, וואָס אין דעם גרונט-טעקסט זיינען זיי ניטאָ.

## פילון פון אלכסנדריא און די פאַרשפּרייטונג פון דער אידישער אמונה.

פילון האָט געלעבט אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטל. צייט. ער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה און איז געווען איינער פון די שלוחים, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון דער אלכסנדריער יידישער קאָלאָניע צום קיסר קאַליגולאַ. פילון איז געווען זייער געבילדעט. ער האָט גוט געקאָנט די גריכישע ליטעראַטור און האָט שטאַרק געאַכט די

גריכישע און רוימישע פילאָסאָפן. נאָר תורת־משה איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלץ, און ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע אמונה איז די בעסטע, די קליגסטע, די ריכטיקסטע, די מענטשלעכסטע. פילון פון אלכסנדריא האָט גריכיש געקאָנט בעסער, איידער העברעאיש, און זיינע ווערק האָט ער געשריבן אויף גריכיש. ער האָט אָנגעשריבן זייער אַ סך ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. ווייל זיי זיינען געווען געשריבן אין אַ פרעמדער שפּראַך, האָבן יידן אין שפּעטערדיקע צייטן זיינע ביכער ניט געלייענט און אפילו ניט געוואוסט פון זיי. דערפאַר אָבער האָבן די קריסטלעכע געלערנטע און גלחים זיי אפילו שטודירט און אויסגענוצט אויף איינצוטייטשן די יידישע כתבי־הקודש, וואָס זיינען הייליק אויך ביי קריסטן.

אַנדערע יידישע מחברים, וואָס האָבן געלעבט אין אלכסנדריא, האָבן אויך געשריבן זייערע ווערק אויף גריכיש, נאָר דעם אינהאַלט האָבן זיי גענומען פון תנ"ך. אין יענער צייט האָבן דער רוב גריכישע און רוימישע היסטאָריקער מער געפלייסט זיך צו שרייבן שען, ווי צו באַשרייבן ריכטיק די געשעענישן. די יידישע שריפטשטעלער האָבן זיי דערין נאָכגעטאָן. זיי האָבן זיך אויך געפלייסט צו באַשיינען דעם יידישן עבר מיט פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע שיינע מעשיות און האָבן אָפטמאָל דערציילט וועגן יידן אַזעלכע שבחים, וואָס קומען זיי גאָרניט. אַזוי, אַשטייגער, דערציילן זיי, אַז משה רבנו זאָל האָבן דער ערשטער אויסגעלערנט די יידן שרייבן, און פון די יידן האָבן זיך די פעניקיער אָפּגעלערנט די דאָזיקע קונסט; אָדער, אַז די גאַנצע עגיפּטישע וויסנשאַפט שטאַמט פון יידן א. אַז. וו.

די ווערק פון פילון און פון אַנדערע יידישע שריפטשטעלער פלעגן אָנקומען צו געבילדעטע גריכן און רוימער, און זיי פלעגן אַ דאַנק דעם אָפטמאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער יידישער אמונה און מיטן יידישן פאָלק. אין יענער צייט זיינען די קלי־

גערע היידן שוין מער ניט געוועזן צופרידן מיט דער געצנדינע־ריי. פריער האָבן אַלע גריכן געקאָנט גלויבן אין דער געטלע־כער קראַפט פון זעווס, יופּיטער און אַנדערע געטער; איצטער אָבער זיינען שוין געווען צווישן די היידן גאָר אַ סך געבילדעטע מענטשן, וואָס זיינען, ווי מען זאָגט, אַריבערגעוואַקסן זייער רע־ליגיע, וואָס זיי האָט דער אַלטער גלויבן אויסגעוויזן קינדיש און נאַריש. די ספקות זיינען אַלץ גרעסער געוואָרן, און עס איז אויפגעשטאַנען אַ הייסער פאַרלאַנג נאָך אַ נייעם גלויבן.

האָבן אייניקע געבילדעטע גריכן און רוימער אָנגעהויבן זוכן און פאָרשן אין תנ״ך און אין אַנדערע יידישע ספרים, אפשר וועלן זיי דאָרט געפינען אַ פאַרענטפערונג אויף זייערע ספקות. און פּאַמעלעך זיינען אַ סך געקומען צו דער איינזעעניש, אַז די יידישע אמונה איז די בעסטע. עס האָט זיך אַלץ מער פאַר־שפּרייט צווישן די געבילדעטע מענטשן אין דער רוימישער אימ־פּעריע דער גלויבן אין איין איינציקן גאָט, וואָס ער איז דער מקור פון אמת און גוטס, און עס האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל אָנהענגער פון דער יידישער אמונה.

נאָך פאַרן חורבן בית־המקדש, אַן ערך אין יאָר 40 פון דער קריסטל. צייט, האָט זיך מגייר געווען אַ קיניג פון אַ קליינער אַזיאַטישער מלוכה, הדייב, און אויך דעם קיניגס מוטער און ברודער. די קיניגלעכע משפחה פלעגט אָפטמאָל קומען צופאָרן קיין ירושלים און האָט אַ סך געזאָרגט וועגן אויספּוצן דעם בית־המקדש. זיי האָבן אויך אויפגעבויט פאַר זיך אַ פּאַלאַץ אין ירושלים און אַ גרויסאַרטיקע קברות־שטוב, וואו מען האָט שפּע־טער מקבר געווען דעם קיניג גופא, איזאַטעס, און זיין מוטער העלענע. די דאָזיקע קברות־שטוב שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

נאָר די יידישע קאָלאָניסטן האָבן ווייניג געזאָרגט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער יידישער אמונה. חוץ דעם, איז

פאַרן גרעסטן רוב היידן, וואָס האָבן געוואָלט זיך מגייר זיין, צו שווער געווען אָפּצוהיטן אַלע דינים, וואָס אַ ייד מוז זיי אָפּהיטן. דעריבער זיינען אַ סך פון די, וואָס האָבן אוועקגעוואָרפן די היידנישע רעליגיע, פאַרבליבן נאָר „יודאַאיזירנדיקע", דאָס הייסט, זייער פריערדיקן שטייגער לעבן האָבן זיי ניט אומגעביטן, נאָר זיי פלעגן גיין אין סינאַגאָגע, אָפּהיטן שבת און אייניקע יידישע מנהגים. שפּעטער זיינען אַ סך פון די „יודאַאיזירנדיקע" געוואָרן קריסטן.

## דער אויפשטאַנד פון די קאָלאָניעס (115—117).

דער חורבן פון ירושלים האָט שטאַרק אויפגערעגט אַלע יידן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער אַלע שטעט פון דער רוימישער מלוכה. אויך פריער האָבן זיי ניט גאָר געטרויט די גריכן, רוימער און אַנדערע היידנישע פעלקער; איצטער האָבן זיי באַטראַכט זיי ווי שונאים ממש. נאָר ווי גרויס עס איז געווען דער צער פון די יידישע קאָלאָניסטן, נאָר דעם מוט האָבן זיי ניט אָנגעוואָרן. זייער עיקר טרייסט איז געווען דער גלויבן, אַז עס וועט קומען משיח, וואָס וועט אויסלייזן אַלע יידן, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, פון היידנישן יאָך, צונויפקלייבן אַלעמען קיין ארץ-ישראל און אויפריכטן דאָרט די יידישע מלוכה.

אין משך פון די ווייטערדיקע יאָרן איז די שנאה צווישן די יידישע קאָלאָניסטן און צווישן די היידנישע פעלקער ניט קלענער געוואָרן, און עס איז געווען גענוג דער קלענסטער אויםרייד, אַז יידן זאָלן אויפשטיין קעגן זייערע אונטערדריקער. אין די יידישע קאָלאָניעס האָט דער אויפשטאַנד אויסגעבראָכן נאָך פריער, איידער אין ארץ ישראל. דאָרט האָט ער זיך אָנגעהויבן

אין דער צייט פון קיסר טרינוס, וואָס האָט געקיניגט פאַר אדרינוסן.

טרינוס האָט געוואָלט אָפּנעמען בבל, אַראַביע און אינדיע און איז צוליב דעם אַוועק מיט אַ חיל אין די מזרח-לענדער. צו־ערשט איז די מלחמה אַוועק מיט הצלחה פאַר די רוימער. דער קיסר האָט איינגענומען בבל און האָט אַלע ווײַלע אָנגעזאָגט אין רוים בשורות וועגן פרישע נצחונות. אין בבל האָבן גע־וואוינט אַ סך יידן. זיי האָבן דאָרט געהאַט פולע פרייהייט, און האָבן גאָר קיין חשק ניט געהאַט אַרונטערצופאַלן אונטער דער ממשלה פון רוים. דעריבער האָט זיך צווישן די בבלער יידן אָנגעהויבן אַ באַוועגונג קעגן די רוימער.

צי אונטער דער ווירקונג פון די קלאַנגען, וואָס זיינען אָנ־געקומען אין בבל, אָדער מחמת דעם, וואָס דער קיסר מיט זיין חיל זיינען געווען אויף מלחמה, האָבן זיך אין די יידישע קאָלאָ־ניעס אָנגעהויבן מהומות, וואָס זיינען באַלד געוואָרן צו אַן אָפּע־נעם אויפשטאַנד. דער רוימישער פאַרוואַלטער האָט תיכף אַרויסגעשיקט קעגן די מורדים דעם גאַנצן חיל, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות, נאָר ער איז ניט געווען בכוח זיי בייצו־קומען; ער איז געוואָרן צעקלאַפּט און איז אַנטלאָפן קיין אַלכסנדריא. דאָרט האָבן די היידן אויסגעלאָזן זייער כעס צו די יידן און כמעט אַלע יידן פון אלכסנדריא זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן.

דער אויפשטאַנד איז אַלץ גרעסער געוואָרן, און דער קאַמף פון די יידישע קאָלאָניסטן איז געוואָרן אַן אמתע מלחמה. בכדי איינצושטילן די מרידה, האָט דער קיסר געמוזט אַרויס־שיקן קעגן זיי זיין בעסטן קריגס-הויפטמאַן מיט אַ שטאַרקן חיל. די מורדים זיינען געווען שלעכט באַוואָפנט און האָבן גאָר קיין רייטער ניט געהאַט, מחמת דעם האָבן די רוימער איצט געהאַט די אויבערהאַנט. פונדעסטוועגן האָט דער רוימישער קריגס־

הויפּטמאַן גובר געווען די מורדים ערשט נאָך אַ סך שווערע גע־שלעגן, דערפאַר אָבער האָט די רשעות פון די רוימישע זעלנער קיין גרעניץ ניט געהאַט. זיי פלעגן אַרומרינגלען די געפאַנגענע און אויסקוילען זיי ביז איינעם. ווידער אַמאָל האָבן הונדער־טער טויזנטער יידן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַרן פּרואוו צו באַפרייען זיך פון דער ממשלה פון די רוימער.

## 8.

# יידן אין בבל

(70—500 פון דער קריסטל. צייט).

## פון וואָס מען לעבט.

די יידישע קאָלאָניע אין בבל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין VI יאָרהונדערט פאַר דער קריסטל. צייט, האָט באַקו־מען פאַרן יידישן פאָלק גאָר אַ באַזונדער באַדייטונג. איטלעכס מאָל, ווען איבער ארץ־ישראל פלעגט אויסברעכן אַ נייע צרה, פלעגן טויזנטער יידן זיך אַריבערכאַפּן אין דער שכנישער בבל. סיי נאָכן חורבן פון ירושלים און סיי נאָכן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא האָבן יידישע אַנטלאָפענע געפונען אין בבל אַ מקום־מקלט. אַ טייל פון די אַנטלאָפענע האָבן שפּעטער, אין בעסערע צייטן, זיך אומגעקערט צוריק קיין ארץ־ישראל, אַ טייל אָבער פון זיי זיינען געבליבן אין בבל אויף שטענדיק.

באַזונדערס פיל עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן קומען פון ארץ־ישראל קיין בבל זינט דעם IV יאָרהונדערט, ווען אין דער רוימישער מלוכה האָבן כמעט ניט אויפגעהערט קיין רדיפות אויף יידן. אין בבל האָט זיך די יידן געלעבט אַ סך בעסער. דעריבער זיינען אין ארץ־ישראל געוואָרן אַלץ ווינציקער יידן,

און אין בבל זיינען כסדר צוגעקומען נייע. די חשיבות פון ארץ־ישראל איז געפאַלן וואָס פון יאָר מער. סוף כל סוף, אַז עס איז בטל געוואָרען די נשיאות, איז אין בבל אַריבערגעטראָגן געוואָרן די גרויסע ישיבה, און דאָס דאָזיקע לאַנד איז געוואָרן פאַר יידן אַזוי ווי אַ צווייטע היים.

צווישן די בבלער יידן זיינען געווען אַ סך סוחרים און בעלי־מלאכות. זיי האָבן געוואוינט דער עיקר אין שטעט. אין פומבדיתא, נהרדעא, סורא און מחוזה איז שיער ניט דער רוב פון דער באַפעלקערונג באַשטאַנען פון יידן. נאָר אויך אין די דערפער פון בבל האָבן געוואוינט אַ סך יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט, גערטנעריי, סעדעריי און וויינגערטנעריי. פונקט ווי די געבאָרענע בבלים, פלעגן אויך די יידישע פויערים גראָבן קאַנאַלן אויף צו באַוואַסרן די פעלדער, בויען דאַמבעס אויף צו שיצן זיי פון געוויסער, און מחמת דעם האָט די ערד אַרויסגעגעבן רייכע גערעטענישן פון תבואה און פירות. מער פון אַלץ איז בבל געווען באַרימט מיט סעזאַם־אייל און טייטלען, וואָס פון זיי פלעגט מען מאַכן האָניק און וויין. דאָרט זיינען געשטאַנען גאַנצע וועלדער טייטלבוימער, אַרומגעפלאָכטן מיט וויינשטעקער.

ניט געקוקט אויף דער פרוכפּערקייט פון דער ערד, האָבן די יידישע פויערים געלעבט זייער אָרים! זיי האָבן געמוזט צאָלן פאַר אַרענדירן די ערד גרויסע מקחים, חוץ קאָפּ־שטייער און ערד־שטייער. אָט די אָפּצאָלונגען האָבן איינגעשלונגען דעם גרעסטן טייל פון פויערס הכנסות. ווען דער פויער פלעגט ניט באַצאָלן צו דער צייט פאַר דער אַרענדע, פלעגט מען ביי אים אָפּנעמען זיין חלק ערד און איבערגעבן אַן אַנדער ערד־אַרבעטער. נאָר עס פלעגט אויך טרעפן, אַז דער יידישער פויער האָט מער קיין כוח ניט געהאַט צו טראָגן די שווערקייט פון די אָפּצאָלונגען, און ער פלעגט אַליין לאָזן די פעלדער שטיין. בכדי

ניט צו באַגעגענען זיך מיט די שטייער־קלייבער און מיט די מאַנער פון אַרענדע־געלט, וואָס פלעגן אָן רחמנות אויפמאָנען די חובות, פלעגן די אָרימע פויערים בשתיקה זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער אָרט. נאָר ניט געקוקט אויפן שווערן לעבן, פלעגן די יידישע פויערים ניט מיט גרויס חשק בייטן זייער פרנסה.

אין די בבלישע שטעט און דערפער האָבן אויך געוואוינט אַ סך יידן פראָסטע אַרבעטער: רודערערס, טרעגערס, האָלצ־העקערס, און בעלי־מלאכות: טעסלערס, טישלערס, פאַרבערס, וועבערס, גאָלדשמידן, פערל־בוירערס און אַנדערע. די יידישע בעלי־מלאכות האָבן געלעבט בעסער פאַר די פויערים. אין יע־נער צייט איז אין בבל געגאַנגען אַ גלייכוואָרט: „זיבן יאָר גייט אום איבערן לאַנד דער הונגער, נאָר אין דער טיר פון בעל־מלאכה קוקט ער ניט אַריין". אויף די שטאָטישע מאַרק־פּלע־צער האָבן וועבערס, שוסטערס, שניידערס געהאַט זייערע שטעלן. אין מאַרק־טעג, ווען אין שטאָט פלעגן זיך צונויפקומען פויערים פון די אַרומיקע דערפער, פלעגן די מערק זיין שטאַרק באַלעבט. באַזונדערע אויפזעער האָבן השגחה געגעבן אויף דער אָרדענונג און אויסגעגלייכט סכסוכים, וואָס קאָנען פאָר־קומען צווישן סוחר און קונה. זיי האָבן אויך אויפגעפּאַסט, אַז די הענדלער זאָלן געבן אַ ריכטיקע וואָג און מאָס.

אין בבל זיינען אויך געווען יידישע שרייבער, ערד־מעס־טער, פעלדשערס, דאָקטוירים, קאָמיסיאָנערן און אפילו געדונ־גענע זעלנער. חוץ קרעמער און קליינע הענדלער, זיינען אין בבל געווען אויך גרויסע יידישע סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט ניט נאָר מיט פאַרשיידענע בבלישע שטעט, נאָר אויך מיט אינ־דיע, סיריע, גריכנלאַנד און אַנדערע לענדער. זיי פלעגן אָנלאָדן הונדערטער שיפלעך מיט וואָל, פלאַקס, ווייץ, וויין און אַנדערע סחורות און שיקן זיי איבער די קאַנאַלן און טייכן אויף די

ירידים אין בבלישע שטעט אָדער אין די האַפן־שטעט, בכדי פון דאָרט זיי אַרויסצופירן ווייטער אויף שיפן איבערן ים אין פרעמדע לענדער.

די יידישע סוחרים, וואָס פלעגן פירן אַ גרויסן האַנדל מיט די מערבדיקע און מזרחדיקע לענדער, האָבן אָפטמאָל געהאַט גרויסע הכנסות און אָנפאַרדינט גרויסע עשירות.

## די אינווייניקסטע פאַראַנדקעס

יידן האָבן געוואוינט דער עיקר אין דרום־טייל פון מעסאָפּאָטאַמיען, אין דער געגנט פון דער אַלטער בבל. די פּאַרטער און פּערסער, וואָס האָבן געוועלטיקט איבערן גאַנצן לאַנד, פון אויספלוס פון פרת און חידקל ביזן פערסישן ים־אויסגוס, האָבן כמעט קיין שום נגישות ניט אָנגעטאָן יידן. נאָכדעם ווי די רוימער האָבן איינגענומען ארץ־ישראל, האָט זיך די יידן געלעבט אין בבל פרייער, איידער ביי זיך אין דער היים. יידן האָבן דאָרט געהאַט אַ ברייטע זעלבסטפאַרוואַלטונג, און די ממשלה פון די פערסישע מלכים האָבן זיי אַ סך ווינציקער געפּילט, איידער זייערע ברידער די אויבערהערשאַפט פון די רוימישע קיסרים. בראש פון די בבלער יידן איז געשטאַנען דער ר י ש ג ל ו ת א; צוערשט האָט ער געוואוינט אין נהרדעא, דערנאָך אין פומבדיתא און צולעצט אין סורא. די מאַכט פון ריש־גלותא פלעגט איבערגיין בירושה פון פאָטער צום זון; די ריש־גלותאס האָבן געפירט זייער יחוס פון דוד המלך. זיי האָבן זיך ווינציקער פאַרנומען מיט אמונה־זאַכן, איידער די נשיאים פון ארץ־ישראל, און כמעט זייער גאַנצע צייט אָפּגעגעבן צו וועלטלעכע ענינים. זיי האָבן געהאַט אייגענע באַאַמטע, וואָס האָבן געקליבן שטייערן און אויסגעפירט אַלע זייערע באַפעלן.

דער ריש־גלותא פלעגט באַשטימען דיינים אין די איינציקע קהלות אָדער באַשטעטיקן די דיינים, וואָס די קהלות האָבן אויסגעקליבן. ער אַליין איז געווען דער העכסטער דיין פאַר אַלע יידן פון בבל. ער פלעגט פונאַנדערקלייבן פּראָצעסן און משפּטן יידן פאַר הריגות, גזלות און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס; דערביי האָט ער געמוזט זיך נוהג זיין שטרענג לויט די יידישע דינים. נאָר דער ריש־גלותא האָט געקאָנט אויך אָן אַ משפּט אריינזעצן יידן אין תפיסה און לאָזן שלאָגן זיי מלקות.

פונקט ווי די נשיאים, פלעגן אויך די ריש־גלותאס אָן אַנדערש מאָל געברויכן זייער וואָרט צום בייזן. מען האָט זיי אָפטמאָל באַשולדיקט אין גאוה, אומגערעכטיקייט, בייזע תקיפות. נאָר דער גרעסטער רוב פון זיי האָט זיך פאַרט אינטערעסירט מיט די נויטבאַדערפענישן פון פאָלק. זיי פלעגן אָפטמאָל טיילן אָרעמע לייט געלט און קליידער, זאָרגן וועגן האָדעווען יתומים, אויסגעבן אָרעמע כלות. דעם ריש־גלותא׳ס פּאַלאַץ פלעגט שטענדיק זיין אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס קומען בעטן אַ טובה. איינער האָט געבעטן אויף הכנסת־כלה, אַ צווייטער אויף פדיון שבויים, און די ריש־גלותאס האָבן זיך געמיט אַלעמען צופרידן צו שטעלן.

די ריש־גלותאס האָבן געהאַט גרויסע הכנסות, און געלעבט האָבן זיי ווי די פירשטן. זיי האָבן געהאַט גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן, אַ סך דינער און קנעכט. ווען דער ריש־גלותא פלעגט פאָרן צום קיניג אין פּאַלאַץ, דעמאָלט פלעגט ער אָנטאָן אַ זיידענעם מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גילדענעם גאַרטל. די ריש־גלותאס פלעגן קומען צו די פערסישע שרים אויף מאָלצייטן און פלעגן אליין מאַכן פאַר זיי מאָלצייטן. ביים ריש־גלותא׳ס הויף האָבן געלעבט הונדערטער באַאַמטע און געלערנטע, און צו זיין טיש פלעגן זיין איינגעלאַדן די רבנים, וואָס זיינען געווען זיינע הויפּט־יועצים. די יידן פון בבל האָבן אָפּגעגעבן גרויס

כבוד זייערע ריש־גלותאס. אַלע יום־טוב פלעגן אַ סך יידן קו־מען צום פּאַלאַץ, בכדי אים צו ביטן „גוט יום־טוב“. אין בית־הכנסת פלעגט מען אים אָפּגעבן כבוד, ווי אַ מלך; ער פלעגט ניט אַרויפגיין אויף דער בימה לייענען די תורה, נאָר מען פלעגט די ספר תורה ברענגען צו אים אויף זיין פּלאַץ, וואו ער איז געזעסן.

בכדי צו פירן די אָרטיקע ענינים, פלעגט איטלעכע קהלה אויסקלייבן אַ ועד פון זיבן מיטגלידער, וואָס זיי פלעגן באַשטי־מען שלוחים פאַר די אויפטראָגן מיט אַנדערע קהלות, אָנפירן די ענינים פון צדקה, זאָרגן, אַז די מויערן פון שטאָט זאָלן גאַנץ זיין. דער אָרטיקער בית־דין איז באַשטאַנען פון דריי מיטגלי־דער. די יידישע דיינים פלעגן טאָן זייער התמנות אָן געצאָלט, און צווישן זיי זיינען געווען יידן סוחרים, בעלי־מלאכות און ערד־אַרבעטער. טיילמאָל פלעגן די צדדים זיך ווענדן מיט זייי־ערע פּראָצעסן אין דער ישיבה. ווען דער תובע האָט געפאָדערט, האָט דער נתבע שטענדיק געמוזט זיך שטעלן פאַר אַ בית־דין פון רבנים. בכלל האָבן די מיטגלידער פון דער ישיבה געהאַט אַ גרויסע דעה ביי די בבלער יידן. זיי פלעגן באַשטימען, וויפיל אָפּצאָלונגען יידן האָבן צו צאָלן, איינשטעלן די מקחים אויף ברויט און וויין און אָננעמען מיטלען אויף צו פאַרהיטן אָרעמע לייט קעגן דער רמאות פון די הענדלער און באַשיצן אַרבעטער פון אונטערדריקונגען מצד די בעלי־בתים.

אין אַלע וויכטיקע פאַלן פלעגן די יידישע קהלות צונויפ־רופן פאָלקס־אסיפות, וואו עס פלעגן נעמען אָן אָנטייל אַלע אָר־טיקע יידן. די פאָלקס־אסיפות פלעגן אויסקלייבן ניט נאָר די מיטגלידער פון ועד, נאָר אויך דיינים און לערער. דאָרט פלעגט אויך ווערן באַשטימט די פראַגע וועגן בויען אַ בית־הכנסת אָדער אַ הויז פאַר הכנסת־אורחים. איטלעכע קהלה האָט געהאַט דאָס

רעכט צו באשטימען אפצאלונגען און קלייבן געלט אויף די אר־
טיקע הצטרכותן.

אין III יארהונדערט איז דער מצב פון די בבלער יידן אויף
א געוויסער צייט ערגער געווארן. די פערסער האבן מורד גע־
ווען קעגן פארטישן קיניג, אראפגעזעצט אים פון טראן, און אי־
בער פרס און בבל האט ווידער אנגעהויבן קיניגן א פערסישער
קיניג. דער נייער קיניג האט געוואלט אויפריכטן די אמאליקע
גדולה פון דער פערסישער מלוכה און האט זיך אנגערופן „מלך
פון די מלכים פון איראן“. די פערסער האבן געדינט צום פייער,
ווי צו א גאט, און דער קיניג האט זיך ארומגערינגלט מיט פער־
סישע כהנים, וואס האבן געהייסן אמגושים (מאגן), און האבן
גענומען רודפן אלע מענטשן פון אן אנדער גלויבן, ווי היידן,
קריסטן און יידן.

מער פון אלעמען האבן געליטן פון די רדיפות פון די אמגו־
שים די יידן. זיי איז געווארן פארבאטן צו פארנעמען געזעל־
שאפטלעכע שטעלעס און צו משפטן אין אייגענע בתי־דינים
קרימענעלע פארברעכערס. בעת די פערסישע חגאות, ווען די
אמגושים האבן מתפלל געווען אין זייערע טעמפלען צום גאט
פון ליכטיקייט, הורמיז, פארן הייליקן פייער, האבן יידן דער־
מאלט ניט געטארט אנצינדן קיין פייער. ווען די פערסער פלעגן
באמערקן פייער אין אן אויוון, פלעגן זיי זיך ארייננרייסן אין יידי־
שע הייזער, אוועקטראגן די ברענענדיקע שייטן האלץ אין זייער
טעמפל און אנידערלייגן אויפן הייליקן פייער־פלאץ. די בבלער
יידן, וואס זיינען געווען צוגעוואוינט צו פרייהייט, זיינען שטארק
אויפגערייצט געווען קעגן די פערסער; אין זייער כעס זיינען א
סך געווען גרייט צו בעטן אויף זיך די ממשלה פון די רוימער.
איין מאל האבן זיך די אמגושים ארייננעריסן אין שטוב צו א
קראנקן אמורא און האבן אויסגעלאשן זיין לאמפ. די דאזיקע
גראבע געוואלט־מעשה האט אזוי פיל אויפגעבראכט דעם

אמורא, אז ער האט אויסגעשריען: רבונו של עולם! אויב דו נעמסט אונז ניט אונטער דיין שוץ, לאז אונז, לכל הפחות, אונ־טערן שוץ פון די רוימער!"

נאר די רדיפות האבן געדויערט ניט לאנג. אין בבל זיינען געווען א סך יידן, און זייער השפעה איז געווען צו גרויס, אז די פערסישע רעגירונג זאל קאנען גרינג מיט זיי שטארק איינרייסן. אין יענער צייט האבן די פערסער געפירט אפט מלחמות מיט די רוימער, און די פיינטשאפט פון די יידן צו זיי האט געקאנט ברענגען זיי א גרויסן שאדן.

גאר אין גיכן האט די פערסישע רעגירונג איינגעזען, אז עס לוינט ניט צו דערצארענען די יידן, אז בעסער איז צו לעבן מיט זיי אין שלום, בכדי מען זאל קאנען אין א צייט פון סכנה, ווען דער שונא פאלט אן, אדער ווען אין לאנד שטייען אויף מהומות, רעכענען אויף זייער הילף. ס'זיינען ניט אוועק קיין צוואנציק יאר, האבן די רדיפות אויף יידן אויפגעהערט. זיי האבן ווידער געקראגן די זעלביקע רעכט, וואס פריער, און אין משך פון צוויי יארהונדערטער האבן די פערסישע מלכים ניט געשטערט די רעליגיעזע פרייהייט פון די יידן.

## מדות און מנהגים.

די בבלער יידן האבן גערעדט אויף דער מזרח־אראמישער שפראך. קיין פערסיש האבן זיי ניט געקאנט, און אין זייער שפראך האבן זיי אריינגענומען זייער ווייניק פערסישע ווער־טער. די יידן, וואס האבן געוואוינט אין דער שטאט בבל, האבן גערעדט באזונדערס שיין. צווישן זיי זיינען געווען א סך חשובע לייט, וואס זיינען געווען שטאלץ אויף זייער אלטן יחוס. איי־ניקע פון זיי האבן געלעבט זייער רייך און זיינען אין קיין זאך ניט אראפגעפאלן אנטקעגן די פערסישע גדולים. רייכע יידן

פלעגן מאַכן גרויסאַרטיקע מאָלצייטן, וואו מען פלעגט דער־לאַנגען טייערע מאכלים אויף זילבערנע און גילדענע כלים. זייערע ווייבער און טעכטער פלעגן טראָגן טייערע קליידער, בריליאַנטן און פערל. אויך אין נהרדעא און אַנדערע בבלישע שטעט האָבן געוואוינט מיוחסדיקע און רייכע יידן. די יידישע גדולים און רייכע סוחרים זיינען אומעטום געווען אויסגעבונדן מיט די פּערסער און פאַרטער פון זייער גראַד; אפילו די העכסטע שרים פון דער מלוכה פלעגן אָפטמאָל קומען צו די סעודות פון די יידישע גבירים.

אין גאַנץ בבל האָבן יידן שטרענג אָפּגעהיט שבת. ווי נאָר עס פלעגט זיך לאָזן הערן דער קול פון שופר, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עס איז געקומען שבת, פלעגן אַלע תיכף לאָזן די אַרבעט און אַזוי ווי אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאגות פון דער וואָך. פּויערים און בעלי־מלאכות פלעגן דעם טאָג פאַרברענגען ביי זיך אין דער היים, צווישן דער אייגענער משפחה, און פלעגן אָפטמאָל אויסגעבן אויף די שבתדיקע סעודות דעם גרעסטן טייל פון פאַרדינסט פון דער גאַנצער וואָך. די גרויסע ימים־טובים פלעגן די פּויערים געוויינלעך פאַרברענגען אין די נאָנטסטע שטעט, וואוהין זיי פלעגן קומען צו גיין צו פוס אָדער צו פאָרן אויף שיפלעך. ערב יום־טוב פלעגן זיך ציען דורך די פּאַלמענוועלדלעך, איבער טאָלן און בערגלעך, מאַסן יידישע פּויערים, וואָס פלעגן אויף אַ ווײַלע לאָזן זייערע שווערע פּראַצע, בכדי אויסצורוען זיך און זיך משמח צו זיין. אין שטאָט פלעגן זיי דעם פרימאָרגן פאַרברענגען אין בית־הכנסת, הערן לייענען די תורה און די דרשות, און נאָך מיטאָג פלעגט מען זיך אָפּגעבן מיט פאַרווײַלונגען, געזאַנג און טענץ.

די בבלער יידן זיינען געווען מער אויפגעלייגט צו פריילעכקייט און געזעלשאַפטלעכקייט, איידער די פּאַלעסטינער. ביי זיי איז געגאַנגען אַ גלייכוואָרט: „אָדער לעבן אין געזעלשאַפט

אָדער טויט" (או חברותא או מיתותא). זיי האָבן ליב געהאַט מוזיק, געזאַנג און זיינען שטענדיק גערן געווען זיך משמח צו זיין. ניט נאָר די יידישע גדולים, נאָר אפילו די פּויערים און בעלי־מלאכות פלעגן ניט אויסמיידן צו האָבן אויפטראָגן מיט היידן. ס'פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל אין די פריילעכע סעודות פון זייערע היידנישע שכנים און פלעגן דער־ביי אַמאָל עובר זיין אויף אַ יידישן דין. די פּאַלעסטינער יידן איז דאָס שטאַרק ניט געווען געפעלן, און זיי פלעגן שטענדיק זיין אויפגעבראַכט איבער דער לייכטזיניקייט פון די „בבלים". נאָר אין משך פון דער צייט האָט זיך די פּאַלעסטינישע השפעה אַלץ מער פארשטאַרקט אויך צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין בבל.

## דאָס גייסטיקע לעבן.

אַ סך בבלישע רבנים האָבן זיך געלערנט אין די ישיבות פון ארץ־ישראל, און אז זיי זיינען געקומען אהיים, האָבן זיי דאָרט איינגעפלאַנצט די זעלביקע פרומקייט, וואָס האָט גע־הערשט אין ארץ־ישראל. באַזונדערס שטאַרק האָט געווירקט אין דעם פרט דער אמורא אבא אריכא, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען רב.

רבי אבא אָדער רב האָט געשטאַמט פון אַ משפחה בבלישע רבנים. רב'ס ערשטער רבי איז געווען זיין אייגענער פאָטער. נאָכן פאָטערס טויט איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל און האָט אין משך פון אַ סך יאָרן געלערנט תורה אין די ישיבות פון צפורי און טבריא. גראָד אין יענער צייט זיינען רבי יהודה הנשיא און אַנדערע פּאַלעסטינישע תנאים געווען פארנומען מיט צו־נויפשטעלן די משנה. ביים אַרומקלערן איינציקע דינים פלעגן אָפטמאָל אַרויסקומען ויכוחים, וואָס אין זיי פלעגן אויך נעמען

אַן אַנטייל די תלמידים. רב׳ס קשיות און איינפאַלן פלעגן זיך שטענדיק אויסצייכענען מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט און פאַר־שטאַנדקייט, און אינגיכן האָט ער געקראָגן אַ שם, ווי איינער פון די בעסטע תלמידים.

אין אַנהויב III יאָרהונדערט איז אַבא אַריכא געקומען צוריק קיין בבל. אין נהרדעא, וואו עס איז דעמאָלט געזעסן דער ריש גלותא, האָט מען רב׳ן פאָרגעלייגט צו ווערן אַ ראש ישיבה. נאָר ער האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט אַן אַנדער אמורא, און אליין האָט ער אַ געוויסע צייט פאַרנומען די שטעל פון אַ האַנדלס־אויפזעער. ארומפאָרנדיק איבער שטעט און דערפער, האָט זיך רב באַקענט מיט דעם לעבנס־פיר פון די בבלער יידן, און די עם־הארצות פון פאָלק האָט אויף אים געמאַכט אַזאַ רושם, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן די תורה צווישן פאָלק.

אין יאָר 219 האָט רב געגרינדעט אין סורא אַ נייע ישיבה. היות ווי רב איז געווען דער גרעסטער געלערנטער און דערצו אַן אויסגעצייכנטער רבי, דעריבער האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אין דער ישיבה פון סורא אַ סך תלמידים ניט נאָר פון בבל, נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. אין דער שטוב, וואו די ישיבה איז געווען, האָט ניט געקלעקט קיין אָרט פאַר אַלע לערנער, און דע־ריבער האָבן אַ טייל פון די תלמידים געמוזט לערנען אין סאָד. בכדי צו פאַרשפּרייטן די קענטשאַפט פון דער תורה אויך צווישן די יידישע פויערים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ניט געקאָנט זיך פאַרנעמען שטענדיק מיט לערנען, האָט רב צוויי מאָל אין יאָר, פאַר פסח און פאַר סוכות, איינגעאָרדנט לעקציעס, וואָס צו זיי האָט געקאָנט קומען איטלעכער, ווער עס האָט נאָר גע־וואָלט. די לעקציעס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אינטערעס, אַז פון ווייט און ברייט פלעגן אין סורא זיין אַזוי פיל אָנגעפאָרענע, אַז אַלע האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין דירות אויף נעכטיקן, און אַ

סך זיינען געווען געצוואונגען זיך אָפּצושטעלן אונטערן פרייען הימל, אויפן באַרג פון דער סוראַ׳ער אַזערע.

רב פלעגט באַקענען זיינע צוהערער ניט נאָר מיטן חומש, נאָר אויך מיט די הלכות פון דער משנה, און ער האָט געפאָדערט, אַז עס זאָלן שטרענג אָפּגעהיט ווערן אַלע דינים. ער איז געווען שטאַרק קעגן דעם, אַז יידן זאָלן האָבן אויפטראָגן מיט די פּערסער און זאָלן עפּעס אָפּלערנען פון זיי. אויף אים זאָגט מען, אַז ער זאָל האָבן געזאָגט: „ווער עס לערנט אָפּ ביי די אמגושים אפילו איין זאַך, איז חייב מיתה".

רב׳ס חבר און פריינד, שמואל, וואָס איז געוואָרן ראש-ישיבה אין נהרדעא, באַלד ווי ער איז געקומען צוריק פון ארץ-ישראל, איז געווען ניט אַזוי שטרענג פרום. חוץ תורה און תלמוד, האָט ער שטודירט נאַטורוויסנשאַפט, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, און האָט אַ סך אָפּגעלערנט ביי די פּערסישע געלערנטע. די רבנים פון ארץ-ישראל האָבן דערפאַר געטאַדלט שמואלן, נאָר אין בבל האָט מען אים שטאַרק געאַכט; ער האָט געהאַט זייער אַ סך תלמידים, וואָס האָבן זיך אויך אינטערעסירט מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן.

רב׳ס און שמואלס אויפטו האָט געבראַכט גוטע פּירות, דער פאַרלאַנג צו קענען די תורה איז אַריינגעדרונגען סיי אין פּאַלאַץ פון ריש-גלותא און סיי אין שטוב פון ערד-אַרבעטער. די ריש-גלותאס און דיינים האָבן אָנגעהויבן אָנווענדן די דינים, וואָס שטייען אין דער משנה. מחמת דעם האָבן געמוזט לערנען תורה און משנה ניט נאָר רבנים און דרשנים, נאָר אויך אַלע יידן, וואָרים אמת פרום האָט מען געקאָנט זיין נאָר ווען מען האָט געוואוסט אַלע יידישע דינים. רבנים האָט מען אָפּגעגעבן מער כבוד, איידער מיוחסים און גבירים, און עמי-הארצים זיינען געווען פאַראַכט. ביסלעכווייז האָבן די אמוראים פון בבל אַרי-

בערגעשטייגט די אמוראים פון ארץ־ישראל, און די ישיבות פון בבל האָבן פאַרשטעלט די פּאַלעסטינישע.

## רב הונא.

יונגערהייט האָט רב הונא זיך פאַרנומען מיט באַאַרבעטן די ערד. ער האָט געהאַט אַ קליין שטיקל ערד, און ער פלעגט אַליין אַקערן זיין פעלד. אַז זיין שם פאַר אַ גרויסן למדן האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די אָרטיקע יידן, און מען האָט אָלץ אָפטער אָנגעהויבן בעטן ביי אים, ער זאָל פּסקענען אַ דין תורה, פלעגט ער געוויינטלעך זאָגן: „גיט מיר אַ מענטשן פאַר די פעלד־אַרבעטן, וועל איך זיין אייער דיין". פאַרנאַכט פלעגט רב הונא גיין צו זיך אַהיים מיט אַ רידל אויפן אַקסל. איינער אַן אָרטי־קער גביר, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיין פרומקייט און צדקה, ווען ער פלעגט באַגעגענען אַזוי רב הונא'ן, פלעגט ער אָפטמאָל וועלן אַראָפּנעמען פון אים דעם רידל. נאָר רב הונא פלעגט זיך אָלע מאָל אָפּזאָגן פון זיין הילף: „דו ביסט ניט גע־וואוינט דאָס צו טאָן", פלעגט ער זאָגן.

שפּעטער איז רב הונא רייך געוואָרן; ער האָט געהאַט אַ סך פעלדער, וואָס פועלים פלעגן זיי באַאַרבעטן, און גרויסע סטאַדעס. נאָך רב'ס טויט איז רב הונא געוואָרן ראש ישיבה אין סורא. ער איז געבליבן דער זעלביקער עניו, וואָס געווען. אַ גרויסן טייל פון זיינע הכנסות פלעגט ער צעטיילן אויף צדקה. אַז פון סירישן מדבר פלעגט זיך אויפהויבן אַ שטורם־ווינט און צעשטערן די הייזער אין סורא, פלעגט רב הונא אליין זיך לאָזן אַרומקוקן די שטאָט. זיצנדיק אויף אַ טראַג־שטול, פלעגט ער זיך אָנצייכענען די צעשטערטע הייזער פון אָרעמע לייט, און דערנאָך פלעגט ער זיי העלפן אויפבויען זיך נייע הייזער.

מיטאָג-צייט פלעגט רב הונא׳ס דינער עפענען אַלע טירן און אויסרופן: „ווער עס איז נויטבאַדערפטיק זאָל קומען און עסן“. די נויטבאַדערפטיקע תלמידים פון דער ישיבה אין סורא האָבן די גאַנצע צייט פון זייער לערנען געלעבט אויף זיין חשבון. ער האָט געהאַט אַזוי פיל תלמידים, אַז ווען עס פלעגט זיך אויפהויבן אַ געדיכטער וואָלקן שטויב, פלעגט מען אויף קאַטאָוועס זאָגן: „רב הונא׳ס תלמידים שטייען אויף פון זייערע ערטער און טרייסלען אָפּ זייערע מאַנטלען“.

רב הונא פלעגט זאָגן, אַז פאַר די בבלער יידן דאַרף בבל האָבן די זעלביקע חשיבות, ווי ארץ-ישראל; פונדעסטוועגן האָט ער געבעטן, מען זאָל אים מקבר זיין אין הייליקן לאַנד. די אַמוראים פון ארץ-ישראל האָבן באַגעגנט רב הונא׳ס אָרון און האָבן אים מקבר געווען מיט גרויס כבוד.

## די חתימה פון תלמוד בבלי.

אין בבל זיינען געוואָרן אַלץ מער רבנים, און זייער השפעה איז אַלץ געוואַקסן. אָבער די פריערדיקע כשרקייט און לויטערקייט פון די מעשים איז בהדרגה פאַרשוואונדן. אין משך פון דער צייט האָבן די אַמוראים פון בבל אָנגעהויבן געניסן באַזונדערע רעכט: זיי זיינען געוואָרן באַפרייט פון צאָלן שטייערן, די פּראָדוקטן, וואָס זיי פלעגן אַרויספירן אויפן מאַרק, פלעגן פריער פון אַלעמענס פאַרקויפט ווערן, און ערשט דערנאָך האָבן די יידישע פויערים און בעלי מלאכות געמעגט פאַרקויפן זייערע סחורות. מחמת דעם האָבן די מיטגלידער פון דער ישיבה געקאָנט נעמען העכערע מקחים און פלעגן אויסלייזן מער פון אַנדערע.

דער גרעסטער רוב פון די אַמוראים האָבן געקוקט אויפן פּראָסטן המון פון אויבן אַראָפּ, און דערפאַר האָט דער עולם זיי

ניט שטאַרק ליב געהאַט. אויפגעבראַכט איבער דער גאווה פון די מיטגלידער פון דער ישיבה, פלעגן יידן אַמאָל פאַרגעסן אין זייערע פאַרדינסטן. אַלץ אָפטער האָט מען געקאָנט הערן פון פויערים און בעלי-מלאכות אַזעלכע רייד: „וואָס האָבן מיר פון די אַלע תלמידי חכמים? זיי לערנען תורה נאָר צוליב זייער טובה וועגן".

דערווייל האָבן די אַמוראים פון בבל זיך אַלץ מער באַפרייט פון דער השפעה פון די פּאַלעסטינער אַמוראים און האָבן זיך אַלץ וויניקער גערעכנט מיט זייערע מיינונגען. אמת, אין די בבלער ישיבות האָט מען זיך פאַרנומען דער עיקר מיט שטודירן די משנה, וואָס איז דאָך געווען צונויפגעשטעלט אין ארץ-ישראל. נאָר אלע נייע תקנות, אַלע הוספות צו דער משנה האָבן די בבלער אַמוראים צונויפגעשטעלט לויט זייער אייגענעם איינזען. איטלעכע הלכה פון דער משנה פלעגן די אַמוראים פון בבל אַרומריידן, פונאַנדערקלייבן די מיינונגען פון די תנאים און דערנאָך מאַכן זייערע אויספירן.

וואָס פון יאָר האָבן זיך אין די ישיבות פון בבל אָנגעקליבן אַלץ מער נייע תקנות, אַלץ מער הוספות צו דער משנה. סוף כל סוף האָט זיך אויך אין בבל, פּונקט ווי אין ארץ-ישראל, געלאָזט פילן די נויטיקייט צונויפצושטעלן אַלע מסקנות אין אַ געוויסן סדר, בכדי, אַז די צווייהונדערטיאָריקע אַרבעט פון די אַמוראים, זייערע חקירות און אויספירן זאָלן ניט פאַרגעסן ווערן, בכדי די קומענדיקע דורות זאָלן האָבן אַ וועג-ווייזער פאַר וואָס זיך צו האַלטן. צום סוף פון IV יאָרהונדערט האָט זיך פאַר דער דאָזיקער זאַמל-אַרבעט גענומען דער ראש-ישיבה פון סורא, רב אַשי.

רב אַשי איז געוואָרן ראש ישיבה, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק. די שטוב, וואו די סוראַ'ער ישיבה איז געווען, איז שוין געווען אַלט און האָט געהאַלטןביים איינפאַלן. האָט

רב אשי קודם כל געמוזט זארגן, מען זאל אויסבויען א נייע שטוב פאר דער ישיבה. בכדי די ארבעט פון בויען זאל זיך ניט לאנג פארציען, פלעגט ער דארט פארברענגען טאג און נאכט. באלד האט די ישיבה אין סורא געקראגן פונקט אזא גרויסן שם, ווי זי האט געהאט אין רב'ס צייטן. אהין האבן אנגעהויבן זיך קלייבן תלמידים פון אלע עקן בבל. אפילו די ריש-גלותאס האבן זיך באזעצט אין סורא, און סוכות-צייט פלעגן זיך דארט צונויפקלייבן די עלטסטע פון אלע בבלשע קהלות, בכדי אפצו־געבן כבוד דעם ריש-גלותא.

אין דער צייט האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז נויטיק צונויפצוקלייבן די הוספות פון דער משנה, און רב אשי האט דערויף אפגעגעבן זיין גאנץ לעבן. אין משך פון 30 יאר האט ער געלערנט אין דער ישיבה פון סורא די גאנצע משנה מיט די געהעריקע הוספות. אין זיינע שיעורים פלעגט רב אשי איבער־געבן בפרוטרוט די חקירות פון די פריערדיקע תנאים און אמוראים, וואס פלעגן סומך זיין אלע הלכות פון דער משנה אויף פסוקים פון דער תורה, און אלע נייע תקנות פארבינדן מיט די הלכות פון דער משנה.

א דאנק אזא מין לערנען זיינען די תלמידים פון דער סורא'ער ישיבה באקענט געווארן סיי מיט די חוקים פון דער תורה און סיי מיט די שפעטערדיקע דינים. רב אשי'ס תלמידים האבן געקראגן א קלארע השגה וועגן דעם, ווי אזוי די יידישע געזעצגעבונג האט זיך בהדרגה אנטוויקלט, ווי אזוי, אשטייגער, צום לאו פון דער תורה, וואס פארזאגט ניט צו ארבעטן אום שבת, זיינען צוגעקומען ביסלעכוויז נייע דינים און תקנות וועגן שבת־רו: ס'איז געווארן פארבאטן ניט נאר אפקלייבן א וויינגארטן אום שבת, נאר אפילו אפצורייסן איין צווייגל וויינטרויבן אויף צו שטילן דעם דארשט, ניט נאר צו טראגן משאות, נאר אפילו צו האלטן א שטעקן ביים גיין.

דורכדעם וואָס רב אַשי האָט פאַרבונדן די גמרא מיט דער משנה, האָט ער געמאַכט אַ התחלה צום צונויפשטעלן דעם תלמוד בבלי. פאַרן דאָזיקן אויפטו האָט מען אים צוגעגליכן צו רבי יהודה הנשיא און אָנגערופן אים „רבנו“. רב אַשי איז געשטאָרבן אַן ערך אין יאָר 427. נאָך זיין טויט האָבן די אַמוראים פון בבל ווייטער געפירט זיין אַרבעט. צווישן די דאָזיקע אַמוראים האָט זיך אויסגעצייכנט דער ראש־ישיבה פון סורא, רבינא. אונטער זיין אָנפירונג האָבן די אַמוראים צונויפגעקליבן און פאַרשריבן אַלע פירושים און הוספות צו דער משנה. אַז די דאָזיקע אַרבעט איז געוואָרען פאַרענדיקט, איז דער תלמוד ערקלערט געוואָרן פאַר „געשלאָסן“. פון איצט און ווייטער האָט מען שוין קיין שום הספות ניט געטאָרט מאַכן. רבינא איז געשטאָרבן אין יאָר פון חתימות התלמוד, אין יאָר 499.

דער תלמוד בבלי איז געשריבן צום טייל אויף אַראַמיש: די משנה, וואָס איז געוואָרן צונויפגעשטעלט אין ארץ־ישראל, איז געשריבן אויף העברעאיש, און אין דער גמרא געפינט זיך דער עיקר די שפּראַך, וואָס ייִדן אין בבל האָבן אויף איר גערעדט. דער תלמוד בבלי איז אַ סך גרעסער פאַרן תלמוד ירושלמי. חוץ די הלכות אָדער דינים, געפינען זיך אין אים אַ סך ידיעות פון נאַטורוויסנשאַפט, מעדיצין, אַסטראָנאָמיע, היסטאָריע, און אויך אַ סך מעשיות און שפּרוכן.

דער תלמוד בבלי איז געבליבן דער איינציקער ספר, פון וואַנען ייִדן האָבן געשעפּט פאַרשיידענע ידיעות. דעם תלמוד ירושלמי ווייסן נאָר ווינציק ייִדן.